STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02267

MIT A SHTRIK AFN HOLDZ

Julius Fucik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-02267-5

9780657022679T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

יולִיוס פוטשיק

מיט א שטריק אפן האלדז

אָגיז
מעלוכע־פארלאג „דער עמעס״
מאָסקווע 1948

ייִדיש — מ. ראָזענבליום

Montreal

אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין ראַווענסברוק האָב איך פֿון באַ־ווײַרים, וואָס זײַנען געזעסן צוזאַמען מיט מיר, זיך דערוווּסט, אַז מײַן מאַן, יוליוס פֿוטשיק, איז דעם 25־טן אויגוסט 1943 יאָר דורכן נאַציסטישן געריכט אין בערלין פֿאַרמישפּט געוואָרן צום טויט. אָבער אַף אַלע פֿראַגן וועגן זײַן ווײַטערדיקן גורל האָבן מיר די הייכע ווענט פֿונעם לאַגער געענטפֿערט מיט שווײַגן.

אין מײַ 1945 יאָר, נאָך דער מפּלה פֿון היטלערישן דײַטשלאַנד, זײַנען פֿון די תּפֿיסות און קאָנצענטראַציע־לאַגערן אַרויס אַף דער פֿרײַ די אַרעסטירטע, וואָס די פֿאַשיסטן האָבן זיי ניט באַוויזן צו פֿאַר־פֿײַניקן אָדער צו טייטן. צווישן די, וואָס האָבן זיך דערוואַרט אַף דער פֿרײַהייט, בין געווען אויך איך.

איך האָב זיך אומגעקערט אין מײַן באַפֿרײַט היימלאַנד און האָב טייקעף זיך אָנגעהויבן נאָכפֿרעגן אַף מײַן מאַן, פּונקט ווי הונדער־טער טויזנטער אַנדערע, וואָס האָבן געזוכט און זוכן נאָך אַרהײַנעם זייערע מענער, פֿרויען, קינדער, פֿאָטערס, מוטערס, וועלכע האָבן געשמאַכט אין די אומצאָליקע פֿײַניקונגס־קאַמערן פֿון די דײַטשישע אָקופּאַנטן.

איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אין צוויי וואָכן אַרום נאָכן אורטייל, דעם אַכטן סעפּטעמבער 1943 יאָר, האָט מען יוליוס פֿוטשיקן אופֿגע־האַנגען אין בערלין.

איך האָב זיך אויך דערוווּסט, אַז בעת יוליוס פֿוטשיק איז געזעסן אין פּאַנקראַץ, האָט ער געשריבן. אַ מעגלעכקייט צו שרײַבן

25282

האָט איִם געגעבן דער אופזעער א. קאָלינסקי, וועלכער פלעגט אים ברענגען אין קאמער פאפיר און בלייערס און דערנאָך בישטיקע ארויסטראָגן פון טפיסע די פארשריבענע בלעטלעך.

מיר האָט זיך איינגעגעבן צו געפינען דעם דאָזיקן אופזעער. ביסלעכווייז האָב איך צונויפגעקליבן יוליוס פוטשיקס טורמע-נאָטיצן אָט די דורכגענומערירטע זייטלעך, וועלכע זיינען געלעגן באהאלטן אין פארשיידענע ערטער און בא פארשיידענע מענטשן, האָב איך גע-בראַכט אין אָרדענונג און לייג זיי אצינד פאָר דער אופמערקזאמקייט פון די לייענער. דאָס איז דאָס לעצטע בוך פון יוליוס פוטשיק.

גוסטא פוטשיק.

געשריבנ אינ דער געסטאַפּאָ-טורמע
אינ פאַנקראַצ פרילינג 1943 יאָר

זיצנ אָנגעשטרענגט אויסגעצויגנ, די הענט אָנגעשפּאַרט אפ די קני און דעם אומבאַוועגלעכנ בליק אָנגעשטעלט אפ דער אָפּגעבליאַקעווטער וואַנט פונעם צימער פאַר אונטערזוכונגס-אַרעסטירטע אינעם פּעטשעקפּאַלאַצ, — דאָס איז ווײַט ניט די סאַמע באַקוועמע פּאָזע אפ צו טראַכטנ. צי קענ מענ אָבער דעם געדאַנק צווינגענ זיצנ אויסגעצויגנ ווי א סטרונע?

עמעצער האָט אײנמאָל — איכ ווייס שוינ ניט אַצינד ווענ און ווער — א נאָמענ געגעבנ דעם צימער פאַר אונטערזוכונגס-אַרעסטירטע אינעם פּעטשעק-פּאַלאַצ „קינאָ-טעאַטער“. און אויסגעצייכנטער פאַרגלײַכ. א געראַמער לאָקאַל, זעקס שורעס לאַנגע בענק, אפ די בענק אומבאַוועגלעכע מענטשנ, פאַר זיי — א הוילע וואַנט, ענלעכ אפ אַנ עקראַנ. אַלע קינאָ-סטודיעס פונ דער וועלט האָבנ ניט אָנגעדרייט אַזויפיל פילמענ, וויפל ס'האָבנ פּראָיעצירט אפ אָט דער וואַנט די אויגנ פונ די, וואָס האָבנ געוואַרט אפ א נײַעמ פאַרהער, אפ נײַע פּײַניקונגענ, אפנ טויט. גאַנצע ביאָגראַפיעס און קלענסטע עפּיזאָדנ, פּילמענ וועגנ דער מוטער, וועגנ דער פרוי, וועגנ די קינדער, וועגנ דער

25282

רויִנירטער היים, וועגן אומגעבראַכטע לעבנס, פֿילמען וועגן א מוטיקן כאַווער און וועגן פּאַראַט, וועגן לעצטן פֿלוגבלעטל, וואָס מע האָט איבערגעגעבן, וועגן בלוט, וואָס וועט ווידער פֿאַרגאָסן ווערן, וועגן א פעסטן האַנטדרוק, וועלכער פֿאַרפּליכטעט, פֿילמען, פֿול מיט שווי- דער און אַנטשלאָסנקייט, מיט האַס און מיט ליבשאַפֿט, מיט בענק- שאַפֿט און מיט האָפֿענונג. אָפּגעשניטענע פֿונעם לעבן, שטאַרבט דאָ יעדן טאָג איינער פֿאַר זײַנע אייגענע אויגן. אָבער ניט יעדער איי- נער ווערט געבוירן אָפּפסנײַ.

הונדערטער מאָל האָב איך דאָ געזען א פילם וועגן זיך, טויזנטער פּראָטים זײַנע. לאָמיך פּרוּוון דערציילן, וואָס איך האָב געזען. אויב דער טאַליען וועט פֿאַרציִען דעם שטריק פֿריִער, איידער כ'וועל ענ- דיקן מײַן דערציילונג, וועלן בלײַבן מיליאָנען מענטשן, וואָס וועלן צושרײַבן דעם גליקלעכן סאָף.

קאַפּיטל I

פיר און צוואַנציק שאָ

אָן פינף מינוט צען. אַ וווּנדערלעכער לינדער פרילינג־אָוונט דעם 24־טן אַפּרעל 1942 יאָר.

איך אײַל זיך, אַף וויפל דאָס פּאַסט פאַר אַזאַ בעקאַוועדיקן, סאָלידן, אַ ביסל הינקעדיקן הער, פאַר וועלכן איך פאַרשטעל זיך, — איך אײַל זיך, קעדיי צו באַווײַזן צו קומען צו די יעלינעקס, איידער מע וועט פאַרשפּאַרן די פּאַראַד־טיר אַף באַנאַכט. דאָרט וואַרט אַף מיר מײַן „אַדיוטאַנט" מירעק. איך ווייס, אַז דאָס מאָל וועט ער מיר קיין באַזונדערס וויכטיקע זאַכן ניט מיטטיילן. איך האָב אים אויך ניט וואָס צו דערציילן. אָבער ניט קומען אַף דער באַגעגעניש וואָלט געהייסן אַרויסרופן אַ שטיקל מעהומע, און דעריקער, מיר ווילט זיך ניט, אַז די ליבע יעלינעקס זאָלן זיך האָבן אומזיסט מאַטריען געוועזן.

מע לייגט מיר גאַסטפרײַנטלעך פאָר אַ גלעזל טיי. מירעק איז שוין לאַנג דאָ, און מיט אים דאָס פאַרפאָלק פריד.

— ווידער אומפאָרזיכטיקײַט, באַווײַרים, עס פרייט מיך אײַך זען, נאָר ניט אַזוי, ניט אַלע מיטאַמאָל. דאָס איז אַ גלײַכער וועג אין טורמע אָדער צום טויט. איינס פון די ביידע—אָדער היט אָפּ די קלאָ־ לים פון קאָנספּיראַציע אָדער וואַרפט אַוועק די אַרבעט, אַניט שטעלט

איר אין א סאַקאָנע סײַ זיך סײַ אַנדערע. פֿאַרשטאַנען?

— פֿאַרשטאַנען.

— וואָס האָט איר מיר געבראַכט?

— דעם מײַ־נומער פֿון „רודע פּראַוואָ“.

— אויסגעצייכנט. און וואָס איז בײַ דיר, מירעק?

— אַזוי, קלייניקייטן, קיין שום נײַעס. די אַרבעט גייט גוט...

— רעכט, הייסט עס, אַלץ. מירן זיך זען נאָכן ערשטן מײַ. כ׳וועל געבן צו וויסן. צום ווידערזען!

— נאָך א גלעזל טיי?

— ניין, ניין, פּאַני יעלינעק, מיר זײַנען דאָ צופֿיל.

— נישקאָשע, איין גלעזל, כ׳בעט אײַך.

פֿון הייסן טיי שלאָגט א פּאַרע.

א קלונג.

איצט, בײַנאַכט? ווער קאָן עס זײַן?

די געסט זײַנען, אַפֿאַנעם, גאָר ניט קיין געדולדיקע. מע טראַסקעט אין טיר.

— עפֿנט אויף! פּאָליציי!

— צו די פֿענצטער, גיכער! ראַטעוועט זיך! איך האָב א רעוואָלווער, כ׳וועל זיי פֿאַרהאַלטן!

שפּעט! אונטער די פֿענצטער שטייען געסטאַפּאָווצעס מיט רעוואָלווערן אין די הענט. די געסטאַפּאָווצעס רײַסן אַראָפּ די פֿאַראַד־טיר פֿון די זאַוועסן, רײַסן זיך אַרײַן אין קיך, דערנאָך אין צימער. איינער, צוויי, דרײַ... נײַן מאַן. מיך זעען זיי ניט, איך שטיי אין ווינקל, בײַ זיי הינטערן רוקן, פֿאַרשטעלט מיט דער טיר, וואָס זיי האָבן אויפֿגעפּראַלט. פֿונדאַנען קען איך שיסן. אָבער אַף צוויי פֿרויען און דרײַ אומבאַוואָפֿנטע מענער זײַנען אָנגעשטעלט נײַן רעוואָלווערן. אויב איך וועל אויסשיסן, וועלן זיי אומקומען קודעמקאָל, און אויב כ׳זאָל זיך אַליין דערשיסן, וועלן זיי סײַווי פֿאַלן פֿון דער שיסערײַ,

וואָס וועט זיך אָנהייבנ. אויב איך וועל ניט שיסנ, וועלנ זיי אָפזיצנ א האַלב יאָר אָדער א יאָר בינ אופשטאַנד, וואָס וועט זיי באַפרײַענ. בלויז פאַר מירעקנ און פאַר מיר איז ניטאָ קיינ רעטונג. אונדז וועט מענ פײַניקנ... פונ מיר וועט מענ זיך גאָרניט דערשלאָגנ, און פונ מירעקנ? א מענטש, וואָס האָט געקעמפט אינ שפאַניע, וואָס איז צוויי יאָר אָפגעוועזנ אינ א קאָנצענטראַציע־לאַגער אינ פראַנקרײַך און ביים דער מילכאָמע אומלעגאַל זיך אריבערגעקליבנ פונ פראַנק־רײַך קיינ פראָג, — ניינ, אזא וועט ניט אונטערפירנ. כ'האָב צוויי־דרײַ רעגעס אָפ צו טראַכטנ.

מײַנ שאָס וועט גאָרניט ראַטעווענ. איך וועל בלויז פאַטער ווערנ פונ פײַניקונג, נאָר דערפאַר וועל איך ריזיקירנ מיטנ לעבנ פונ פיר כאַווײרים. אזוי? אזוי.

איך גיי ארויס פונ מײַנ באַהעלטעניש.

— אהא! נאָך איינער!

א זעצ איבערנ פאָנעם. מיט אזא קלאַפ קענ מענ אוועקהאַרגענענ א מענטשנ.

— Hände auf! [1]

נאָך א זעצ, און נאָך.

אזוי טאַקע האָב איך זיך דאָס פאָרגעשטעלט.

די ציכטיק אופגעראַמטע וווינונג ווערט פאַרוואַנדלט אינ א באַרג איבערגעקערט מעבל און קאָלערליי בראָכוואַרג.

מע שלאָגט ווידער מיט די פויסטנ, מיט די פיס.

— מאַרש!

מע שטופט ארײַנ אינ אוטאָ. די גאַנצע צײַט זײַנענ אָפ מיר אָנ־געשטעלט רעוואָלווערנ. אונטערוועגס הייבט זיך אָנ דער פאַרהער.

— ווער ביסטו?

---

1 די הענט ארוף! (דײַטש)

— לערער האַראַק!

— לײַגסט!

איך גיב אַ צוק מיט די אַקסלען.

— רייד, אָדער כ'דערשיס דיך!

— שיסט!

אַנשטאָט אַ שאָס — אַ זעץ מיט דער פויסט.

מיר פאָרן אַדורך פאַרבײַ אַ טראַמוויי. דער וואַגאָן זעט מיר אויס ווי פאַרפוצט מיט ווײַסע גירליאַנדעס. וואָס איז דאָס? אַ כאַסענע־טראַמוויי, איצט, באַנאַכט? מיסטאָמע הייבן זיך באַ מיר אָן האַליוצי־נאַציעס.

פעטשעק־פאַלאַץ. כ'האָב געמיינט, אַז קיין לעבעדיקער וועל איך אַהער ניט אַרײַן. קימאַט ווי לויפנדיק גייען מיר אַרויף אויפן פערטן שטאָק. אַהאַ, די באַרימטע אָפּטיילונג II — A - 1 פאַר איניאָנים פון קאָמוניסטן. מיר דוכט זיך, אַז ס'איז מיר אַפילע אַ ביסל טשיקאַווע.

דער דאַרער און לאַנגער געסטאַפּאָוועץ, וועלכער האָט געהאַט אָנגעפירט מיטן אָנפאַל, באַהאַלט זײַן רעוואָלווער אין שיידל און פירט מיך אַוועק אין קאַנצעליאַריע. ער איז מיך מעכאַבעד מיט אַ פּאַפּיראָס.

— ווער זשע ביסטו?

— לערער האַראַק.

— לײַגסט!

דאָס זייגערל אויף זײַן האַנט ווײַזט עלף.

— באַזוכן!

ס'הייבט זיך אָן די אונטערזוכונג. מע רײַסט אַראָפּ פון מיר די מאַלבושים.

— ער האָט אַ שײַן!

— אויף וועמענס נאָמען?

— פונעם לערער האַראַק.

— דורכקאָנטראָלירן!

א טעלעפאָן־קלונג.

— נו, פאַרשטייט זיך, ניט אײַנגעמאָלדן. דער שפּיגל איז א גע־מאָלאָכעטער.

— ווער האָט דיר אים ארויסגעגעבן?

— די פּאָליציי־פארוואלטונג.

א זעץ מיט א שטעקן, א צווייטער, א דריטער... פירן א חשבון? די דאָזיקע סטאטיסטיק וועט מיר געוויס קיינמאָל ניט צוניץ קומען.

— דײַן פאמיליע? ענטפער! דײַן אדרעס? ענטפער! מיט וועמען פלעגסטו זיך טרעפן? ענטפער! די יאָוקעס? ענטפער! ענטפער! מירן מאכן פון דיר א הויפן אש!

וויפל קלעפּ, אשטייגער, קען אויסהאלטן א געזונטער מענטש?

דער האלבנאכט־סיגנאל אין ראַדיאָ. די קאפּעס פארמאכן זיך, די לעצטע באזוכער קערן זיך אום אהיים, פאַרלעב פארהאלטן זיך בא די טויערן און קענען זיך בעשום־אופן ניט שיידן. דער לאַנגער לאָקש דער דארער געסטאַפּאָוועץ שטעלט זיך ארײַן אין צימער, צופרידן שמייכלענדיק:

— אלץ אין אָרדענונג... פּאַניע רעדאַקטאָר?

ווער האָט זיי געזאָגט? די יעלינעקס? די פרידס? אָבער זיי ווייסן דאָך אפילע ניט מײַן פאמיליע.

— זעסט, מיר ווייסן אלץ. רייד. האָב סייכל.

און אָריגינעלער לעקסיקאָן. האָבן סייכל — באַטײַט פאראטן. איך האָב ניט קיין סייכל.

— בינדן אים! און באוויַזט אים!

איינס אזייגער. עס שלעפן זיך די לעצטע טראַמוויַען, די גאסן זײַנען פּוסט געוואָרן, די ראַדיאָ ווינטשט א גוטע־נאכט די סאמע פלײַסיקע צוהערער אירע.

— ווער נאָך, כוץ דיר, איז אין צענטראַל־קאָמיטעט? ווו זײַנען

אײַערע ראַדיאָ־טראַנסלירער? אײַער דרוקערײַ? ענטפער! ענטפער!

איצט איז מיר לײַכטער צו ציילן די קלעפּ. עס טוען וויי בלויז די צעביסענע ליפּן.

— טוט אים אויס באָרוועס!

אין די פּאַדעשוועס איז דער ווייטעק נאָך נישט אָפּגעטעמפּט. דאָס שפּיר איך. פינף, זעקס, זיבן... עס דוכט זיך, אַז דער שטעקן דרינגט אַרײַן ביזן סאַמע מאַרך.

צוויי אַזייגער. פראָג שלאָפט. סײַדן נאָך ערגעץ־וווּ טוט אַ וויין פון שלאָף אַ קינד און דער מאַן טוט אַ ריר די פרוי באַם אַקסל.

— ענטפער! ענטפער!

כ׳טו אַ פיר מיט דער צונג איבער די יאַסליעס. כ׳פּרוּוו זיך איבערציילן, וויפל ציין האָט מען מיר אַרויסגעהאַקט. דאָס גיט זיך מיר בעשום־אופן ניט אײַן. צוועלף, פופצן, זיבעצן? ניין, דאָס „פאַרהערן" מיך אַזויפיל געסטאַפּאָוועס. אייניקע פון זיי זײַנען, אַפּאָנעם, מיד שוין, אָבער דער טויט קומט נאָך אַלץ ניט.

דרײַ אַזייגער. אין די עקן שטאָט הייבט זיך אָן פעדערן דער פרימאָרגן. די גרינס־הענדלער שלעפּן זיך צו די מערק, די גאַסן־קערער גייען אַרויס אויף די גאַסן.

אַפּאָנעם, מיר איז באַשערט צו לעבן נאָך איין פרימאָרגן.

מע פירט אַרײַן מײַן פרוי.

— איר קענט אים?

איך לעק אַראָפּ דאָס בלוט, כּדי זי זאָל ניט זען... אייגנטלעך, איז עס נאַריש, ווײַל בלוט איז אומעטום, עס רינט אַפילו פון די שפּיץ פינגער.

— איר קענט אים?

— ניין, איך קען אים ניט!

א זאָג געטאָנ אונ אפילע מיטנ בליק ניט אנטבלויזט דעם שוויי־דער. ליבסטע! געהאלטנ וואָרט — פאר קיינ פאל ניט דערקענענ מיכ, כאָטש איצט האָט עס שוינ א קנאפנ זינענ. ווער זשע פאָרט האָט מיכ ארויסגעגעבנ?

מע האָט זי אוועקגעפירט. כ'האָב זיכ געזעגנט מיט איר, שענ־קענדיק איר דעם סאמע פריילעכנ בליק, אפ וועלכנ כ'בינ נאָר פעיק געווענ. מיסטאמע איז ער געווענ גאָר ניט קיינ פריילעכער. כ'ווייס ניט.

פיר אזייגער, עס איז שוינ טאָג? אָדער נאָכ ניט? די פארהאנגענע פענצטער ענטפערנ ניט.

כ'האָב עמעצנ דערלאנגט א קלאפ אונ בינ אומגעפאלנ אפ דער ערד. מע ווארפט זיכ ארופ אפ מיר. מע שלאָגט מיט די פיס. איצט וועט זיכ אלצ ענדיקנ גיכ. א שווארצער געסטאפאָוועצ כאפט מיכ אָנ פאר דער באָרד אונ קייַכט מיט בייַזער סימכע, ווייַזנדיק מיר א פאסמע ארויסגעריסענע האָר. דאָס איז טאקע בעמעס קאָמיש. אונ איכ פיל שוינ ניט קיינ שום ווייטעק.

פינפ אזייגער, זעקס, זיבנ, צענ, האלבער טאָג, די ארבעטער גייענ צו דער ארבעט אונ פונ דער ארבעט, קינדער גייענ אינ שול אונ פונ שול, אינ די קראָמענ האנדלט מענ, אינ דער היים קאָכט מענ ווארמעס, די מאמע דערמאָנט מיכ, מיסטאמע, די כאווירים ווייסנ שוינ וועגנ מייַנ ארעסט אונ נעמענ אָנ פארזיכט־מיטלענ... טאָמער וועל איכ נעמענ ריידנ... ניינ, האָט קיינ מוירע ניט, איכ וועל ניט ארויסגעבנ. אונ דער סאָפ איז שוינ נאָענט. אלצ איז ווי אינ א כאָלעמ, ווי אינ א שווערנ, פייַנלעכנ כאָלעמ. עס האָגלענ קלעפ, דער־נאָכ גיסט זיכ אפ מיר וואסער, דערנאָכ ווידער קלעפ, אונ ווידער: „ענטפער, ענטפער, ענטפער!" אונ איכ קאָנ נאָכ אלצ בעשום־אופנ ניט שטארבנ. מאמע, מאמע, צו וואָס בינ איכ געבוירנ געוואָרנ אזא גוואר?

דער טאָג ענדיקט זיכ. פינפ אזייגער. אלע זײַנענ שוינ מיד. איצט שלאָגט מענ זעלטנ, מיט לאַנגע האפסאָקעס, מער מאַכנמעס אינערציע. אונ פּלוצעמ קלינגט פונ ערגעצ ווײַט, פונ גאָר־גאָר ווײַט, א שטיל קאָל:

— Er hat schon genug![1]

אונ אָט זיצ איכ, דער טיש פאר מיר הוידעט זיכ, ווי אפ א שיפ, עמעצער גיט מיר טרינקענ, עמעצער לייגט פאָר א פּאַפּיראָס, וועלכנ איכ בינ ניט בעקויעכ צו האלטנ, עמעצער פּרוּווט מיר ארופציִענ אפ די פיס די שיכ אונ זאָגט, אז זיי קריכנ ניט ארופ, דערנאָכ נעמט מענ מיכ האלב אראָפּפירנ, האלב אראָפּטראָגנ פונ די טרעפ צומ אוטאָמאָביל; מיר פאָרנ, עמעצער שטעלט ווידער אָנ אפ מיר דעמ רעוואָלווער, מיר ווילט זיכ לאַכנ, ווידער פאָרנ מיר פארבײַ א טראַמ־ווײַ, באַצירט מיט גירלאַנדעס ווײַסע קוויטנ, דאָס איז אָבער אַפּנעמ, אלצ נאָר א כאָלעמ, א פיבער־פאַנטאַזיע, גסיסע, אָדער, עפּשער, דער טויט. שטאַרבנ איז דאָכ אָבער שווער, אונ מיר איז שוינ לאַכלוטנ ניט שווער, איכ בינ שוינ לײַכט, ווי א פעדערל, נאָכ איינ זיפצ אונ א סאָפ...

א סאָפ? ניינ, נאָכ ניט קיינ סאָפ, נאָכ אלצ ניט. איכ שטיי ווידער, יאָ, יאָ, איכ שטיי, אליינ, אָנ זײַטיקער הילפ, אונ גלײַכ אקעגנ מיר איז א שמוציקע געלע וואַנט, באַשפּריצט — מיט וואָס? — דוכט זיכ, מיט בלוט... יאָ, דאָס איז בלוט, כ'פּרוּוו עס צעשמירנ מיטנ פינגער... ס'צעשמירט זיכ... נו, אַוואַדע, פריש בלוט, מײַנ בלוט...

עמעצער שלאָגט מיכ פונ הינטנ איבערנ קאָפּ אונ הייסט מיר אופהייבנ די הענט אונ זיכ אראָפּזעצנ; באַמ דריטנ מאָל פאַל איכ אומ...

---

1 ס'וועט קלעקנ פאר אימ! (דײַטש)

דער לאַנגער לאָקש דער עסעסאָווער — שטייט איבער מיר און סטאַרעט זיך אויפהייבן מיך מיט סטוסאַקעס; אומזיסטע טירחנע; עמער־צער באַגיסט מיך איבעראַנײַס מיט וואַסער, איך זיץ ווידער, עפּעס א פרוי דערלאַנגט מיר א רעפּנע און פרעגט מיך, וואָס טוט מיר וויי, און דעמלט דוכט זיך מיר, אַז דער גאַנצער ווייטיק איז בא מיר אין האַרצן.

— דו האָסט ניט קיין האַרץ, — זאָגט דער לאַנגער לאָקש.

— נו, פונדעסטוועגן, פאַרט! — זאָג איך און דערפיל זיך פלוצעם שטאָלץ פון דעם, וואָס איך פאַרמאָג נאָך גענוג קויכעס אײַנצושטעלן זיך פאַר מײַן האַרץ.

און ווידער פאַרשווינדט אַלץ: אי די וואַנט, אי די פרוי, אי דער לאַנגער עסעסאָווער...

פאַר מיר איז איצט אַן אָפענע טיר אין א קאַמער אַרײַן. א דיקער עסעסאָווער שלעפּט מיך אַרײַן, ציט אַראָפּ פון מיר דאָס צעפליקטע העמד, לייגט מיך אַוועק אויף א שטרוי־זאַק, באַטאַפּט מײַן געשוואָלענעם קערפּער און הייסט לייגן קאָמפּרעסן.

— זע נאָר, — טוט ער א זאָג צו א צווייטן און שאָקלט מיטן קאָפּ, — זיי קענען נישקאָשע די מעלאָכע!

און ווידער הער איך פון ערגעץ ווײַט, פון גאָר־גאָר ווײַט, א שטיל קאָל:

— ביז אין דער פרי וועט ער ניט דערלעבן.

אָן פינף מינוט צען. א וווּנדערלעכער ליבער פרילינג־אָוונט.

25 אפרעל 1942.

קאפיטל II

גסיסע

וועג דער טויט וועט די אויגנ אונדז האָבנ פארמאכט,
אונ פארלאָזט די נעשאָמע וועט האָבנ דעמ גופ...

צוויי מענטשנ, מיט הענט, צונויפגעלייגטע אפנ בויכ, שפאנענ אומ מיט שווערע לאנגזאמע טריט אונטער די ווייסע געוועלבנ פונ א קאפליצע אונ מיט צעצויגענע, דיסהארמאנישע שטימענ זינגענ זיי א טרויעריקנ, קירכלעכנ ניגונ:

וועג דער טויט וועט די אויגנ אונדז האָבנ פארמאכט,
אונ פארלאָזט די נעשאָמע וועט האָבנ דעמ גופ,
דאָרט אהינ, ווו ניטאָ מער קיינ פינצטערע נאכט,
וועט אונדז פירנ דער געטלעכער רופ...

עמעצער איז געשטארבנ. ווער? איכ פרוו א קער טאנ דעמ קאפ... כ'וועל דערזענ, מיסטאמע, אנ ארנ מיט א מעס אונ א פאר ליכט צוקאפנס.

דאָרט אהינ, ווו ניטאָ מער קיינ פינצטערע נאכט,
וועט אונדז פירנ דער געטלעכער רופ..

קוימ מיט צארעס האב איכ זיכ א קער געטאנ. אבער איכ זע גארניט. ניטא קיינער, נאר זיי אונ איכ. וועמענ זשע באוויינענ זיי?

דאָרט אהינ, צו די שטראליקע הימלשע ספערנ,
ווו אייביק טוט לויכטנ דער געטלעכער שטערנ.

דאָס איז אַ העספּער. אַן עמעסער העספּער. וועמען זשע ברענגען זיי צו קווורע? ווער איז דאָ פּאַראַן? נאָר זיי און איך. אַך, יאָ — איך! הייסט עס, דאָס איז מײַן לעווייע. הערט נאָר, ליבע לײַט, דאָס איז אַ מיספּאַרשטייעניש! איך בין ניט טויט, איך לעב! אָט זעט, איך קוק אויף אײַך, איך רייד מיט אײַך. הערט אויף! באַגראָבט מיך ניט!

מיט אלע, וואָס ליב, זיך אפּ אייביק געזעגנט.
געווינטשט זיי צום לעצטן מאָל ערדישן גליק...

זיי הערן ניט. טויב צי וואָס? שוין זשע רייד איך אַזוי שטיל? אָדער עפּשער בין איך טאַקע אויף דער עמעסן טויט און צו זיי דער־גרייכט ניט דאָס קערפּערלאָזע קאָל? און מײַן קערפּער ליגט דאָ ווי אַ שטיק ליים, און איך בין אויף מײַן אייגענער לעווייע... קאָמיש!

מיר הייבן דעם ליכטיקן הימל אקעגן
מיט טיפן בײַזאָכן געלײַטערטן בליק.

איך הייב מיך אָן צו דערמאָנען, וואָס ס'איז פאָרגעקומען. עמע־צער האָט מיך קוים מיט צאָרעס אויפגעהויבן און אָנגעטאָן, דערנאָך האָט מען מיך געטראָגן אויף אַ טראַגבעטל. דאָס קלאַפּן פון שווערע געקאָוועטע שטיוול האָט הילכיק אָפּגעקלונגען איינעם קאָרידאָר... דערנאָך... דאָס איז אַלץ. ווײַטער געדענק איך שוין גאָרניט.

דאָרט אהין, ווו ניטאָ מער קיין פינצטערע נאַכט...

ניין, דאָס איז שטוסערײַ. איך לעב. עפּעס שפּיר איך ווייטעק און דאָרשט. טויטע גלוסט זיך דאָך ניט טרינקען. איך שטרענג אָן אַלע קוילעס, כ'פּרוּוו אַ ריר טאָן מיט דער האַנט, און עמעצנס אַ שטים, אַ פרעמדע, גאָר ניט מײַן אייגענע, רעדט אַרויס:

— טרינקען!

ענגעלעך! ביידע מענטשן הערן אויף אַרומשפּאַנען. זיי בייגן זיך אָן איבער מיר. איינער פון זיי הייבט אויף מײַן קאָפּ און טראָגט מיר צו צו די ליפּן אַ קווערטל וואַסער.

— ליבער פרײַנט, מע דאַרפ עפּעס נעמענ אינ מויל אַרײַנ. שוינ צוויי מעסלעס, ווי ראַק דו טרינקסט און טרינקסט.

וואָס רעדט ער? צוויי מעסלעס? וואָס זשע פאַר אַ טאָג איז הײַנט?

מאָנטיק.

מאָנטיק! און מיכ האָט מענ אַרעסטירט פרײַטיק. ווי עס פּלאַצט דער קאָפּ. און ווי מעכײַעדיק ס'איז דאָס וואַסער. שלאָפנ! לאָזט מיכ שלאָפנ. אַ העל־רויטער טראָפּנ האָט פאַרומרייניקט דעמ לויטערנ שפּיגל פונ ברונעמ. דאָס איז דער קוואַל אַפ דער וואַלד־לאָנקע אינ די בערג... איכ ווייס, דאָס איז דער, וואָס לעבנ וועכטער־בײַדל בײַ ראַקלאַנ... אַ דריבנע רעגנדל רוישט צווישנ די ביימער... ס'אַראַ זיסער כאַלעמ!

ווענ איכ כאַפּ זיכ ווידער אופ, איז שוינ דינסטיק אָוונט. איבער מיר שטייט אַ הונט. אַ שאָפּ־הונט. ער קוקט מיכ שאַרפ אָנ מיט זײַנע שיינע קלוגע אויגנ און פרעגט:

— ווו האָסטו געוווינט?

ניינ, דאָס האָט ניט דער הונט געפרעגט, דאָס איז עמעצנס אַנ אַנדערנס קאָל. נאָכ עמעצער שטייט איבער מיר. איכ זע אַ פּאָר שטיוול... און אַ צווייטע פּאָר, און אוניפאָרמ־הויזנ, אָבער אַ קוק טאָנ אַרופצו גיט זיכ מיר ניט אײַנ, דער קאָפּ דרייט זיכ, ע, דאָס אַלצ איז ניט וויכטיק, לאָזט מיכ שלאָפנ...

מיטוואָכ.

די צוויי מענטשנ, וואָס האָבנ געזונגענ טילימ, זיצנ איצט באַמ טיש און עסנ פונ ליימענע שיסלענ. איצט זע איכ זיי דײַטלעכ. איינער אַ יונגערער, דער צווייטער אַ באַיאָרטער. אַפ קיינ מאָנאַכנ זײַנענ זיי ניט ענלעכ. און די קאַפּליצע איז שוינ ניט קיינ קאַפּליצע, נאָר אַ טורמע־קאַמער, ווי הונדערטער אַנדערע: אַ דיל פונ ברעטער, אַ שווע־רע טונקעלע טיר...

אינ שלאָס טוט א בראַזגע א שליסל, בײדע שפּרינגענ אופ אונ צעענ זיכ אויס ווי א סטרונע, צוויי עסעסאָווצעס קומענ ארײַנ אונ הײסנ מיכ אָנטאָנ. כ'האָב קײנמאָל ניט געטראַכט, אז אַנ ארבל אונ א הויז זאָלנ קענענ פאַרשאַפנ אַזױפיל יעסורימ... מע לײגט מיכ אַוועק אופ א טראָגבעטל אונ מע טראָגט מיכ אַראָפ פונ די טרעפּ.

דאָס קלאַפּנ פונ די שווערע געקאָוועטע שטיוול קלינגט הילכיק אָפ אײנעמ קאָרידאָר... איבער אָט דעמ וועג האָט מענ מיכ שוינ אײנ־מאָל געטראָגנ. וווהינ פירט אָט דער וועג, אינ וואָסער גענעמ?

אינ דער האַלב־פינצטערער, גאָר קנאַפּ געמיטלעכער קאַנצעליאַריע, וווּ מע נעמט אופ אַרעסטירטע. דאָס טראָגבעטל שטעלט מענ אַוועק אופ דער ערד, אונ א גוטמוטיקע טשעכישע שטימ זעצט איבער דאָס בײזע דײַטשישע בילנ.

— דו קענסט זי?

איכ שפּאַר אונטער די גאָמבע מיט דער האַנט. לעבנ מײַנ טראָג־בעטל שטײט א יונג מײדל מיט א קײַלעכדיק פּאַנעמ. שטײט שטאָלצ, די אַקסלענ אויסגעגלײַכט, מיט א הויכ אויפגעהויבענעמ קאָפּ; האַלט זיכ מיט ווירדע. נאָר די אויגנ איהרע זײַנענ א ביסל אַראָפּגעלאָזט, אַקוראַט אַזױפיל, אז זי זאָל מיכ קענענ זענ אונ באַגריסנ מיט א בליק.

— נײנ, איכ קענ זי ניט.

ס'געדענקט זיכ מיר, זי האָט דורכגעשווינדלט פּאַר מײַנע אויגנ אינ יענער דולער נאַכט אינעמ פּעטשעק־פּאַלאַצ. אַציינד זעענ מיר זיכ א צווייט מאָל. א שאָד, וואָס קײנ דריטע באַגעגעניש וועט שוינ ניט זײַנ, אונ מיר גלוסט זיכ אַזוי א דריק טאָנ איר די האַנט פאַר דער ווירדע, מיט וועלכער זי איז דערמאָלט געשטאַנענ. דאָס איז געווענ אַרנאָשט לאָרענצס פרוי. מע האָט זי אופגעהאַנגענ שוינ אינ די ערשטע טעג פונעמ באַלאַגערונגס־צושטאַנד אינ 1942.

— נו, די דאָזיקע מוזטו זיכער קענענ...

אניא איראסעק! גאט מײַנער, אניא, איר, ווי קומט איר גאר אהער? ניין, ניין, איך האב ניט אנגערופן אײַער נאמען. איר קענט מיך ניט, און איך בין מיט אײַך ניט באקאנט. איר פארשטייט, ניט באקאנט.

— זי קען איך אויך ניט.

— האב סייכל!

— כ׳קען זי ניט!

— יולי, דאס איז איבעריק, — זאגט אניא, און בלויז די קוים באמערקבארע באוועגונג פון אירע פינגער, וואס קנײטשן דאס נאז־טיכל, גיט ארויס איר אויפרעגונג. — דאס איז איבעריק. מע ווייסט שוין, ווער איך בין...

— וואזוי?

— שווײַגן! — שלאגט מען זי איבער, און מע שטופט זי אײַליק אפ, ווען זי בייגט זיך אן און שטרעקט מיר אויס א האנט.

— אניא!

די איבעריקע פראגן הער איך שוין ניט.

פונקט ווי עפעס מין־האצאר, לאבלוטן ביט שפירנדיק קיין ווײ־טעק, פונקט ווי כ׳וואלט בלויז געווען א צושויער, הער איך, ווי צוויי עפעסאווצעס טראגן מיך צוריק אין קאמער אריין, און טרייסלענדיק גראב דאס טראגבעטל, פרעגן זיי מיך מיט א געלעכטער, צי וואלט מיר ניט ליבער געווען זיך צו הויערן אפ דער טליע.

דאנערשטיק.

איך הייב שוין אן צו באנעמען, וואס עס טוט זיך ארום מיר. אײנעם פון מײַנע קאמער־כאווײרים רופט מען קארעל. דעם עלטערן רופט ער „טאטעשי“. ער דערציילט עפעס וועגן זיך, אבער בא מיר פלאנטערט זיך אלצדינג אין קאפ... עפעס א שאכטע, קינדער אפ שול־בענק... ס׳קלינגט א גלאק, צי איז דאס ניט קיין סרייפע?

דוכט זיך, יעדן טאָג קומט צו מיר א דאָקטער און אן עסעסישער פעלדשער. ס'האלט מיט מיר, הייסט עס, ניט אזוי שמאָל, אײַנגיכן וועל איך ווידער זײַן א כוואַט. וועגן דעם הערט מיט מיר ניט אוף קעסיידער אײַנטײַנען דער „טאַטעשי", און קארעל באַמקעט אים אונטער אזוי פלײַסיק, אז, ניט געקוקט אף מײַן צושטאנד, פארשטיי איך: דאָס ווילן זיי מיך טרייסטן. ווילע בעוורע! א שאָד, וואָס איך קען זיי ניט גלייבן.

די טיר פון דער קאמער עפנט זיך אוף, און שטיל, ווי אף די שפיץ פינגער, לויפט ארײַן דער הונט, שטעלט זיך אוועק בא מײַן צוקאָפנס און באַקוקט מיך ווידער מיט א שארפן בליק.

און לעבן הונט ווידער צוויי פאָר שטיוול. איצט ווייס איך שוין, ווער די מענטשן זײַנען — איין פאָר שטיוול געהערט דעם הונטס באלעבאָס, א טורמע־אופזעער פון פאנקראץ, די צווייטע פאָר — דעם שעף פון דער אָפטיילונג II — A-1 , וועלכער האָט מיך פארהערט דעמאלט באנאכט. און אָט איז נאָך א פיגור אין ציווילע הויזן. איך שטעל אָן מײַן בליק אף דעם פארשוין. יאָ, אויך דעם קען איך, דאָס איז יענער דארער עסעסאָוועץ, דער לאנגער לאָקש, וואָס האָט אָנגעפירט מיט מײַן ארעסט.

דער אָפטיילונגס־שעף זעצט זיך אף א שטול און הייבט אָן דעם פארהער:

— דו האָסט פארשפילט דײַן שפיל, טאָ טו כאָטש א טראכט וועגן זיך. רייד.

ער לייגט מיר פאָר א פאפיראָס. איך וויל ניט. כ'וועל אים ניט קענען אײַנהאלטן אין די פינגער.

— ווי לאנג האָסטו געוווינט בא די באקסן.

בא די באקסן! וואָס ווײַטער, אלץ ערגער! ווער זשע האָט עס זיי דערציילט?

— דו זעסט, מיר ווייסן אלץ. רייד.

אויב איר ווייסט אַלץ, איז צו וואָס זשע זאָל איכ רייִדנ? איכ האָב ערלעכ געלעבט ביז אַהער אונ וויל זײַנ ערלעכ ביזנ סאָפ.

דער פאַרהער דויערט א שאָ. דער אויספרעגער שרײַט ניט, ער כאַזערט איבער געדולדיק איינ אונ די זעלבע פראַגע, דערנאָכ, ניט דערוואַרט זיכ אָפּ קיינ ענטפער, שטעלט ער א צווייטע פראַגע, א דריטע, א צענטע.

— שוינ זשע פאַרשטייסטו ניט? ס'איז אויס, איר האָט פאַרשפּילט. איר אַלע.

— נאָר איכ האָב פאַרשפּילט.

— דו גלייבסט נאָכ אינעמ ניצאָכנ פונ דער קאָמונע?

— געוויס.

— ער גלייבט נאָכ? — פרעגט אָפּ דײַטש דער אָפּטיילונגס־שעפ, אונ דער לאַנגער לאָקש זעצט איבער: — ...ער גלייבט נאָכ אינ רוסלאַנדס ניצאָכנ.

— געוויס. קיינ אַנדער סאָפ קענ ניט זײַנ.

איכ בינ מיד. איכ האָב אָנגעשטרענגט אַלע קויכעס, קעדיי צו זײַנ אויפ דער וואַכ, אונ איצט פאַרלאָזט מיכ דער באַוווסטזײַנ, פּונקט ווי בלוט, וואָס רינט פונ א טיפער וווּנד. צולעצט זע איכ נאָכ, ווי מע שטרעקט מיר אויס א האַנט, — מינאַסטאַמ האָבנ די טפיסע־היטער באַמערקט דעמ שאָטנ פונ טויט אויפ מײַנ פּאָנעמ. אונ טאַקע אינ דער עמעסנ, אינ איינציקע לענדער איז דאָכ אַפילע געווענ א מינהעג בא טאַליאָנימ — קושנ דעמ פאַרמישפּעטנ פאַר דער קעפּונג.

אָוונט.

צוויי מענטשנ מיט הענט, צונויפגעלייגטע אויפנ בויכ, שפּאַנענ אומ אונ זינגענ מיט צעצויגענע, דיסהאַרמאָנישע שטימענ א טרויעריקנ ניגנ:

ווענ דער טויט וועט די אויגנ אונדז האָבנ פאַרמאַכט,
אונ פאַרלאָזט די נעשאָמע וועט האָבנ דעמ גופ...

אײַ, ליבע מענטשנ, הערט אופ! עפּשער איז עס טאקע ניט קיינ שלעכטע ליד, נאָר הײַנט... הײַנט איז ערעװ ערשטנ מײַ, דעמ הער־לעכסטנ, דעמ פרײדיקסטנ יאָמטעװ אפ דער ערד. איכ פרװו א זונג טאָג עפּעס פרײלעכס, אָבער, אפּאָנעמ, אז דאָס קלינגט נאָכ טרויעריקער, ווײַל קארעל דרייט זיכ אָפּ, און דער „טאטעשי" ווישט די אויגנ. מײלע, איכ גיב זיכ ניט אונטער און זינג װײַטער, ביז זיי פארייניקנ זיכ ניט צו מיר. א באפרידיקטער, ווער איכ אנשלאָפנ.

ערשטמײַיקער אינדערפרי, באגינענ. דער זייגער אפנ טפּיסע־טורעמ שלאָגט דרײַ. צומ ערשטנ מאָל הער איכ דײַטלעכ דאָס שלאָגנ פונ זייגער. צומ ערשטנ מאָל נאָכנ ארעסט בינ איכ באמ פולנ באוווסט־זײַנ. איכ פיל, ווי דורכנ אָפענעמ פענצטער דרינגט ארײַנ א ווינטל, עס בלאָזט אפ מײַנ שטרוי־זאק, וואָס אפנ דיל. די שטענגלעכ שטרוי שטעכנ מיכ אינ ברוסט און אינ בויכ. יעדעס קעמערל פונ מײַנ קערפּער שמארצט אפ טויזנטערליי אויפאנימ. מיר איז שווער צו אָטע־מענ. פלוצעמ, פונקט ווי א פענצטער וואָלט אופגעפראלט, בליצט אופ א געדאנק: דאָס איז דער סאָפ, איכ שטארב.

א שיינ ביסל האָסטו געלאָזט אפ זיכ ווארטנ, טויט! און איכ, וואָס עמעס, איז עמעס, האָב געהאָפט, אז טרעפנ מיט דיר וועלנ מיר זיכ אינ א סאַכ יאָרנ ארומ, אז איכ וועל נאָכ געניסנ פונ א פרײַ לעבנ, אז איכ וועל נאָכ א סאַכ ארבעטנ, א סאַכ ליב האָבנ, א סאַכ זינגענ און ארומוואנדערנ איבער דער וועלט. איכ בינ דאָכ ערשט איצט געוואָרנ בעעמעס רײַפ, כ׳האָב געהאַט אזויפיל קויכעס. כ׳האָב זיי מער ניט. א סאָפ.

איכ האָב ליב געהאט דאָס לעבנ, און פארנ לעבנ בינ איכ געגאנ־גענ אינ שלאכט. איכ האָב ליב געהאט אײַכ, מענטשנ, און בינ געווענ גליקלעכ, ווענ איר פלעגט מיר ענטפערנ מיטנ זעלביקנ, איכ פלעג זיכ ערגערנ, ווענ איר פלעגט מיכ ניט פארשטיינ. די, וועמענ כ׳האָב געקריוודעט, זײַט מיר מויכל, און וועמענ כ׳האָב פרייד פארשאפט,

פאַרגעסט מיכ ניט. זאָל מײַנ נאָמענ בא קײנעם ניט אַרויסרופֿנ קײנ טרויער. דאָס איז מײַנ געבאָט צו אײַכ, פֿאָטער, מוטער אונ שוועסטער, צו דיר, מײַנ גוסטא, צו אײַכ, כאַווײרימ, צו אַלעמענ, מיט וועמענ מיר איז גוט געווענ. אויב טרערנ וועלנ אײַכ העלפֿנ, וויינט זיכ אויס. נאָר באַדויערט מיכ ניט. איכ האָב געלעבט צוליב א פֿרײדיק לעבנ, אונ פֿאַר א פֿרײדיק לעבנ שטאַרב איכ, אונ עס וואָלט ניט ריכטיק געווענ אוועקצושטעלנ אפֿ מײַנ קײווער א מאַלעכ פֿונ טרויער.

דער ערשטער מײַ! אינ דער שאַ פֿלעגנ מיר זיכ שוינ אויפֿכאַפּנ אינ די פֿאָרשטעט אונ פֿאַנאַנדערוויקלענ אונדזערע פֿאָנענ. אינ דער שאַ מאַרשירנ שוינ איבער די גאַסנ פֿונ מאָסקווע די ערשטע שערענ-געס פֿונעמ מיליטער, וואָס גײט צומ רויטנ פּלאַץ. אונ מיליאָנענ מענטשנ פֿירנ אַצינד די לעצטע שלאַכט פֿאַר דער פֿרײַהײט פֿונ דער מענטשהײט. טויזנטער וועלנ פֿאַלנ אינ דער האָזיקער שלאַכט. איכ בינ אײנער פֿונ זײ. זײַנ אײנער פֿונ די קעמפֿער פֿונ דער לעצ-טער שלאַכט — דאָס איז הערלעכ.

אָבער די גוסיסע איז גאָר ניט הערלעכ. איכ ווער דערשטיקט. מיר פֿעלט לופֿט. איכ הער א כריפּענ אונ כאָרכלענ בא זיכ אינ גאָרגל. כ'האָב מוירע, כ'וועל נאָכ אויפֿוועקנ די כאַווײרימ. ווענ כ'וואָלט געקאָנט דערפֿרישנ דעמ גאָרגל מיט א שלונג וואַסער. אָבער דאָס גאַנצע וואַסער פֿונעמ קווערטל איז אויסגעטרונקענ. זעקס טריט פֿונ מיר, אינעמ אונ'יטאַז, אינ ווינקל פֿונ דער קאַמער, איז פֿאַראַנ וואַסער. אָבער צי וועט בא מיר קלעקנ קויכעס צו דערקלײַבנ זיכ אַהינ?

איכ פּויזע אפֿנ בויכ, שטיל, פּאָרזיכטיק, פּונקט ווי דאָס וויכטיק-סטע באַמ שטאַרבנ איז קײנעמ ניט אופֿצוּוועקנ. כ'בינ דערקראָכנ, כ'טרינק מיט דאָרשטיקע שלונגענ.

כ'ווייס ניט, ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט, וויפֿל צײַט כ'בינ געקראָכנ צוריק. דער באַוווסטזײַנ פֿאַרלאָזט מיכ ווידער. איכ זוכ

מײַנ פולס אונ געפינ אימ ניט. דאָס הארצ האָט זיכ א הייב געטאָנ ביז צומ גאָרגל אונ מיטאָמאָל א פאַל געטאָנ אפ אראָפּ. איכ אַלײנ פאַל אויכ. אונ פאַלנדיק, דערהער איכ קארעלס שטימ:

— טאַטעשי, טאַטעשי! ער גייט נעבעכ אויס!

אינ דער פרי איז געקומענ דער דאָקטער. (וועגנ דעמ האָב איכ זיכ דערוווּסט א סאַכ שפּעטער.) ער האָט מיכ באַטראַכט אונ א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ. דערנאָכ איז ער אַוועק צו זיכ, האָט צעריסנ דעמ ראַפּאָרט וועגנ מײַנ טויט, וואָס ער האָט נאָכ נעכטנ געהאַט פאַרגרייט, אונ האָט א זאָג געטאָנ מיט דערעכ-ערעצ פונ א פאַכמאַנ:

— ניט קיינ מענטש, נאָר א פערד!

קאַפּיטל III

קאַמער נומער 267

זיבנ טריט פונ דער טיר ביז פענצטער, זיבנ טריט פונ דעמ פענצטער ביז דער טיר.

דאָס ווייס איך שוינ גוט.

וויפל מאָל האָב איך שוינ אויסגעמאָסטנ אָט די דיסטאַנצ איבערנ דיל פונ דער טורמע־קאַמער! אינ דער זעלבער קאַמער בינ איך דאָך שוינ איינמאָל געזעסנ דערפאַר, וואָס איך האָב צו קלאָר געזעענ, ווי וויט געפערלעכ עס איז פאַרנ פאָלק די פּאָליטיק פונ די טשעכישע פאַבריקאַנטנ אונ הענדלער! אונ אָט אַצינד פייניקט מענ מיינ פאָלק; איבערנ קאָרידאָר הינטער דער טיר שפּאַנענ אומ דייטשנ אויפזעער, אונ ערגעצ פונ יענער זייט טורמע פלעכטנ איבעראַניימ די בלינדע פּאָליטישע מאַכשייפעס די נעצ פונ פאַראַט. וויפל יאָר־הונדערטער באַדאַרפ א מענטש, קעדיי צו באַנעמענ, וואָס עס טוט זיכ אַרומ אימ?

דורכ וויפל טויזנטער טפיסע־קאַמערנ איז אַדורכ די מענטשהייט אפנ וועג צומ פּראָגרעס? אונ דורכ וויפל וועט איר נאָכ אויסקומענ אַדורכצוגיינ? אונ קיינ סאָפ זעט מענ נאָכ אַלצ ניט. אונ פונדעסט־וועגנ: די וועלט איז שוינ מער ניט פאַרזונקענ אינ טיפנ שלאָפ. זי שלאָפט ניט!

זיבנ טריט אהער, זיבנ צוריק, בא איינ וואנט — אנ אראָפּלאָזבעטל, אופ דער צווייטער — א פּראָסטע גרוי-ברוינע פּאָליצע מיט ליימענע קיילימ. יאָ, דאָס אלצ איז מיר באקאנט. איצט, עמעס, האָט מענ דאָ עפּעס-וואָס מעכאניזירט: מע האָט אדורכגעפירט צענטראלבאהייצונג, אנשטאָט דער פּאראשע שטייט אנ אוניטאז. אונ דרייקער — די מעכאניזירונג איז כאל אויכ אופ מענטשנ. די ארעסטאנטנ זײַנענ מעכויעוו צו זײַנ אווטאָמאטנ. טוט אקאָרעשט א דריק אופנ קנעפּל, ד. ה. טוט נאָר א בראָזגע מיטנ שליסל אינ שלאָס, אונ טייקעפ שפּרינגענ די ארעסטאנטנ אופ, מיט וואָס זיי זאָלנ ביים-מײַסע ניט זײַנ פארנומענ, אונ ציִענ זיכ אויס ווי א סטרונע; עס פּראלט אופ די טיר, אונ דער קאמער-עלטסטער שיסט אויס אינ איינ אָטעמ:

— אכטונג! אינדערקאמערצווייהונדערטזיבנאונזעכציקארעסטירטעדרײַאלצאינאָרדענונג.

אלזאָ, נומ. 267. דאָס איז אונדזער קאמער.

אָבער אונדזער אווטאָמאט איז מיט א כיסאָרנ: אופשפּרינגענ שפּרינגענ אופ בלויז צוויי. איכ ליג אופנ שטרוי-זאק באמ פענצטער, כ'ליג מיטנ פּאָניעמ אראָפּ א וואָכ, צוויי וואָכנ, א כוידעש, אנדערהאלבנ כאדאָשימ, אונ כ'קער זיכ ווידער אומ צומ לעבנ: איכ דריי שוינ מיטנ קאָפּ, איכ הייב שוינ אופ א האנט, איכ הייב זיכ שוינ אופ אופ די עלנבויגנס, אונ כ'פּרוו אפילע זיכ איבערדרייענ אונ לייגנ זיכ אופנ רוקנ. פארשטייט זיכ, אז ס'איז גרינגער דאָס צו באשרײַבנ איידער דאָס איבערצולעבנ.

די קאמער האָט זיכ אויכ געענדערט. אנשטאָט א שילדל מיט א דרײַ איבערנ טיר, הענגט איצט א צוויי, מיר זײַנענ איצינד נאָר אינצווייענ. פארשוווּנדנ איז קארעל, דער יינגערער פונ די ביידע כאווײרימ, וואָס האָבנ מיכ באוויינט מיט זייער טרויעריקער ליד. געבליבנ איז נאָר דער אָנדענק וועגנ זײַנ גוט הארצ. אייגנטלעכ, געדענק איכ זייער אומקלאָר נאָר די לעצטע צוויי טעג פונ זײַנ געפינענ

זיכ מיט אונדז. ער האָט מיר געדולדיק דערציילט זײַנ געשיכטע, אונ איכ פלעג ביים־מײַסע אַלע ווײַלע אַנשלאָפנ ווערנ.

גערופנ האָט מענ אימ קאַרעל מאַלעצ. לויט דער פּראָפעסיע איז ער א מאַשיניסט, האָט געאַרבעט אינ א שאַכטע ערגעצ לעבנ גודליצ אונ פלעגט געהיימ אַרויסטראָגנ פונ דאָרטנ אופרײַס־שטאָפ פאַר אונדזער אונטערערד. ער זיצט שוינ בא צוויי יאָר, אונ איצט פאָרט ער צומ געריכט, ווי ס'ווײַזט אויס, קיינ בערלינ. אַרעסטירטע איינ שײַכעס מיט דעמ איינעמ איז פאַראַנ א גאַנצע גרופּע. וואָס מיט זיי וועט זײַנ, ווילט זיכ גאָרניט טראַכטנ. קאַרעל האָט א ווײַב מיט צוויי קינדער, ער האָט זיי ליב, שטאַרק ליב... „דאָס איז אָבער געווענ מײַנ כויוו, פאַרשטייסט דאָכ אַליינ, אַנדערש האָט מענ ניט גע־קאָנט".

ער זיצט שאָענווײַז לעבנ מיר אונ סטאַרעט זיכ צווינגענ מיכ עפּעס עסנ. איכ קענ ניט. שאַבעס — אַפנ אַכטנ טאָג נאָכ מײַנ אַרעסט — באַשליסט ער אָנצוקומענ צומ לעצטנ מיטל: ער טיילט מיט דעמ פּאָליציי-פעלדפעבל — דעמ טורמע־פעלדשער, אז איכ האָב די גאַנצע צײַט גאָרניט געגעסנ. דער פעלדפעבל, א מענטש אינ אַנ עסעסישער אוניפאָרמ, וואָס אַנ זײַנ וויסנ האָט דער דאָקטער דער משעב קיינ רעכט ניט צו פאַרשרײַבנ אַפילע אַספּירינ, ברענגט אַליינ אַרײַנ די שיסל שפּיטאָל־געקעכטס אונ שטייט איבער מיר, ביז איכ עס אַלצ אויפ. קאַרעל איז זייער צופרידנ, אונ אַפ מאָרגנ גיסט ער אַליינ אַרײַנ איינ מיר א שיסל זונטיקדיקנ זופּ.

אָבער מיטנ צווייטנ געריכט קומט גאָרניט אַרויס: מיט צעבײַלטע יאַסליעס קענ מענ ניט קײַענ אַפילע די צעקאָכטע קאַרטאָפל פונ זונטיקדיקנ „גוליאַש", אונ דער אָנגעשוואָלענער גאָרגל זאָגט זיכ געווים אָפּ אַדורכצולאָזנ אינ עטוואָס האַרטערנ ביסנ.

— אַפילע גוליאַשנ עסט ער ניט! — באַקלאָגט זיכ קאַרעל, אונ שטייענדיק איבער מיר, שאָקלט ער מיטנ קאָפּ.

דערנאָכ עסט ער מיט אַפּעטיט אויפ מײנ פּאַרציע, ערלעכ זיכ טײלנדיק דערמיט מיטנ „טאַטעשי".

דער, וואָס איז ניט געווענ אינ 1942 אינ פּאַנקראַץ, דער ווײסט ניט און קענ ניט וויסנ, וואָס עס איז אַזוינס גוליאַש! רעגלמעסיק, אַפילו אינ די שווערסטע צײַטנ, ווענ באַ אַלע אַרעסטירטע פלעגט בורטשענ אינ בויכ פונ הונגער, ווענ אינ באָד האָבנ זיכ געוויזנ לעבעדיקע סקעלעטנ, ווענ יעדער אײנער — לאָז זײַנ מיט די אויגנ — פלעגט באַלעקנ אײַנשלינגענ זײַנ באַוואָרעם פּאָרציע, ווענ דאָס עקלדיקע ביסל קאַשע, באַנעצט מיט שיטערינקנ פּאָמידאָרנ־זאַפט, האָט געשײַנט צו זײַנ דער בעסטער דעליקאַטעס, — אינ די דאָזיקע שווערע צײַטנ פלעגנ די פּאַרטײלער רעגלמעסיק, צוויי מאָל א וואָכ, יעדנ דאָנערשטיק און יעדנ זונטיק, אויסטײלנ אינ אונדזערע שיסלענ אַרײַנ א פּאָרציע קאַרטאָפל און באַגיסנ זי מיט א לעפל פלײש־סאָוס מיט עטלעכע פעדעמלעכ פלײש. דאָס איז געווענ געשמאַק, א מעכײַע. נאָר ניט דערינ אַלײנ גײט עס: דער גוליאַש איז געווענ א מאַמאָשעסדיקע דערמאָנונג וועגנ א מענטשלעכ לעבנ, אינ אים איז געווענ עפּעס ציוויליס, עפּעס נאָרמאַלס אינ דער גרויזאַמער אומנאַטירלעכקײַט פונ דער געסטאַפּאָ־טפיסע.

עס זײַנענ אַריבער צוויי כאַדאָשימ, און איכ האָב גוט פאַרשטאַנענ קאַרעלס כידעשנ זיכ. אַפילו גוליאַש עסט ער ניט! — צי האָט דענ געקאָנט זײַנ א מער איבערצײַגנדיקער סימענ, אַז אַט־אַט שטאַרב איכ.

אינ דער זעלביקער נאַכט 2 אַזײגער האָט מענ קאַרעלנ אויפגעוועקט. אינ פינפ מינוט האָט מענ אים געהײסנ צוגרײטנ זיכ, פּונקט ווי ער וואָלט באַדאַרפט אַרויסגײנ ערגעץ דאָ אינ שכײנעס, פּונקט ווי ס'וואָלט אים ניט פאַרגעשטאַנענ זיכ לאָזנ אינ וועג אַרײַנ צו אַנ אַנדער טורמע, צו א קאָנצלאַגער, צו דער טליע... ווער ווײסט וווהינ.

קארעל האָט נאָכ באַוויזנ זיכ אָנבייגנ צו מײַנ שטרוי־זאַק, מיכ ארומגענומענ און א קוש געטאָנ אינ קאָפּ.

פונ קאָרידאָר האָט זיכ דערהערט א בייז געשריי, וואָס האָט דערמאָנט, אַז אינ טפיסע איז ניט קיינ אָרט פאַר געפילנ.

קארעל האָט זיכ אַפּגיכ א לאָז געגעבנ צום ארויסגאַנג, ס'האָט א קנאַק געטאָנ דער שלאָס...

מיר זײַנענ געבליבנ אינצווייענ.

צי וועלנ מיר זיכ נאָכאַמאָל זענ, פרײַנט מײַנער? און ווענ וועלנ מיר זיכ צעשיידנ, מיר, די פארבליבענע? ווער פונ אונדז וועט פאַר־לאָזנ די קאַמער דער ערשטער? וווהינ וועט ער גײנ? ווער וועט אימ א רופ טאָנ — אַנ אופזעער אינ עסעסישער אוניפאָרמ אָדער דער טויט אַלײנ, וואָס טראָגט ניט קײנ אוניפאָרמ?..

איכ שרײַב איצינד, אינגאַנצנ דורכגעדרונגענ מיט די אָפּקלאַנגענ פונ יענע געפילנ, וואָס האָבנ אונדז אופגערודערט בײַ אָט דער ערש־טער צעשיידונג. פונ יענער צײַט אָנ איז שוינ אַוועק א יאָר, און די ראיינעס, מיט וועלכע מיר האָבנ באַגלייט דעמ כאַווער, פלעגנ ווידער און ווידער אופקומענ, צומאָל ניט געלאָזט אונדז צורו. דער צוויי אַפנ טיר פונ דער קאַמער פלעגט פאַרביטנ ווערנ אופ א דרײַ, דער דרײַ פלעגט ווידער אָפּטרעטנ זײַנ אָרט א צוויי, דערנאָכ פלעגנ זיכ ווידער באַווײַזנ „3", „2", „3", „2". ס'פלעגנ קומענ נײַע ארעסטאַנטנ און ווידער אַוועק, און נאָר יענע צוויי, וועלכע זײַנענ צוערשט גע־בליבנ אינצווייענ אינ דער קאַמער נומ. 267, צעשיידנ זיכ נאָכ אלץ ניט איינער מיטנ צווייטנ: דער „טאטעשי" און איכ.

דער „טאטעשי" — דאָס איז דער זעכציק־יאָריקער לערער יאָזעפ פּעשעק. אַנ עלטערער לערער פונ א שול. מע האָט אימ ארעסטירט מיט פינפ און אכציק טעג פאַר מיר פאַר „א פאַרשווערונג קעגנ דער דײַטשישער אימפּעריע" — דאָס הייסט פאַר זײַנ ארבעט איבער א פּראָיעקט פונ א פרײַער טשעכישער שול.

דער „טאַטעשי“ — דאָס איז... אָבער וויאַזוי ווייסטו אימ באַ־שרײַבנ, פּוטשיק? דאָס איז אַ שווערע האַלאָכע! צוויי מענטשנ, איינ קאַמער און אַ יאָר לעבנ. פאַר אָט דעמ יאָר זײַנענ אָפּגעפאַלנ די גענדזנפּיסלעכ באַמ וואָרט „טאַטעשי“, פאַר דעמ יאָר זײַנענ צוויי אַרעסטאַנטנ פונ פאַרשיידענעמ עלטער געוואָרנ בעמעס פאָטער און זונ, פאַר אָט דעמ יאָר האָבנ מיר זיכ אָפּגעלערנט איינער פונ צווייטנ די רעגילעסנ, די באַליבטע ווערטלעכ, און אַפילע די אינטאָנאַציעס. גיי זײַ אַ בעריע אַצינד און קלײַב זיכ פאַנאַנדער, וואָס איז מײַנס און וואָס איז זײַנס, דעמ „טאַטעשיס“, מיט וואָס ער איז געקומענ אינ קאַמער אַרײַנ און מיט וואָס איכ בינ געקומענ...

גאַנצע נעכט פלעגט ער ניט צומאַכנ מיט קיינ אויג, זיצנ לעבנ מיר און מיט נאַסע קאָמפּרעסנ אָפּטרײַבנ דעמ אָנקומענדיקנ טויט. מעסיראַס־נעפעשדיק פלעגט ער אַראָפּנעמענ די אײַטער פונ מײַנע ווונדנ און קיינמאָל ניט לאָזנ מערקנ, אַז ער שפּירט דעמ פוילנ רייעכ, וואָס שלאָגט פונ מײַנ שטרוי־זאַק. ער פלעגט וואַשנ און פאַ־ריכטנ די נעבעכדיקע רעשטלעכ פונ מײַנ צעפליקט העמד, וואָס איז געפאַלנ אַ קאָרבנ פונ ערשטנ פאַרהער, און ווענ עס איז זיכ אינגאַנצנ צעפאַלנ אויפ שטיקער, האָט ער אויפ מיר זײַנ אייגנ העמד אַרויפגעצויגנ. ער האָט מיר געבראַכט אַ מאַרגאַריטקעלע און אַ גרעזל, וואָס ער האָט, ריזיקירנדיק אַרײַנצופאַלנ אינ קאַרצער, אָפּגעריסנ פאַר מיר אויפנ הויפ בייסנ האַלבשאָיקנ פרימאָרגנ־שפּאַציר. ווענ מע פלעגט מיכ אַוועקפירנ אויפ נײַע פאַרהערנ, פלעגט ער מיכ באַגלייטנ מיט אַ צערט־לעכנ בליק, און ווענ איכ פלעג זיכ אומקערנ, פלעגט ער צולייגנ פרישע קאָמפּרעסנ צו מײַנע פרישע ווונדנ. ער פלעגט זיצנ און וואַרטנ אויפ מײַנ צוריקקומענ פונ פאַרהער און פלעגט זיכ ניט לייגנ שלאָפנ, ביז ער פלעגט מיכ ניט אײַנלייגנ און זאָרגזאַמ אײַנדעקנ מיט דער קאָלדרע.

אַזוי האָט זיכ אָנגעהויבנ אונדזער פרײַנטשאַפט. זי האָט זיכ

ניט געענדערט אויכ שפעטער, ווענ איכ האב זיכ שוינ געקענט האלטנ אפ די פיס אונ אפגעבנ אימ קיבעדראוו.

אבער אט אזוי, מיט איינ קלאפ, וועסטו אלצ ניט באשרײַבנ. אינ דער קאמער נומ. 267 האט יענצ יאר דאס לעבנ געקאכט, אונ אלצ, וואס סע פלעגט געשענ, האט אפ זײַנ אייגענעמ שטייגער איבער־געלעבט אויכ דער טאטעשי. וועגנ דעמ אלעמ דארפ מענ דערציילנ, אונ מײַנ דערציילונג איז נאכ ניט פארענדיקט (אינ דעמ קלינגט אפילע א שטיקל האפענונג).

דאס לעבנ אינ דער קאמער נומער 267 האט געקאכט.

קימאט יעדע וואכ פלעגט זיכ עפענענ די טיר, אונ ס'פלעגנ ארײַנקומענ אופזעער. דאס האט מענ, לויט די אײַנגעפירטע קלאלימ, אזוי אכטונג געגעבנ אפנ געפערלעכנ „קאמוניסטישנ פארברעכער“, אבער כוצ דעמ, פלעג איכ פאשעט ארויסרופנ אינטערעס. אינ טורמע זײַנענ אפט געשטארבנ מענטשנ, וואס האבנ באדארפט בלײַבנ לעבנ. נאר זעלטנ פלעגט זיכ מאכנ, אז עס זאל ניט שטארבנ אזא איינער, וואס אינ זײַנ אומפארמײַדלעכנ טויט זײַנענ אלע זיכער געווענ...

אינ אונדזער קאמער פלעגנ קומענ אפילע אופזעער פונ אנדערע שטאקנ, פארפירנ א שמועס אדער שווײַגנדיק אופהייבנ די קאלדרע אונ מיט א מינע פונ א מומכע באטראכטנ מײַנע ווונדנ, אונ דערנאכ, וועדליק דעמ כאראקטער זייערנ, פלעגנ זיי אדער לאזנ פאלנ א צינישנ וויצ אדער אנעמענ א פרײַנטלעכנ טאנ.

איינער פונ זיי, — מיר האבנ אימ א נאמענ געגעבנ „מילנער“, — פלעגט קומענ אפטער איידער די אנדערע, אונ מיט א ברייטנ שמייכל פלעגט ער זיכ דערפרעגנ, צי דארפ ניט עפעס האבנ דער „רויטער טײַוול“. ניינ, איכ דאנק, איכ דארפ גארניט. אינ עטלעכע טעג ארומ באשליסט דער מילנער, אז דער רויטער טײַוול דארפ פארט עפעס האבנ, דעהײַנע — אפגאלנ זיכ. אונ ער ברענגט א שערער. דאס איז דער ערשטער ארעסטירטער ניט פונ אונדזער קאמער, מיט

ווענ איכ באקאנ זיכ דא: כאווער באטשעק. דעמ מילנערס טירכע איז געווענ א ברײַטע טויווע: דער טאטעשי האלט מיר אונטער דעמ קאפ, אונ באטשעק, וואס האט זיכ צוגעזעצט לעבנ שטרוי-זאק, פרוווט זיכ מיט א טעמפנ געפארלאזנ האזיר-מעסער דורכהאקנ א שטעגל אינ געדיכטנ וואלד פונ מײַנ בארד. די הענט בא אימ ציטערנ, אונ אינ די אויגנ שטעלנ זיכ טרערנ, ער איז זיכער, אז ער גאלט א גוי-סעס. איכ סטארע זיכ אימ בארויקנ.

— האב קיינ מוירע ניט, מײַנ פרײַנט! זעסטו, אז כ'האב געקאנט אויסהאלטנ דעמ פארהער אינעמ פעטשעק-פאלאצ, וועל איכ שוינ דײַנ גאלנ אויכ ווי-ניט-איז אויסהאלטנ.

נאר קיינ קויעכ האב איכ ניט אונ ביידנ קומט אונדז אפט אויס צו מאכנ א שטיקל האפסאקע.

אינ צוויי טעג ארומ ווער איכ באקאנט מיט נאכ צוויי ארעסטירטע. בא דער געסטאפא-אנפירונג פונעמ פעטשעק-פאלאצ פלאצט שוינ דאס געדולד; זיי שיקנ נאכ מיר, אונ אזוי ווי דער פעלדשער שרײַבט יעדעס מאל אונ אפנ ארויסרופ Transportunfähig (קענ זיכ ניט באוועגנ), באפוילנ זיי צושטעלנ מיכ אומ יעדנ פרײַז. איז אט באווײַזנ זיכ צוויי ארעסטאנטנ אינ קאסטיומענ פונ קארידאר-וועכטער אונ שטעלנ אוועק א טראגבעטל לעבנ אונדזער טיר. קוימ מיט צארעס ציט דער טאטעשי ארופ אפ מיר דאס אנטאנ, די כאר-ווירימ לייגנ מיכ ארופ אפנ טראגבעטל אונ טראגנ מיכ אוועק. ביימ אראפלאזנ זיכ פונ די טרעפ בייגט זיכ איינער פונ זיי אנ צו מיר אונ זאגט:

— פאל ניט אראפ בא זיכ!

נאכדעמ, נאכ שטילער טיילט ער מיר מיט, אינ עטלעכע זאצנ, נײַעס.

דאס מאל פארהאלטנ מיר זיכ ניט אינ דער קאנצעליאריע. דורכ א לאנגנ קארידאר טראגט מענ מיכ ווײַטער, צומ ארויסגאנג. דער

קאָרידאָר איז פול מיט מענטשנ — הײַנט איז דאָנערשטיק, דער טאָג, ווענ מע דערלויבט די קרויווימ קומענ נאָכ דעמ וועש פונ די ארעס־טירטע. אַלע דרייענ אויס די קעפּ צו דער פּראָצעסיע מיטנ טראָג־בעטל, אינ אַלעמענס בליקנ ראַכמאָנעס אונ מיטגעפיל, דאָס איז מיר ניט צומ האַרצנ. איכ הייב אופ די האַנט אונ דריק צונויפ די פויסט. עפּעשער וועלנ די מענטשנ אינ קאָרידאָר דערזענ אונ פאַר־שטיינ, אז איכ באַגריס זיי. דאָס איז, פאַרשטייט זיכ, א נאַיווער פּרווו. אָבער אַפ קיינ גרעסערס בינ איכ ניט פעיִק, ניטאָ קיינ קויכעס.

אפנ טורמע־הויפ האָט מענ דאָס טראָגבעטל ארופגעשטעלט אפ א לאַסט־אוטאָ, צוויי עסעסאָווצעס האָבנ זיכ געזעצט לעבנ שאָ־פער, נאָכ צוויי, האַלטנדיק די הענט אפ די צעשפּיליעטע רעוואָל־ווער־שיידלעכ, האָבנ זיכ געשטעלט מיר צוקאָפּנס, אונ מיר זײַנענ אוועקגעפאָרנ.

דער וועג איז ניט קיינ פויגלדיקער: איינ גרוב, א צווייטע... מיר זײַנענ נאָכ ניט אָפּגעפאָרנ קיינ צוויי הונדערט מעטער, ווי כ'האָב פאַרלאָרנ דעמ באַוווסטזײַנ. א קאָמישע יאַזדע איז דאָס געווענ: א פינפטאָניקע מאַשינ, אויסגערעכנט אפ דרײַסיק ארעסטירטע, טרענצלט בענזינ צוליב אײנ־אײנציקנ ארעסטאַנט, אונ גאַנצע פיר עסעסאָווצעס מיט רעוואָלווערנ וואַרפנ אפ אַלע זײַטנ גרויזאַמע בליקנ אונ היטנ אינ אומעכטיקנ קערפּער, ער זאָל ניט אנטלויפנ.

אפנ צווייטנ טאָג האָט זיכ די שפּיל איבערגעכאַזערט. דאָס מאָל האָב איכ אויסגעהאַלטנ ביזנ סאַמע פּאַלאַץ. דער פאַרהער האָט לאַנג ניט געדויערט. דער געסטאַפּאָווע פרידריכ האָט זיכ א ביסל ניט פאַרזיכטיק „צוגערירט“ צו מיר, אונ צוריק האָט מענ מיכ גע־פירט א געכאַלעשטנ.

ס'זײַנענ געקומענ טעג, ווענ ס'איז שוינ קיינ צווייפל ניט גע־ווענ, אַז איכ לעב: ווייטעק, דער לײַבלעכער ברודער פונ לעבנ, פלעגט מיר וועקנ דעמ גאַנצ מאַמאַשעסדיק דערמאַנענ.

די טורמע האָט זיכ שוינ דערוווּסט, אַז צוליב עפּעס א פּאַרזענ בינ איכ לעבנ געבליבנ, אונ פלעגט מיר שיקנ איר גרוס. ער פלעגט קומענ דורכ די ווענט, וואָס פלעגנ מיר פּאָרזיכטיק איבערגעבנ דאָס קלאַפּנ. איכ האָב אימ געזענ, דעמ גרוס, אינ די אויגנ פונ די קאָרידאָר־וועכטער, וואָס פלעגנ פאַנאַנדערטראָגנ דאָס עסנ.

בלויז מײַנ פרוי האָט גאָרניט ניט געוווּסט וועגנ מיר. אינ אַנ אײנצל־קאַמער, סאַמאַקל אײנ שטאָק אונטער מיר, האָט זי געלעבט אינ בענקשאַפט אונ האָפענונג ביז יענעמ טאָג, ווענ א שכיינע האָט איר בײַמ פרימאָרגנ־שפּאַציר א שעפּטשע געטאָנ, אַז א צע־מיימעסטער ביימ פאַרהער, בינ איכ געשטאָרבנ אינ קאַמער. ניט באַנעמענדיק קײנ זאַכ, האָט גוסטא געשפּאַנט איבערנ הויפ, אַלצ האָט איר געשווינדלט פאַר די אויגנ, זי האָט ניט געפילט, ווי די אופזעערנ האָט זי ,,געטרייסט״, שטויסנדיק זי מיט דער פויסט אינ פּאָנעמ אונ אַרײַנטרײַבנדיק זי צוריק אינ דער שוערענגע. וואָס האָט זי געזענ, קוקנדיק אָנ טרערנ מיט אירע גרויסע גוטע אויגנ אופ די ווײַסע ווענט פונ דער קאַמער?

אונ אופ מאָרגנ א נײַע יעדיע — מע האָט מיכ ניט צעמיימעסט אופ טויט, נאָר איכ האָב ניט אויסגעהאַלטנ די פּײַניקונגענ אונ האָב זיכ אופגעהאַנגענ אינ קאַמער.

צו יענער צײַט האָב איכ זיכ געוואַלגערט אופנ שיטערנ שטרויזאַק, אונ יעדנ אָוונט אונ יעדנ אינדערפרי פלעג איכ זיכ אַקשאָנעסדיק אויסדרייענ אופ א זײַט, קעדיי אויסצוזינגענ גוסטאַנ די לידער, וואָס זי האָט אַזוי ליב געהאַט. ווי האָט זי געקענט ניט דערהערנ זיי, איכ פלעג דאָכ אַרײַנלייגנ אינ זיי אַזויפיל געפיל!

איצט ווייסט זי שוינ וועגנ מיר. איצט הערט זי שוינ מײַנע לידער, כאָטש מיר זײַנענ איצט ווײַטער איינער פונ אַנדערנ, ווי דעמלט. איצט ווייסנ שוינ אויכ די טורמע־אופזעער אונ האָבנ זיכ שוינ צוגעוווינט, אַז אינ קאַמער נומ. 267 זינגט מענ.

די דעזשורנע קלאַפּן שווער ניט אין טיר אַרײַן, ס'זאָל זײַן שטיל.

די קאַמער נומער 267 זינגט. אַ גאַנצן לעבן מײַנס האָב איך געזונגען לידער, און איך ווייס ניט צוליב וואָס, אייגנטלעך, זאָל איך זיך שיידן מיט דער ליד אַצינד, פאַרן סאַמע סאָף, ווען די שפּירונג פון לעבן איז באַזונדערס שאַרף.

און דער טאַטעשי פּעשעק? נו, דאָס איז דאָך פּאָשעט מערקווירדיק: ער האָט אויך שרעקלעך ליב זינגען. ער האָט ניט ניט קיין געהער, ניט קיין שטים, קיין שום מוזיקאַלישן זכּאָרן, ער האָט אָבער ליב די ליד מיט אַזאַ גוטער און געטרײַער ליבשאַפט און געפינט אין דער ליד אַזויפיל פרייד, אַז איך באַמערק אַפילע ניט, ווי ער שפּרינגט אַריבער פון איין טאָן אַף אַ צווייטן און נעמט קעסיידער „מי" דאָרט, וווּ מע דאַרף נעמען „דאָ".

און מיר זינגען. מיר זינגען, ווען ס'ווערט אונדז טרויעריק, מיר זינגען, ווען ס'מאַכט זיך אַ שיינער זוניקער טאָג, מיט אַ ליד באַגלייטן מיר אַ כאַווער, מיט וועמען מיר וועלן זיכער זיך קיינמאָל מער ניט זען, מיט אַ ליד באַגריסן מיר גוטע בסורעס פון מיזרעך, מיר זינגען צוליב טרייסט און זינגען פאַר פרייד, ווי מענטשן האָבן געזונגען פון קאַדמוינים אָן און וועלן זינגען, ביז ס'איז דאָ לעבן אַף דער וועלט.

אָן אַ ליד איז ניטאָ קיין לעבן, ווי ס'איז ניטאָ קיין לעבן אָן זון. און פאַר אונדז איז אַ ליד דאָפּלט נייטיק, ווײַל די זון באַווײַזט זיך ניט צו אונדז — די קאַמער נומער 267 איז געווענדט צו צאָפן. בלויז זומער פאַלט אַף דער מיזרעך־וואַנט פון דער קאַמער אַף אַ קורץ שטיקל צײַט אַ זון־שטראַל צוזאַמען מיטן שאָטן פון די גראַטעס.

דער טאַטעשי שטייט, אָנגעלענט אָפּ אַ בעטל, און קוקט אָפּ די קאַרגע זונ־פּלעקן, און זײַן בליק איז דער טרויעריקסטער, וואָס מיר איז ווען אויסגעקומען זען.

די זון! ווי מילד עס לײַכט אָט דער קײַלעכדיקער מעכאַשעפּ, וויפֿל וווּנדער טוט ער אויף פאַר די אויגן פון די מענטשן. אָבער אַזוי ווייניק מענטשן לעבן אין עם וווּנשן.

די זון וועט שײַנען, יאָ, זי וועט שײַנען, און די מענטשן וועלן לעבן אין אירע שטראַלן.

ווי פריידיק עס איז דאָס צו וויסן! און פונדעסטוועגן גלוסט זיך וויסן נאָך עפּעס, אומפאַרגלײַכלעך ווייניקער וויכטיקס: צי וועט די זון נאָך שײַנען אויך פאַר אונדז?

אונדזער קאַמער איז געווענדט צו צאָפן. נאָר זעלטן, זומער, אין אַ העלן טאָג, זען מיר די פאַרגייענדיקע זון. עך, טאַטעשי, ס'וואָלט זיך וועלן נאָך איין מאָל זען די אויפגייענדיקע זון!

קאַפּיטל IV

די „פירהונדערטקע“

דאָס אופשטיינ טכ:אס־האמייסימ איז א דערשײַנונג א גאנצ אייגנארטיקע. אפ אזויפיל אייגנארטיק, אז עס איז אפילע שווער צו דערקלערנ. די וועלט פארשאפט אײַכ האנאָע, ווענ איר זײַט אינ א שיינעמ טאָג נארוואָס אופגעשטאנענ פונ א געשמאקנ שלאָפ. אויב איר זײַט אָבער אופגעשטאנענ פונ א טויט־געלעגער, דוכט זיכ אײַכ דער טאָג אויס הערלעכ, ווי קיינמאָל נית, אונ איר פילט, אז איר האָט זיכ אויסגעשלאָפנ בעמעס אויסגעצייכנט. איר מיינט, אז איר ווייסט גוט, וואָס הייסט לעבנ. אָבער נאָכנ אופשטיינ טכ:אס־האמיי־סימ דוכט זיכ אײַכ אויס, אז לויטנ צייכנ פונעמ רעזשיסאָר זײַנענ אײַנגעשלאָסנ געוואָרנ אלע יופיטערס אפאמאָל אונ די בינע איז פאר־פלייצט מיט ליכט. איר האָט געמיינט, אז איר פארמאָגט א גוטע ריע, אָבער ווענ איר זײַט אופגעשטאנענ טכ:אס־האמייסימ, זעט איר די וועלט אזוי, פונקט ווי מע וואָלט אײַכ צוגעשטעלט צומ אויג מיטאמאָל אי א טעלעסקאָפ אי א מיקראָסקאָפ. דאָס אופשטיינ טכ:אס־האמייסימ איז א פרילינג־דערשײַנונג: עס אנטפלעקט אנ אומגע־ריכטע שיינקײַט אפילע אינעמ סאמע געוויינלעכנ.

אזוי פאסירט אפילע, ווענ איר ווייסט, אז דאָס אלצ איז נית אפ לאנג. אפילע ווענ דאָס גאנצע רײַכטומ אונ די גאנצע פאר־

שיידנאַרטיקײַט פֿון דער אַרומיקער וועלט איז סאַכאַקל א קאַמער אין פּאַנקראַץ.

עס קומט אָן דער טאָג, ווען מע פֿירט מיך אַרויס פֿון קאַמער.

עס קומט אָן דער טאָג, ווען צום פֿאַרהער טראָגט מען מיך ניט אַף קיין טראָגבעטל, נאָר ווען, כאָטש דאָס דוכט זיך מיר איז אומעגלעך, איך גיי אַליין. אָנהאַלטנדיק זיך פֿאַר די ווענט פֿון קאָרידאָר, פֿאַר די פֿאַרענטשעס פֿון די טרעפּ, קריך איך קימאַט אַף אַלע פֿיר. אונטן זעצן מיך טורמע־באַוויירים אַרײַן אין א גידעקטן אַרעסטאַנטן־אויטאָמאָביל. איך געפֿין זיך אין א פֿינצטערער באַוועגלעכער קאַמער, לעבן מיר זײַנען נײַע פּנימער, צען, צוועלף מאַן. זיי שמייכלען צו מיר, איך צו זיי. עמעצער שעפּטשעט מיר עפּעס, ווער, ווייס איך ניט, איך דריק עמעצנס די האַנט, כ׳ווייס ניט וועמען...

דער אויטאָ פֿאָרט אַרײַן מיט א געבראַזג אין טויער פֿונעם פּע־טשעק־פּאַלאַץ, די באַוויירים טראָגן מיך אַרויס, מיר גייען אַרײַן אין א געראַמען ציממער מיט זעקס שורעס בענקלעך. אַף די בענקלעך, אויסגעצויגן גלײַך ווי א סטרונע, די הענט אָנגעשפּאַרט אַף די קני, זיצן אומבאַוועגלעך מענטשן און קוקן אַף דער הוילער וואַנט, וואָס פֿאַר זיי. אָט איז, פּוטשיק, א טיילכל פֿון דײַן נײַער וועלט, א טיילכל, וואָס הייסט „קינאָ־טעאַטער".

מײַ־אינטערמעצאָ

הײַנט איז דער ערשטער מײַ 1943 יאָר. און סע דזשורעט יע־נער, וואָס בײַ אים קאָן מען שרײַבן. הוראַ! איך קען ווידער אַף א ווײַלע ווערן א קאָמוניסטישער זשורנאַליסט און אָנשרײַבן וועגן דעם מײַ־דורכקוק פֿון די שלאַכטקרעפֿטן פֿון מײַן נײַער וועלט.

ריכט זיך ניט אַף קיין דערציילונג וועגן פֿלאַטערנדיקע פֿאָנען. אַזוינס איז ניט געווען. כ׳קאָן אויך ניט דערציילן וועגן פֿאַרבנ־

ריינע סצענעס. היינט איז אַלץ געווען ניט אַזוי ווי אַמאָל. ס'איז ניט געווען קיין רוישיקער טויזנטקעפּיקער שטראָם מענטשן, וועלכע פֿלעגן אין די פֿריִערדיקע יאָרן קאָכן ווי אַ קעסל אַף די גאַסן פֿון פּראָג, ס'איז ניט געווען דאָס, וואָס כ'האָב געזען אין מאָסקווע: דער קאָלאָסאַלער יאָם קעפּ, וואָס האָט פֿאַרפֿולט דעם רויטן פּלאַץ. דאָ זיינען ניטאָ ניט קיין מיליאָנען, ניט קיין הונדערטער. דאָ זיינען פֿאַראַן נאָר עטלעכע באַוויירים — מענער און פֿרויען. און פֿון דעסטוועגן שפּירסטו, ווי גרויס עס איז די באַדייטונג פֿון אָט דעם דורכבּרוך. יאָ, גרויס, ווייל דאָס איז אַ דורכבּרוך פֿון קרעפֿטן, וועלכע גייען אַצינד אַדורך דורך אַ צעגליטן קאַלך־אויוון און ווערן פֿאַרוואַנדלט ניט אין אַש, נאָר אין שטאָל. דאָס איז אַ פֿאַראַד אין טראַנשייען בעשאַס אַ מלחמה. און אין טראַנשייען — ווייסט מען דאָך אין אַ וואָסער אוניפֿאָרם מע איז אָנגעטאָן...

דעם דאָזיקן פֿאַראַד פֿילסטו לויט אַזוינע קליינקייטן... איך ווייס ניט, צי וועסטו מיך פֿאַרשטיין, באַווער, אויב דו וועסט אַמאָל איבערלייענען מיינע ווערטער, נאָר אַליין האָסטו דאָס אַלץ ניט דורכגעלעבט. באַמי זיך צו פֿאַרשטיין. גלייב, דערין האָט געשטעקט אַ קויעך.

דער פֿרימאָרגנדיקער גרוס פֿון דער שכיינישער קאַמער: פֿון דאָרטן קלאַפּט מען אויס צוויי טאַקטן פֿון בעטהאָווען, היינט פֿייערלעכער, שטאַרקער, ווי געוויינלעך, און די וואַנט גיט זיי איבער אויבעט אין אַן אַנדערן, ניט קיין געוויינלעכן טאָג.

מיר פּוצן זאָרגזאַם אונדזער אָנטאָן. און אַזוי הייבן אָן דעם טאָג אַלע קאַמערן.

צום פֿרישטיק זיינען מיר שוין אין פֿולן פֿאַראַד. פֿאַר דער אָפֿענער טיר פֿון דער קאַמער דעפֿילירן די קאָרידאָרוועכטער מיט ברויט, „שוואַרצער קאַווע" און וואַסער. דער באַווער סקאָרעפּאַ דערלאַנגט דריי שטיקלעך ברויט אַנשטאָט צוויי. דאָס איז זיין באַגרי־

סונג מיטנ ערשטנ מײנ, א שטומע זאכלעכע באגריסונג. איבערגעבנ־דיק דאָס ברויט, דריקט ער מיר אומבאמערקט די האנט. ריידנ קענ מענ ניט, די סאָנים שפּירנ נאָכ אפילע נאָכנ אויסדרוק פונ אונדזערע אויגנ, נאָר צי איז דענ אונדז ניט קלאָר דאָס שטומ־לאָשנ פונ די פינגער?

אונטנ, אונטער די פענצטער פונ אונדזער קאמער, גייענ ארויס אפנ פרימאָרגנדיקנ שפּאציר די פרויענ. איכ קריכ ארופ אפנ טיש אונ דורכ די גראטעס קוק איכ אראָפּ אפ אונטנ. עפּשער וועלנ זיי מיכ באמערקנ. יאָ, זיי האָבנ מיכ באמערקט! זיי הייבנ די הענט מיט גע־בייַלטע פויסטנ. איכ ענטפער זיי מיטנ זעלביקנ. אינ הויפ איז הײַנט פרייִדיק אונ לעבעדיק, גאָר אנדערש, ווי אלע טאָג. די אופזעערנ באמערקט גאָרניט, אָדער עפּשער, סטארעט זי זיכ ניט צו באמערקנ. דאָס האָט אויכ א שײַכעס צום דורכקוק.

באלד איז אונדזער ריי. איכ פיר דורכ א רעפּעטיציע: הײַנט איז דער ערשטער מײַ, כעווירע, הײַנט וועלנ מיר א מארשיר טאָנ גאָר אפ א באזונדער אויפנ, זאָלנ זיכ די קאָנוואָירנ וווּנדערנ. די ערשטע באוועגונג: איינס—צוויי, איינס—צוויי — קלעפּ פונ א האמער. די צווייטע: ווי באמ קאָסיענ. א האמער אונ א קאָסע. א ביסעלע פּאנ־טאזיע — אונ די כאווײרים וועלנ פארשטיינ: סערפּ אונ האמער.

מיר מאכנ דורכ די דאָזיקע באוועגונגענ אפנ שפּאציר. איכ קוק זיכ ארומ. אפ די פּענעמער זע איכ שמייכלענ, אלע טוענ נאָכ מיט ענטוזיאזמ אונדזער בײַשפּיל. זיי האָבנ פארשטאנענ! ריכטיק, כעווירע, דאָס איז אונדזער ערשטמײַיִקע קאָלאָנע, אונ אָט די פּאנטאָ־מימע — דאָס איז אונדזער ערשטמײַיִקע שוווּע: מירנ גייִנ אפ טויט, אָבער פאראטנ וועלנ מיר ניט.

דער שפּאציר האָט זיכ געענדיקט. בײַנ אזייגער. דער זייגער אפנ קרעמל־טורעמ שלאָגט איצט צענ, אונ אפנ רויטנ פּלאץ הייבט זיכ אָנ דער פּאראד. טאטעשי, מיר זײַנענ מיט זיי. דאָרט זינגט מענ איצט

דעמ „אינטערנאַציאָנאַל", ער הילכט אָפּ אינ דער גאַנצער וועלט, זאָל ער א הילכ טאָנ אויכ אינ אונדזער קאַמער. מיר זינגענ. איינ רעוואָליוציאָנערע ליד קומט נאָכ דער אַנדערער, מיר ווילנ ניט זײַנ איינזאַמ, אונ מיר זײַנענ טאַקע ניט איינזאַמ, מיר זײַנענ צוזאַ-מענ מיט יענע, וואָס זינגענ איצט הויכ אַפ דער פרײַ, מיט יענע, וואָס פירנ א שלאַכט, פּונקט ווי מיר...

Товарищи в тюрьмах,
В застенках холодных,
Вы с нами, Вы с нами,
Хоть нет Вас в колоннах... [1]

יאָ, מיר זײַנענ מיט אײַכ.

אַזוי האָבנ מיר, אינ דער קאַמער נומער 267, באַשלאָסנ צו פאַר-ענדיקנ מיט לידער אונדזער ערשטמײַיקנ פאַראַד. אָבער דאָס איז נאָכ ניט אַלצ! ניינ!

אַט שפּאַנט אַרומ די קאָרידאָר-וועכטערנ פונ פרויענ-קאַרפּוס אי-בערנ הויפ אונ פײַפט אונטער א מאַרש פונ דער רויטער אַרמיי, די פּאַרטיזאַנישע אונ אַנדערע סאָוועטישע לידער, זי גיט דערמיט א בײַשפּיל די, וואָס אינ די קאַמערנ. אונ דער מאַנצבל אינ דער אוני-פאָרמ פונ א טשעכישנ פּאָליציי-מאַנ, וועלכער האָט מיר געבראַכט פּאַ-**פיר אונ א בלײַער אונ היט אצינד אָפּ אינ קאָרידאָר, מע זאָל מיכ** ניט פּאַקנ אומגעריכט? אונ דער צווייטער, וועלכער טראָגט אַוועק אונ באַהאַלט זאָרגזאַמ אַט די בלעטלעכ, קעדיי שפּעטער, ווענ ס'וועט קומענ די צײַט, זאָלנ זיי ווידער אַרויס אַפ דער ליכטיקער וועלט? פאַר איינ שטיקל פּאַפּיר אַזא קענענ זיי ביידע באַצאָלנ מיטנ קאָפּ. אונ זיי גייענ אַפ אַט דער ריזיקע, קעדיי ס'זאָל זיכ ניט איבעררײַסנ די פאַרבינדונג צווישנ דעמ, וואָס איז געשמידט אינ קייטנ הײַנט, אונ דעמ, וואָס וועט זײַנ פרײַ מאָרגנ. זיי זײַנענ אַנטיילנעמער פונ דער

1 פוטשיק האָט עס געשריבנ אַפ רוסיש. (אַנמ. פונ דער רעד.)

שלאַכט. מוטיק און פעסט שטייען זיי אַפ זייערע פּאָסטנס און האַלטן מילכאָמע דאָרט, ווו עס גייט די שלאַכט, מיט דעם געווער, וועלכן זיי האָבן אין זייערע הענט. זיי טוען זייער זאַך פּראָסט און אומבאַמערקט, ווי עפּעס אַזוינס, וואָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, און קיינער זעט ניט, אַז דאָס איז אַ שלאַכט ניט אַפ לעבן, נאָר אַפ טויט, ווו צוזאַמען מיט זייערע פּרינציפּן קענען זיי אָדער זיגן אָדער פאַלן.

צען, צוואַנציק מאָל האָט איר, כאַווייריִם, געזען, ווי דאָס מיליטער פון דער רעוואָליוציע מאַרשירט אַפ די ערשטמייַיקע פּאַראַדן, און דאָס איז געווען הערלעך. אָבער נאָר אין שלאַכט קען מען אָפּשאַצן די עמעסע קראַפט פון אָט דעם כאַיִל, זיין אומבאַזיגבאַרקייַט. דער טויט איז פּאַשעטער, ווי מיר האָבן געמיינט, און דער העראָיִזם האָט ניט קיין לויכטנדיקן אָרעאָל. די שלאַכט איז גרויזאַמער, ווי מיר האָבן זיך געריכט, און קעדיי אויסצוהאַלטן און דערשלאָגן זיך אַ ניצאָכן, דאַרף מען האָבן אַן אומגעהייערע קראַפט. אָט די קראַפט זעען מיר יעדן טאָג, אָבער ניט שטענדיק באַזיניקן מיר זי. אַלץ זעט אויס אַזוי פּאַשעט און נאַטירלעך.

הייַנט האָבן מיר אָט די קראַפט איבעראַנייִס באַזיניקט. הייַנט, אַפן ערשטמייַיקן פּאַראַד פון 1943.

דער טאָג פון ערשטן מייַ האָט איבערגעריסן דעם סיידער פון מייַן דערציילונג. און דאָס איז גוט. אין פּייַערלעכע טעג האָבן די זיכרוינעס גאָר אַ באַזונדערן קאָליר, און די פרייד, וואָס דאָמינירט הייַנט איבער אַלץ, וואָלט געקענט מיט אָט דעם קאָליר באַשייַנען די זיכרוינעס.

אָבער דער „קינאָ־טעאַטער“ אינעם פּעטשעק־פּאַלאַץ — דאָס איז קלאַל ניט קיין פרייידיקע דערמאָנונג. דאָס איז אַ פּאָדערהויז פון דער פּייַניקונגס־קאַמער, פון וואַנען עס לאָזן זיך הערן די קרעכצן און געשרייען פון די אַרעסטירטע, און דו ווייסט ניט, וואָס עס וואַרט

אויף דיר האָרטן. דו זעסט, ווי ס'גייען אוועק אַהינצו געזונטע, שטאַר-קע, מוטיקע מענטשן און נאָך אַ צוויי—דרײַשאָקן פאַרהער קערן זיי זיך אום צעמיימעסטע, האַלב טויטע. דו הערסט, ווי אַ פעסטע שטים רופט זיך אָפּ אויפן אַרויסרוף, און אין אַ שאַ אַרום איז דאָס קאָל, געבראָכן פון יעסורים און ווייטיק, ניט אימשטאַנד צו ראַ-פּאָרטירן וועגן צוריק-קער. ס'קומט אָבער פאָר נאָך ערגערס: דו זעסט אויך אַזעלכע, וועלכע גייען אַוועק מיט אַן אָפענעם און קלאָרן בליק, און ווען זיי קומען צוריק, מײַדן זיי אויס צו קוקן דיר אין די אויגן. ערגעץ האָרט, אויבן, באַם אויספאָרשער אין קאַבינעט איז געווען אַן איין-איינציקע מינוט פון שוואַכקײַט, איין רגע פון וואַק-לעניש, אַן אויפבליץ פון שרעק פאַר דעם „איך" — און אַלס פּויעל-יוצא דערפון וועט מען הײַנט אָדער מאָרגן ברענגען אַהער נײַע מענטשן, וועלכע וועלן מוזן דורכמאַכן פון אָנהייב ביזן סאָף אַט די אַלע גרוילן, נײַע מענטשן, וועלכע אַ געוויסענער כאַווער האָט אַרויס-געגעבן דעם סוינע...

דער אָנבליק פון אַרעסטירטע מיט אַ געבראָכן געוויסן איז נאָך שרעקלעכער, איידער דער אָנבליק פון צעמיימעסטע. און ווען דײַן רוע איז פאַרשאַרפט פונעם טויט, וואָס איז אַדורך פאַרבײַ דיר, ווען דו קוקסט מיט די אויגן פון אַ מענטשן, וועלכער איז אויפגעשטאַנען טכיאַס-האַמייסים, דעמאָלט איז דיר שוין אויך אָן ווערטער קלאָר, ווער עס האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, ווער עס האָט פאַראַטן, באַ וועמען ס'איז אויף אַ רגע דורכגעלאָפן דער געדאַנק, אַז ס'איז גאָר ניט אַזוי שרעקלעך אַ ביסל צו פאַרלײַכטערן דעם אייגענעם גורל און אַרויס-געבן עמעצן פון די גאָר קנאַפּ אָנגעזעענע קעמפער. שוואַכע נע-שאָמעס! וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן, אויב פאַר דעם איז באַצאָלט געוואָרן מיטן לעבן פון כאַווײרים!

איך האָב ניט געטראַכט וועגן דעם אַלעם, ביים איך בין דאָס ערשטע מאָל אַרײַנגעפאַלן אין „קינאָ". שפּעטער אָבער פלעגן אַט

די געדאַנקענ מיכ אָפט באַהערשנ. צומ ערשטנ מאָל זײַנענ זיי אויפגעקומענ גראָד אינ יענעמ פרימאָרגנ, אָבער ניט אינ „קינאָ“, נאָר דאָרט, ווו מע פלעגט זיכ דערוויסנ מער ווי אומעטומ: אינ דער „פירהונדערטקע“.

אינ „קינאָ“ בינ איכ געזעסנ ניט לאַנג — אַ שעה, אַנדערהאַלבנ. דערנאָכ האָט מענ הינטער מיר אויסגערופנ מײַנ נאָמענ, אונ צוויי מענטשנ, ציוויל געקליידטע, וואָס האָבנ ביידע גערעדט אַפ טשעכיש, האָבנ מיכ געבראַכט צומ ליפט, אויפגעהויבנ אויפנ פערטנ שטאָק אונ אַרײַנגעפירט אינ אַ געראַמענ צימער, ווו ס'איז אויפנ טיר געווענ די ציפער

400

אַ שטיקל צײַט איז אינ דעמ צימער ניט געווענ קיינער, חוצ מיר אונ מײַנע ביידע באַגלייטער. זיצנדיק אַפ אַ שטול, אינ דער טיפ פונ צימער, האָב איכ זיכ אַרומגעקוקט מיט אַ מאָדנעמ געפיל: עפעס־וואָס, האָט זיכ מיר געדוכט, איז מיר דאָ באַקאַנט. צי בינ איכ שוינ דאָ געווענ אַמאָל צי וואָס? ניינ, כ'בינ ניט געווענ. אונ פונדעסטוועגנ בינ איכ באַקאַנט מיט אָט דעמ צימער, כ'האָב אימ געזענ אינ כאַלעמ, אינ עפעס אַ מעשוגענדיק ווילדנ קאָשמאַר. דעמאָלט האָט דער צימער אויסגעזענ אַנדערש, איז געווענ עקלדיק, אָבער דאָס איז פאָרט דער זעלבער צימער. איצט איז ער געמיטלעכ, פול מיט זונ אונ העלע פאַרבנ. דורכ די ברייטע פענצטער מיט דינע גראַטעס זעט מענ דעמ טינער טעמפל, די גרינע לעטנע אונ די גראַדטשאַנעס.

אינ כאָלעמ איז דער צימער געווענ מאָרעשכווירעדיק, אָנ פענצטער, באַלויכטנ פונ אַ שמוציק־געלער שײַנ, אינ וועלכער די מענטשנ האָבנ זיכ באַוועגט ווי שאָטנס... יאָ, דעמאָלט זײַנענ דאָ געווענ מענטשנ. איצט איז דער צימער פוסט, אונ דעמאָלט זײַנענ אַפ די בענקלעכ געזעסנ איינער לעבנ אַנדערנ מענטשנ מיט בלאַסע אונ

צעבלוטיקטע פענעמער. אָט דאָרט, בא דער טיר, איז געשטאנענ א מענטש אינ א בלויער ספעצאָווקע, אינ זײַנע אויגנ איז געווענ אומ־דערטרעגלעכער פײַנ. ער האָט א בעט געטאָנ טרינקענ אונ האָט זיכ פאמעלעכ, ווי א פאלנדיקער פאָרהאנג, אראָפגעלאָזט אפ דער ערד.

יאָ, דאָס אלצ איז געווענ, אציִנד ווייס איכ, אז דאָס איז ניט קיינ כאָלעמ. שרעקלעכ, ווי א קאָשמאר, איז געווענ די ווירקלעכקײַט אליינ.

דאָס איז געווענ אינ דער נאכט פונ מײַנ ארעסט אונ ערשטנ פארהער. מע האָט מיכ געבראכט אהער א מאָל דרײַ, אונ, עפשער, צענ, מע פלעגט מיכ אוועקפירנ, ווענ מײַנע פײַניקער פלעגנ וועלנ זיכ אָפרוענ אָדער זיכ א נעמ טאָנ צו אנדערע. איכ געדענק, אז דער קי־לער קאבליע־דיל האָט אָנגענעמ אָפגעפרישט מײַנע צעווונדיקטע באָר־וועסע פיס.

אפ די בענקלעכ זײַנענ דעמלט געזעסנ ארבעטער פונ יונקערס־זאוואָד — די אָונטיקע פאנג פונ דער געסטאפאָ. דער כאווער אינ דער בלויער ספעצאָווקע, וואָס איז געשטאנענ בא דער טיר, איז געווענ כאווער בארטאָנ, דער אָרגאניזאטאָר פונעמ זאוואָדישנ קעמערל אונ דער אומדירעקטער שולדיקער אינ מײַנ ארעסט. איכ זאָג עס צוליב דעמ, קעדיי מע זאָל קיינעמ ניט באשולדיקנ אינ מײַנ דורכפאל. די סיבע פונ מײַנ דורכפאל איז ניט געווענ עמעצנס פאכדאָנעס אָדער פאראט, נאָר בלויז אומפאָרזיכטיקײַט אונ אנ אומגליק־פאל. דער כאווער באר־טאָנ האָט געזוכט א פארבינדונג מיט דער אָנפירונג. זײַנ פרײַנט, כאווער יעלינעק, האָט א ביסל אויווער געווענ אפ די קלאָלימ פונ קאָנספיראציע, ווענ ער האָט צוגעזאָגט בארטאָנענ צו פארבינדנ אימ מיט וועמענ מע באדארפ, האגאמ ער האָט געהאָפט פריִער איבעררײַדנ מיט מיר, אונ דאָס וואָלט מעגלעכ געמאכט צו באגיינ זיכ שפעטער אָנ זײַנ פארמיטלונג. דאָס איז געווענ איינ פעלער. דער צווייטער

פעלער, א מער פאַטאַלער, איז באַשטאַנענ אינ דעמ, וואָס באַרטמאַנס צוטרוי האָט געוווּנענ א פּראָוואָקאַטאָר מיט דער פאַמיליע דוואָר־זשאַק. באַרטמאַנ האָט אימ אָנגערופנ יעלינעקנ. אונ נאָכ דער פאַמיליע יעלינעק האָט מענ אָנגעהויבנ נאָכשפּירנ. ניט צוליב זייער הויפּט־אַרבעט, וועלכע זיי האָבנ מיט דערפאָלג אויסגעפילט אינ מעשעכ פונ צוויי יאָר צייט, נאָר צוליב א נישטיקער טויווע א כאַווער, וואָס דערמיט איז מענ אויווער געווענ אפ די קלאָליומ פונ קאָנספּיראַציע. אונ דאָס, וואָס אינעמ פעטשעק־פּאַלאַץ האָט מענ באַשלאָסנ צו אַרעס־טירנ דאָס פּאָרפאָלק יעלינעק גראָד אינ דעמ אָוונט, ווענ איכ בינ גע־ווענ בא זיי, אונ וואָס צו זיי זיינענ אַראָפּגעקומענ אַזויפיל געסטאַ־פּאָווצעס, — דאָס אלץ איז געווענ שוינ ריינער צופאַל. לויטנ פּלאַנ האָט מענ געוואָלט אַרעסטירנ די יעלינעקס ערשט אפ מאָרגנ. אינ יענעמ אָוונט איז מענ אוועק צו זיי, אַזוי צו זאָגנ, לויט דער אי־נערציע — נאָכנ געלונגענעמ אַרעסט פונעמ קעמערל אפנ יונגקערס־זאַוואָד. דאָס, וואָס איכ בינ גראָד געווענ בא די יעלינעקס, איז פאַר די געסטאַפּאָווצעס געווענ פּונקט אַזוי אומגעריכט, ווי אומגעריכט עס איז געווענ פאַר אונדז זייער אָנפאַל. זיי האָבנ אַפילע ניט געוווּסט, ווער ס'איז אַריינגעפאַלנ צו זיי אינ די הענט אַריינ, אונ ווער ווייסט, צי זיי וואָלטנ זיכ דאָס דערוווּסט, ווענ צוזאַמענ מיט מיר זאָל ניט...

אָבער דאָס אלץ האָב איכ באַקומענ שוינ שפּעטער, בא די ווינ־טערדיקע באַזוכנ אינ דער „פּירהאָנדערטקע". אונ יענעמ מאָל בינ איכ שוינ ניט געווענ אַלייג. מענטשנ זיינענ געזעסנ אפ די בענקלעכ אונ געשמועסנ בא די ווענט. אונ שאָענ זיינענ געגאַנגענ אונ גע־בראַכט אַלעמאָל אַנ אַנדער נייעס.

די נייעס זיינענ געווענ פונ צווייערליי מינימ: מאָדנע, וועלכע כ'האָב ניט פאַרשטאַנענ, אונ שלעכטע, וועלכע כ'האָב פאַרשטאַנענ צו גוט.

איבעריקנס, דאָס ערשטע נייס איז ניט שיינער ניט צו דער, ניט

צו יענער קאַטעגאָריע. דאָס איז געווענ אַ קלייניקייט, וועגנ וועלכער ס'לוינט ניט צו ריידנ.

דאָס צווייטע נייס: איכ צימער גייענ אַרײַנ, איינער נאָכנ אַנדערנ, פיר מענטשנ, באַגריסנ זיכ אַפ טשעכיש מיט די געסטאַפּאָווצעס אינ ציווילנ... אונ מיט מיר, זעצנ זיכ אוועק בײַ די טישנ, לייגנ פאַנאַנדער זייערע פּאַפּירנ, פּאַרייכערנ, — האַלטנ זיכ פרײַ, גאָר פרײַ, פונקט ווי זיי וואָלטנ דאָ געווענ אַפ אַרבעט. אָבער איכ קענ דאָכ זיי, לעפּאָכעס דרײַ פונ זיי, ס'קענ ניט זײַנ, אַז זיי זאָלנ דינענ אינ געסטאַפּאָ... אָדער פאָרט? זיי אויכ? דאָס איז דאָכ ר. דער אַלטער סעקרעטאַר פונ דער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע אונ פונ דער פּראָפאַריינישער אָרגאַניזאַציע, אַ שטיקל מאָרעשכוירעניק, אָבער אַ זיכערער מענטש, ניינ, דאָס איז אוממעגלעכ! אַנאַ וויקאָוואַ, אַלץ נאָכ אַ שטאָלצע אונ אַ שיינע, כאָטש אינגאַנצנ גרוי, — אַנ אײַזנפעסטע אונטערערדישע טוערנ... ניינ, דאָס איז אוממעגלעכ. אונ אָט יענער, דאָס איז דאָכ וואַשעק, אַ מוליער פונ צאָפנ-טשעכיע, אונ דערנאָכ סעקרעטאַר פונעמ דאָרטיקנ קאָנטקאָמ. איכ זאָל אימ ניט קענענ?! מיר האָבנ דאָכ צוזאַמענ אַזויפיל דורכגעלעבט אַפנ צאָפנ, אונ אָט דעמ מענטשנ זאָל מענ האָבנ אײַנגעבראָכנ... ניינ, אוממעגלעכ! אָבער צו וואָס זײַנענ זיי דאָ? וואָס טוענ זיי דאָ? 1 •

כ'האָב נאָכ ניט געהאַט געפונענ קיינ ענטפער אַפ אָט דער פראַגע, ווי מע פירט שוינ אַרײַנ נײַע מענטשנ: מירעק, דאָס פאַרפאַלק יעלינעק אונ דאָס פאַרפאַלק פריד. די דאָזיקע קענ איכ, זיי האָט מענ אַרעסטירט צוזאַמענ מיט מיר. נאָר פאַרוואָס איז דאָ עפּעס דער קונסט-היסטאָריקער קראָפּאַטשעק, וועלכער פלעגט העלפנ מירעקנ

---

1 ווי פוטשיק האָט זיכ נאָכדעמ דערוווּסט, זײַנענ אָט די אַרעסטירטע באַשטימט געוואָרנ פאַר „הויז-אַרבעטער", ד. ה. „באַדינער פונ צווישנ די אַרעסטאַנטנ", אונ זיי זײַנענ אײַנגעגאַנגענ דערופ, קעדיי אײַנצושטעלנ אונ אונטערצוהאַלטנ די פאַרבינדונג צווישנ די אַרעסטירטע. (אָנמ. פונ דער רעד.)

אינ זײַנ ארבעט צווישנ דער אינטעליגענצ? ווער האָט געוווּסט וועגנ אים, כוץ מיר אונ מירעקנ? אונ פארוואָס עפּעס גיט מיר אָט דער לאַנגער כעוורעמאַנ מיט א פּאָנעם, אָנ אָנגעשוואָלענעמ פונ קלעפּ, צו פאַרשטיינ, אַז מיר זײַנענ מיט אים ניט באַקאַנט? ווער וואָלט עס געקאָנט זײַנ? שטיל? דאָקטער שטיל? זדענעק? הייסט עס, ס'איז דורכגעפאַלנ אויכ די גרופּע דאָקטוירימ. ווער האָט געוווּסט וועגנ איר, אויסער מיר אונ מירעקנ? אונ פארוואָס האָט מענ מיכ אָפּ די פאַרהערנ געפרעגט וועגנ דער טשעכישער אינטעליגענצ? פארוואָס איז זיי ביכלאַל אײַנגעפאַלנ צונויפבינדנ מײַנ נאָמענ מיט דער ארבעט צווישנ דער אינטעליגענצ? ווער האָט געוווּסט דערפונ, אויסער מיר אונ מירעקנ?

געפינענ אַנ ענטפער איז ניט שווער, כאָטש דער ענטפער איז מאָדנע גרויליק: מירעק האָט פאַראַטנ, מירעק האָט אַלצ אויסגעזאָגט. נאָכ אײַנ מינוט האָפ איכ, אַז ער האָט, עפּשער, ניט אַלעמענ אַרויסגעגעבנ, אָבער דערנאָכ פירט מענ אַרײַנ נאָכ א גרופּע, אונ איכ דערקענ וולאַדיסלאַוו וואַנטשורא 1, פּראָפעסאָר פעלבער מיטנ זונ, דער קריטיקער בעדריכ וואַצלאַוועק 2, צעמיימעסט ביז ניט צו דערקענענ, אונ א סאַכ אַנדערע. אַלע, וואָס זײַנענ אַרײַנ אָדער געזאָלט אַרײַנ אינ פאָלקס-רעוואָלוציאָנערנ קאָמיטעט פונ דער טשעכישער אינטעליגענצ, אַלע זײַנענ זיי געווענ דאָ. וועגנ דער ארבעט צווישנ דער אינטעליגענצ האָט מירעק אויסגעזאָגט אַלצ.

ניט לײַכט זײַנענ געווענ מײַנע ערשטע טעג אינעמ פּעטשעקפּאַלאַצ. דאָס איז אָבער געווענ דער שווערסטער קלאַפּ. כ'האָב זיכ גערעכנט אפנ טויט, אָבער ניט אפ פאַראַט. אונ ווי ווײַניק שטרענג איכ

---

1 א באַקאַנטער טשעכישער שרײַבער, אומגעבראַכט פונ די היטלעראָווצעס. (אָנמ. פונ דער רעד.)

2 א באַקאַנטער קריטיקער א קאָמוניסט, אומגעבראַכט פונ די היטלעראָווצעס. (אָנמ. פונ דער רעד.)

זאָל ניט האָבן געמישפּעט מירעקן, וואָסערע מילדערנדיקע אומ־שטענדן איך זאָל ניט האָבן אויסגעזוכט, האָב איך ניט געקענט גע־פינען קיין אנדער וואָרט, אויסער פאַראַט. ניט שוואַכקייט, ניט אָנ־מעכטיקייט פון א מענטשן, וואָס איז פאַרפייניקט אַף טויט און זוכט פיבערהאַפט אַן אויסלייזונג, קיין שום זאַך האָט ניט געקענט דינען אַלס א באַרעכטיקונג פאַר אים. אצינד האָב איך פאַרשטאַנען, פון־וואַנען די געסטאַפּאָווצעס האָבן שוין אין דער ערשטער נאַכט זיך דערוווסט מיין פאַמיליע. אצינד האָב איך פאַרשטאַנען, וויאַזוי ס'איז אַהער אַריינגעפאַלן אַניאַ איראַסעק — בא איר האָבן מיר זיך עט־לעכע מאָל באַגעגנט מיט מירעקן. אצינד איז געוואָרן קלאָר, פאַרוואָס דאָ זיינען דאָ קראַפּאַטשעק און דאָקטער שטיכ.

פון דעם טאָג אָן האָט מען מיך קימאַט יעדן טאָג געפירט אין דער „פּירהונדערטקע“, און יעדעס מאָל פלעג איך זיך דערוויסן נייע פּראַטים, שווערע און דריקנדיקע. מירעק! געווען א מענטש מיט א כאַראַקטער, אין שפּאַניע ניט געשראָקן זיך פאַר קיין קוילן, ניט גע־בויגן זיך בא די האַרבע ניסיונות פון קאָנצענטראַציע־לאַגער אין פראַנקרייך, און איצט ווערט ער בלאַס ווי די וואַנט, ווען ער דער־זעט א קאַנטשיק אין די הענט בא א געסטאַפּאָווצע, און גיט אַרויס פּריינט, האַפנדיק צו ראַטעווען זיין פעל. ווי אויבערפלעכלעך איז גע־ווען זיין געוואַגטקייט, אויב עס האָבן זי אַראָפּגעווישט עטלעכע קלעפּ! פונקט אַזוי אויבערפלעכלעך, ווי זיינע איבערצייגונגען. ער איז גע־ווען שטאַרק צווישן אַן אוילעם מיינונגס־כאַווייריִם. צוזאַמען מיט זיי איז ער געווען פעסט, ווייל ער האָט געטראַכט וועגן זיי. איזאָלירט, אַרומגערינגלט פון סאָניִם, וואָס האָבן זיך אַף אים אָנגעזעצט, האָט ער צוביסלעך פאַרלאָרן זיין גאַנצע קראַפט. פאַרלאָרן דערפאַר, ווייל ער האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן נאָר וועגן זיך. קעדיי זיך צו ראַטעווען, איז ער מאַקריוו געווען די כאַווייריִם. ער האָט נאָכגעגעבן דער פּאַכדאָנעס און אויס פּאַכדאָנעס פאַראַטן.

מע האָט בא אים געפֿונען נאָטיצן, און ער האָט ניט געזאָגט צו זיך: בעסער שטאַרבן, איידער זיי פֿאַנאַנדערשיפֿירן. ער האָט פֿאַר־באַנדערגעשיפֿירט! אַרויסגעגעבן די נעמען. אַרויסגעגעבן די יאַוור־קעס. געבראַכט די געסטאַפּאָ־אַגענטן אַף דער אומלעגאַלער דירע צו שטיכן. געשיקט זיי אַהיים צום פֿאַרעטער דוואָרזשאַק, ווו זיי האָבן באַהאַרפֿט טרעפֿן וואַצלאַוועקן און קראָפּאַטשעקן. אַרויסגעגעבן אַניאַן. אַרויסגעגעבן לידאַן, א דרייסט, פֿעסט מיידל, וואָס איז געווען ניט גלייכגילטיק צו אים. גענוג זיינען געווען עטלעכע קלעפּ, ער זאָל אַרויסגעבן א העלפֿט פֿון דעם, וואָס ער האָט געוווּסט. און דער־נאָך, באַשלאָסן, אַז איך לעב שוין אַוודאי ניט און ס'וועט ניט זיין, ווער ס'זאָל אים דעמאַסקירן, האָט ער אויסגעזאָגט אויך דאָס אי־בעריקע.

מיר איז דערפֿון ערגער ניט געוואָרן. איך בין געווען בא דער געסטאַפּאָ אין די הענט — וואָס קען שוין זיין ערגער? גיכער פֿאַר־קערט: זיינע גוזמאָס־איידעס זיינען געוואָרן דער אויסגאַנג־מאַטעריאַל, אַף וועלכן עס האָט זיך באַזירט די גאַנצע אויספֿאָרשונג און וועלכע איז געווען דער אָנהייב פֿון א קייט, וואָס די וויטערדיקע רינגען אירע האָבן זיך געפֿונען בא מיר אין די הענט און זיינען געווען דער געס־טאַפּאָ זייער נייטיק. נאָר צוליב דעם האָט מען מיך און דעם גרעסטן טייל פֿון אונדזער גרופּע ניט אופֿגעהאַנגען שוין אין די ערשטע טעג פֿון באַלאַגערונגס־צושטאַנד. ווען מירעק וואָלט אויסגעפֿילט זיין כויוו, וואָלטן אין די הענט פֿון דער געסטאַפּאָ געווען נאָר מיר ביידע. מיר ביידע וואָלטן שוין לאַנג ניט געווען אַף דער וועלט, אָבער די אַנדערע וואָלטן געלעבט און וויטער געפֿירט די אַרבעט.

א פּאַכדן פֿאַרלירט מער, ווי זיין אייגן לעבן. אַזוי איז אויך געווען מיט מירעקן. א דעזערטיר פֿון דער רומפֿולער אַרמיי, איז ער געווען פֿאַרורטיילט צו פֿאַראַכטונג, אפֿילע מיצאַד די סאָנים. ער איז נאָך געבליבן לעבן, אָבער דאָס איז געווען ניט קיין לעבן, ווייל דער

קאָלעקטיוו האָט זיך פֿון אים אָפּגעזאָגט. שפּעטער האָט ער זיך גע־פּרוּווט ווי־עס־איז צו פֿאַרגלעטן זײַן שולד. נאָר דער קאָלעקטיוו האָט אים ניט אויפֿגענומען. און אַ בייערעם אין טורמע איז אַ סך שרעק־לעכער, איידער ווו־ניט־איז אַנדערש.

טפּיסע און איינזאַמקייט — די צוויי באַגריפֿן אידענטיפֿיצירט מען געוויינלעך. דאָס איז אָבער אַ גרוילדיקער טעות. דער געפֿאַנגענער איז ניט איינזאַם, די טפּיסע — דאָס איז אַ גרויסער קאָלעקטיוו, און די שטרענגסטע איזאָליאַציע איז ניט אימשטאַנד עמעצן צו איזאָלירן, ווײַבאַלד דער מענטש איזאָלירט זיך ניט אַליין.

אין טורמע איז דער קאָלעקטיוו פֿון די פֿאַרשקלאַפֿטע אויסגע־שטעלט אויף באַזונדערס גרויסער אונטערדריקונג, אָבער די דאָזיקע אונטערדריקונג באַהעפֿט און פֿאַרהאַרטעוועט די מענטשן, פֿאַר־שאַרפֿט זייער אויפֿנעמפֿעיִקייט. פֿאַר זיי זײַנען קיין מחיצעס ניט די ווענט — ווענט לעבן דאָך און ריידן אויף אַן אָפּגערעדטן קלאַפּ־לשון. די טורמע־ברודערשאַפֿט פֿאַראייניקט די קאַמערן פֿון גאַנצן שטאָק, וואָס איז פֿאַרבונדן דורך געמיינזאַמע אינטערעסן, דורך אַ געמיינזאַמער וואַך, געמיינזאַמע קאָרידאָרן און געמיינזאַמע האַלב־שאָזיקע שפּאַצירן, בײַם וועלכע ס'איז אַמאָל געווען איין־איינציק וואָרט אָדער ווונק, קעדיי איבערצוגעבן אַ וויכטיקע ידיעה און ראַטעווען עמעצנס לעבן. דאָס פֿאָרן צום פֿאַרהער, דאָס זיצן אין „קינאָ" און דאָס אומקערן זיך אין פּאַנקראַץ פֿאַראייניקט די גאַנצע טורמע־ברו־דערשאַפֿט. די דאָזיקע ברודערשאַפֿט פּאַטערט ניט קיין סך ווערטער. אַ פּשוטער האַנט־דרוק אָדער אַ בישטיקע איבערגעגעבענער פּאַ־פּיראָס רוקן פֿאַנאַנדער די גראַטעס פֿון דער שטײַג, פֿירן אַרויס דעם מענטשן פֿון יענער איינזאַמקייט, מיט וועלכער מע האָט אים געוואָלט איינברעכן. די קאַמערן פֿאַרמאָגן הענט: דו פֿילסט, ווי זיי האַלטן דיך אונטער, ווען דו, אַ צעפּײַניקטער, קערסט זיך אום פֿון פֿאַרהער.

פונ אַמ די הענט קריגסטו עסנ, ווענ די סאָנימ סטאַרענ זיכ דיכ אויס־כּאַמערנ מיט הונגער. די קאַמערנ פאַרמאָגנ אויגנ: זיי קוקנ אַפּ דיר, ווענ דו גייסט צו דער טליע, אונ דו ווייסט, אַז דו דאַרפסט שפּאַנענ גלייכ, ווייל דיינע ברידער זעענ דיכ אונ דו טאָרסט זיכ ניט דער־וועגנ מיט אַנ אומזיכערנ טריט אַרויסצורופנ צווייפל אינ זייערע הער־צער. דאָס איז אַ ברודערשאַפט, וואָס גייט אָפּ מיט בלוט, אָבער וואָס מע קענ זי ניט איינברעכנ. ווענ ניט איר הילפ, וואָלסטו ניט בעקויעכ געווענ צו טראָגנ אַפילע קיינ צענטבילעק פונ דיינ לאַסט. ניט דו, ניט ווער־ניט־איז אַנדערש.

איכ מיינ דערציילונג — איכ ווייס ניט, צי וועל איכ זי קענענ פאַרזעצנ (פאַרהוילט איז איינ כוישעכ יעדער טאָג אונ שאָ) — כאַ־זערט זיכ אָפּט איבער אַ וואָרט, וואָס איז דער נאָמענ פונ דעמ דאָ־זיקנ קאַפּיטל: „די פירהונדערטקע“.

צוערשט איז „די פירהונדערטקע“ געווענ פאַר מיר בלויז אַ צי־מער, ווו מיינע ערשטע שאָענ אונ מיינע ערשטע ראַיוינעס האָבנ מיר ניט געגעבנ קיינ שום אויסזיכט. ס'האָט זיכ אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז „די פירהונדערטקע“ — דאָס איז אַ קאָלעקטיוו, אַ מונטערער אונ אַ קעמפערישער.

„די פירהונדערטקע“ איז אנטשטאַנענ אינ 1940, ווענ ס'האָבנ זיכ באַדייטנדיק „פאַרברייטערט די איניאָנימ“ פונ דער אָפּטיילונג 11 — A - 1. מע האָט דאָ געעפנט אַ פיליאַל פונ „קינאָ־טעאַטער“, ווו ס'פלעגנ זיצנ, וואַרטנדיק אַפנ פאַרהער, די אונטערזוכונגס־אַרעסטיר־טע; דאָס איז געווענ אַ פיליאַל ספּעציעל פאַר קאָמוניסטנ, ער איז געשאַפנ אַפּ צו פאַרשפּאָרנ איבעריקע טירנע די עסעסאָווצעס, זיי זאָלנ פאַרשפּאָרנ צוליב אַ ליאַדע קלייניקייט שלעפּנ די אַרעסטירטע פונ ערשטנ שטאָק אַפנ פינפטנ. די אַרעסטירטע האָבנ באַדאַרפט שטענ־דיק זיכ געפינענ אונטער דער האַנט באַמ אויספאָרשער. דאָס האָט

פארלײַכטערט די ארבעט. דערצו האָט געזאָלט דינענ „די פירהונדערטקע".

אָבער ווענ איר זעצט אװעק צוזאמענ א פּאָר ארעסטירטע — אונ דערצו נאָכ קאָמוניסטנ, — האָט איר אינ פינפ מינוט ארומ א קאָלעקטיוו, וואָס פארפלאָנטערט אלע קאָרטנ פונ די געסטאפּאָווצעס.

אינ 1942 האָט מענ שוינ די „פירהונדערטקע" אנדערש ניט גערופנ, ווי דער „קאָמוניסטישער צענטער". דער דאָזיקער צימער האָט א שיינ ביסל געהאט צו זענ. טויזנטער כאווײרימ זײַנענ דאָ אויסגעווענ, אײנס איז נאָר געבליבנ אומפאראנדערט: דער גײַסט פונ קאָלעקטיוו, די גרײטקײַט צומ קאמפ אונ דער גלויבנ אינ ניצאָכנ.

„די פירהונדערטקע" — דאָס איז געווענ א טראנשײ, ארויסגערוקט ווײַט איבער דער פאָדערשטער ליניע, פונ אלע זײַטנ ארומגערינגלט מיט סאָנימ. באשאָסנ פונ א קאָנצענטרירטנ פײַער, האָט די טראנשײ פונדעסטוועגנ אפילע א רעגע ניט געטראכט זיכ אונטערצוגעבנ. דאָס איז געווענ א טראנשײ אונטער דער רויטער פאָנ, אונ דאָ האָט זיכ אנטפלעקט די סאָלידארישקײַט פונעמ גאנצנ פאָלק, וואָס קעמפט פאר זײַנ באפרײַונג.

אונטנ, איבעמ „קינאָ-טעאטער", האָבנ ארומגעשפּאנט עסעסאָווצעס אונ געשריגנ אויפ די ארעסטירטע פאר יעדער ריר מיט א ווײַע. אינ דער „פירהונדערטקע" האָבנ אויפ אונדז אכטונג געגעבנ טשעכישע אינספּעקטאָרנ אונ אגענטנ פונ דער פּאָליצײ-פארוואלטונג, וואָס זײַנענ אנגעקומענ אינ דינסט צו דער געסטאפּאָ אלס איבערזעצער — אמאָל פרײַוויליק, אמאָל לויט א באפעל. יעדערער פונ זײ האָט זיכ געטאָנ זײַנ זאכ: אײניקע האָבנ אויסגעפילט די פליכטנ פונ א מיט-ארבעטער פונ געסטאפּאָ, אנדערע — דעמ כויוו פונ א טשעכ. געווענ ווידער אזוינע, וואָס האָבנ באלאנסירט, געזוכט א מיטלוועג.

דאָ האָט מענ אונדז ניט געצוואונגענ זיצנ אויסגעצויגנ, ווי א סטרונע, די הענט אָנגעשפּארט אָנ די קני, דעמ אומבאוועגלעכנ בליק

אָנגעשטעלט פּאָרויס. דאָ האָט מענ געקענט זיצנ ווייניקער געצוווּנ־גענ, זיכ ארומקוקנ, אַ באַוועג טאָנ מיט דער האַנט... און אַמאָל פלעגט מענ מעגנ אויכ מערער — געווענדט פונ דעם, ווער פונ די דרײַ אופזעער פלעגט דעזשורענ.

„די פּירהאָנדערטקע" איז געווענ אַנ אָרט, ווו מע האָט געקאָנט אָמטיפּסטנ דערקענענ די בריִע, וואָס הייסט מענטש. די נאָענטקייט פונ טויט פלעגט אַנטהילנ יעדנ איינציקנ — סײַ די, וואָס פלעגנ טראָגנ אַפּ דער לינקער האַנט דאָס רויטע בענדל פונ אַנ אַרעסטירטנ קאָמוניסט, אָדער פונ אַזאַ, וואָס מע איז אים חושד אינ צוזאַמענ־אַרבעט מיט די קאָמוניסטנ, סײַ יענע, וועלכע פלעגנ היטנ און דורכ־פירנ די פאַרהערנ. אַפּ די פאַרהערנ האָבנ ווערטער געקאָנט זײַנ אַ שוצ אָדער אַ געווער. אָבער אינ דער „פּירהאָנדערטקע" האָט מענ זיכ הינ־טער ווערטער ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטנ. דאָ זײַנענ וויכטיק געווענ ניט דײַנע ווערטער, נאָר דאָס, וואָס דו ביסט. און אינ דיר פלעגט אי־בערבלײַבנ נאָר דער סאַמע איקער. אַלצ, וואָס איז ניט דער איקער, וואָס קומט מינ־האַצאַד, וואָס באַרגלעט, שוואַכט אָפּ, פּוצט צו די איקערדיקע שטריכנ פונעמ מענטשנ — פלעגט אָפּפאַלנ, פלעגט אָוועקגעטראָגנ ווערנ דורכנ וויכער פונעמ אָנקומענדיקנ טויט. בלײַבנ פלעגט בלויז דער עצעם מעהום, דאָס סאַמע פּאָשעטע: דער געטרײַער בלײַבט געטרײַ, דער פאַרעטער פאַראַט, דאָס באַליבעסל פאַלט אַרײַנ אינ ייִעש, דער העלד קעמפט ביזנ סאָפ. אינ יעדנ מענטש איז פאַ־ראַנ קויעכ און שוואַכקייט, מוט און פּאַכעד, פעסטקייט און וואַקלע־ניש, ריינקייט און שמוצ. דאָ פלעגט בלײַבנ נאָר איינס פונ די ביידע. אָדער — אָדער. דער, וואָס האָט געפּרוווט באַלאַנסירנ, האָט אויסגע־זענ פונקט אַזוי אומנאַטירלעכ, ווי אַ מענטש, וועלכנ עס זאָל געווענ אײַנפאַלנ מיט קאַסטאַניעטנ און אינ אַ קאַפּעליוש מיט אַ פעדער צו טאַנצנ אַפּ אַ לעווייע.

געווענ אַזוינע אי צווישנ די אַרעסטירטע, אי צווישנ די טשעכישע

Montreal - מאָנטרעאַל
25282

אינספּעקטאָרן און אַגענטן. אַזאַ פֿלעגט אינעם קאַבינעט באַם אויס־פֿאָרשער רייכערן קטורעס פֿאַרן נאַצי־אָפּגאָט, און אין דער „פֿיר־הונדערטקע" — פֿאַרן באָלשעוויסטישן טײַוול. פֿאַר די אויגן פֿונעם דײַטשישן אויספֿאָרשער פֿלעגט ער אויסהאַקן די ציין דעם אַרעסטירטן, קעדיי צו צווינגען אים אַרויסצוגעבן די יאַוורקעס, און אין דער „פֿיר־הונדערטקע" פֿלעגט ער אים מיט אַ פֿרײַנטלעכער מינע פֿאַרלייגן אַ שטיקל ברויט. בײַם דער אונטערזוכונג פֿלעגט ער אַרויסגאַנווענען אַלץ פֿון דער וווינונג, און אין דער „פֿירהונדערטקע" פֿלעגט ער אונ־טערוקן דעם אַרעסטירטן אַ פּאַפּיראָס, וועלכן ער האָט טאַקע באַ אים גופֿא אַרויסגעגנבֿעט — ווי איינער רעדט: זע, איך פיל דיר מיט.

געווען אויך און אַנדערע מין פֿון זעלבן טיפּ: זיי פֿלעגן קיינעם ניט פּײַניקן, אָבער אויך קיינעם ניט העלפֿן. דאַפֿקע דערין פֿלעגט זיך באַ זיי אויסדריקן זייער זאָרג וועגן דער אייגענער פֿעל. דאָס פֿלעגט מאַכן פֿון זיי אַן אויסגעצייכנטן פּאָליטישן באַראָמעטער. זיי זײַנען טרוקן און שטרענג אָפֿיציעל בענעגייע די אַרעסטירטע? מעגט איר זײַן זיכער: די דײַטשן גרײַפֿן אָן אַף סטאַלינגראַד. זיי זײַנען פֿרײַנטלעך און כאַפּן אַ שמועס מיט די אַרעסטירטע? האָט זיך די לאַגע געוויס געענדערט, מע האָט די דײַטשן אָנגעבראָכן די ביינער באַ סטאַ־לינגראַד. הייבן זיך אָן רייד וועגן דעם, אַז זיי זײַנען עכטע טשעכן, און אַז מע האָט זיי מיט גוואַלד געצוווּנגען דינען אין געסטאַפּאָ. אויסגעצייכנט! די רויטע אַרמיי גייט ווײַטער אין אָנגריף הינטער ראָסטאָוו. אַזוינע ברואים זײַנען זיי שוין: ווען דו טרינקסט זיך, דעמלט שטייען זיי די הענט אין די קעשענעס, אָבער ווען דיר גייט זיך אַבי אַליין אַרויסצוקריכן אַפֿן ברעג, לויפֿן זיי דיר אַנטקעגן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט.

די סאָרטן לײַט האָבן געהאַט אַן אַנונג וועגן אונדזער קאָלעק־טיוו, און זיי פֿלעגן זיך סטאַרען ווערן נעענטער מיט אים, ווײַל

זיי פֿלעגן פֿאַרשטיין זייַן קראַפֿט. זיי האָבן אָבער קיינמאָל ניט גע־קענט געהערן צו אים.

עס זײַנען אויך געווען אַזוינע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום האַסאַגע וועגן קאָלעקטיוו. זיי וואָלט מען געקאָנט אָנרופֿן מערדער, נאָר דאָס וואָלט הייסן באַגייען אַן אומרעכט בענוגע די מערדער. דאָס זײַנען געווען טשעכיש־רייַדנדיקע כינע־ראָעס מיט פֿלאַקנס און אײַזערנע פֿרענטן אין די הענט. צו די אַרעסטירטע טשעכן פֿלעגן זיי אַרויסווײַזן אַזאַ ווילדע רעציכע, אַז דערויף פֿלעגן זיך מוזן כידעשן אַפֿילע אַ סאַך געסטאַפּאָווצעס — דײַטשן. די דאָזיקע פֿײַניקער האָבן אַפֿילע ניט געהאַט דעם צוויאַקישן טערעץ וועגן די אינטערעסן פֿון זייער נאַציע אָדער פֿון דער דײַטשישער מעלוכע, זיי פֿלעגן פּײַניקן און טייטן פֿאַשעט אויס סאַדיזם. זיי פֿלעגן אויסהאַקן ציין, אַרויסקוועטשן אויגן־עפּלען, שלאָגן מיט די אָפּצאַסן אין דיכן, דורכלעכערן שאַרבנס, מייַמעסן מיט אומדערהערטער אַכזאָריעס, וואָס האָט ניט געהאַט קיין שום אַנדער מאָקער. כוץ הוילע בעסטיאַלישקייט. יעדן טאָג פֿלעגן מיר זען די דאָזיקע טאַליאָנים, פֿלעגן געצוווּנגען זײַן צו ריידן מיט זיי, צו דולדן זייער אָנוועזנהייט, וואָס פֿון איר פֿלעגט אַלץ אַרום זיך אָנפֿילן מיט בלוט און קרעכצן. אומזיסט פֿלעגט העלפֿן בלויז דער פֿעסטער גלויבן, אַז זיי וועלן באַקומען זייער פּסאַק. זיי וועלן אים באַקומען, אַפֿילע ווען זיי זאָל זיך האָבן אײַנגעגעבן צו טייטן אַלע אייִדעס פֿון זייערע רעציכעס.

און בישכייַנעס מיט זיי האָבן זיך געפֿונען מענטשן, וואָס האָבן פּאַרנומען פּונקט אַזאַ פּאָסטן, אָבער וועלכע מע וואָלט מיט רעכט געקענט אָנרופֿן מענטשן אין עכטן זין פֿון וואָרט. מענטשן, וועלכע פֿלעגן פֿאַרוואַנדלען די אָרגאַניזאַציע פֿון אַרעסט אין אַן אָרגאַניזאַציע פֿון אַרעסטירטע, מענטשן, וועלכע פֿלעגן העלפֿן שאַפֿן דעם קאָלעקטיוו פֿון דער „פּירהאָנדערטקע" און פֿלעגן אַלייַן אים געהערן מיטן גאַנצן האַרצן, דינען אים מיט דער גאַנצער געוואַלטיקייט. אַמאָל

זײַנען זיי געווען טשעכישע פּאָליציאַנטן און האָבן מילכאָמע געהאַלטן קעגן די קאָמוניסטן, אָבער דערנאָך, ווען זיי האָבן דערזען די קאָמוניסטן אין קאַמף קעגן די אָקופּאַנטן, האָבן זיי פאַרשטאַנען די קראַפט און די באַדײַטונג פון די קאָמוניסטן פאַרן גאַנצן טשעכאָסלאָוואַקישן פאָלק. און ווען זיי האָבן דאָס באַנומען, האָבן זיי אָנגעהויבן געטרײַ צו דינען דער אַלגעמיינער זאַך און העלפן יעדן איינעם, ווער ס'איז איר געבליבן טרײַ אין טפיסע.

א סאַך אונטערערדלער אַף דער פרײַ וואָלטן זיך אַ וואַקל געטאָן, ווען זיי וואָלטן זיך קלאָר פאָרגעשטעלט, וואָס עס וואַרט אַף זיי בײַ די געסטאַפּאָווצעס אין די הענט. אונדזערע געהיימע פרײַנט אין טורמע האָבן געהאַט אָט די אַלע גרויליקן טאָמיד פאַר זייערע אויגן, זיי פלעגן זיי זען יעדן טאָג, יעדע שאָ. יעדן טאָג, יעדע שאָ האָבן זיי געקענט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַרעסטירטע, און זיי וואָלטן געהאַט אויסצושטיין נאָך ערגערס, איידער די אַנדערע. פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך ניט געוואַקלט. זיי האָבן געהאָלפן ראַטעווען טויזנטער לעבנס און פאַרגרינגערן דעם גוירל פון יענע, וועמען ס'האָט זיך שוין ניט געלאָזט ראַטעווען. אָן זייער הילף וואָלט די „פירהונדערטקע" קיינמאָל ניט געקאָנט ווערן דאָס, וואָס זי איז געוואָרן פאַר פיל טויזנטער קאָמוניסטן: אַ ליכטיקער פלעק אינעם הויז פון כוישעך, אַ באַסטיאָן באַם קעגנער אין הינטערלאַנד, אַן אָרט פון קאַמף פאַר פרײַהייט — גופע אין דער נאָרע פון די ווילדע בעסטיעס.

קאַפּיטל V

מענטשן און מאַריאָנעטקעס I

אײנס נאָר בעט איך בײַ די, װאָס װעלן איבערלעבן אָט די צײַט: פֿאַרגעסט ניט! פֿאַרגעסט ניט ניט די גוטע, ניט די שלעכטע. קלײַבט געדולדיק צונויף גוו?אַסראַיידעס װעגן די, װעלכע זײַנען געפֿאַלן פֿאַר זיך און פֿאַר אײַך. ס'װעט קומען אַ טאָג, װען די קעגנװאַרט װעט װערן פֿאַרגאַנגענהײט, װען מע װעט רײדן װעגן דער גרויסער צײַט און װעגן די נאָמענלאָזע העלדן, װעלכע האָבן געשאַפֿן געשיכטע. געדענקט: ס'זײַנען ניט געװען קײן נאָמענלאָזע העלדן. עס זײַנען געװען מענטשן, יעדערער פֿון זײ האָט געהאַט זײַן אײגענעם נאָמען, זײַן אָנבליק, זײַנע טרױמען און האָפֿענונגען, און די יעסורים פֿון דעם סאַמע אומבאַמערקטן צװישן זײ זײַנען געװען ניט קלענער, אײדער די יעסורים פֿון דעם, װעמענס נאָמען ס'װעט אַרײַן אין דער געשיכטע. טאָ לאָזן די געפֿאַלענע אין שלאַכט זײַן אײַך נאָענט, װי פֿרײַנט, װי אײגענע, װי איר זעלבסט.

טױזנטער העלדן זײַנען געפֿאַלן. קריגט ליב כאָטשבי אײנעם פֿון זײ, װי אַ לײַבלעכן זון, װי אַן אײגענע טאָכטער, נעמט זיך איבער מיט אים, װי מיט אַ גרױסן מענטשן, װאָס האָט געלעבט מיט דער צוקונפֿט. יעדערער, װער ס'איז געטרײַ געװען דער צוקונפֿט און איז געשטאָרבן דערפֿאַר, אַז זי זאָל זײַן העל, איז װערט אַ דענקמאָל. דער, װידער, װער ס'האָט פֿונעם שטויב פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײט גע־

וואָלט אויסבויען א דאמבע און אָפּשטעלן דעם פּרילינג־געוויטער פון דער רעוואָליוציע, דער איז בלויז א ניוועק. עס העלפט ניט דאָס, וואָס אַף זײַנע אקסלען זײַנען געווען גילדענע שליפעס! אָבער אויך די דאָזי־קע פיגורלעך דאַרף מען גענוי באַטראַכטן אין זייער גאַנצער נישטי־קייט, אין זייער גאַנצער אומבאַהאָלפענער אכזאָריעס; אויך זיי זײַנען א מאַטעריאַל פאַר דער קומענדיקער צײַט.

דאָס, וואָס איך וועל ווײַטער דערציילן, — דאָס איז רויער מאַ־טעריאַל, גוואַס־איידעס, ניט מער. פראַגמענטן, וואָס מיר האָט זיך אײַנגעגעבן צו באַמערקן אַף א קליין שטיקל אָרט און אין א פּערספּעקטיוו. אָבער אין זיי זײַנען פאַראַן שטריכן פון עמעסער ענלעכקייט, קאָנטורן פון גרויסע און קליינע פיגורן און פיגורלעך.

די יעלינעקס

יאָזעף און מאַריאַ. ער איז א טראַמוויי־אַרבעטער, זי א דינסט. ס׳וואָלט קעדײַ געווען כאַפּן א קוק אַף זייער דירעלע! אײנפאַכע גלאַטע מעבל, א ביכער־פּאָליצע, סטאַטועטקעס, אַף די ווענט בילדער, און א ציכטיקייט ממש גאָר זיך ניט פאָרצושטעלן. עס האָט זיך געדוכט, אז דאָס גאַנצע לעבן פון דער באַלעבאָסטע איז אין אָט דעם דירעלע. דאָ איז די העכסטע שטופע פון אירע שטרעבונגען. און אין דער עמעסן איז זי שוין לאַנג געווען א טוערן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און האָט לײַדנשאַפטלעך געטרוימט וועגן יושער. ביידע האָבן זיי געפירט די אַרבעט באַשיידן און שטיל, זײַנען ביז מעסירעס נעפעש איבערגעגעבן געווען דער אַרבעט זייערער און זײַנען ניט אָפּגעשטאַנען פון אַנדערע, ווען ס׳זײַנען אָנגעקומען די שווערע צײַטן פון דער אָקופּאַציע.

אין דרײַ יאָר אַרום האָבן זיך געסטאַפּאָווצעס אַרײַנגעריסן אין זייער דירעלע. יאָזעף און מאַריאַ זײַנען געשטאַנען האַנט־בא־האַנט...

19 - טער מײַ 1943

הײַנט באַנאַכט פֿירט מען מײַן גוסטאַ אַוועק קיין פּוילן „אַפּ אַר-בעט". אַפּ דײַטשישער קאַטאָרגע, אַפּ טויט פֿון אַ טיפֿוס. מיר אַליין בלײַבט נאָך צו לעבן עטלעכע וואָכן, אין בעסטן פֿאַל צוויי-דרײַ כאַ-דאָשים. מײַן אײַניען איז שוין איבערגעגעבן אין געריכט. דאָס באַ-טײַט, אַז איך וועל פֿאַרבלײַבן נאָך אַ כוידעש אין פּאָרלויפֿיקן אַרעסט אין פּאַנקראַץ, און דערנאָך — איז שוין ניט ווײַט אויך ביזן סאָף. דערשרײַבן ביזן סאָף מײַן רעפּאָרטאַזש איז מיר שוין ניט באַשערט. מינדעסטנס, אויב ס'וועט זײַן אַ מעגלעכקײַט, וועל איך פּרוּוון שרײַבן ווײַטער. הײַנט קען איך ניט. הײַנט איז דער קאָפּ אין דאָס האַרץ פֿול מיט גוסטינאַן. זי איז שטענדיק געווען גרויסמוטיק און טיף אופֿריכטיק, שטענדיק איבערגעגעבן — דער געטרײַער פֿרײַנט פֿון מײַן אומרויִק לעבן.

יעדן אָוונט זינג איך איר באַליבטע ליד: וועגן די סטעפּישע גראָזן, וואָס דערציילן פֿון די פּאַרטיזאַנישע שלאַכטן, וועגן דער קאַזאַטשקע, וואָס האָט צוזאַמען מיט איר מאַן געשלאָגן זיך פֿאַר פֿרײַהײַט, וועגן איר מוטיקײַט, וועגן דעם, וויאַזוי אין דער לעצטער שלאַכט איז „איר אויפֿהייבן זיך פֿון דר'ערד באַשערט ניט געווען".

אָט איז מײַן שלאַכט-פֿרײַנט! 1 וויפֿל קראַפֿט עס שטעקט אין אָט דער קליינינקער פֿרוי מיט די רעגלמעסיקע געזיכט-שטריכן און מיט גרויסע קינדערשע אויגן, אין וועלכע ס'איז פֿאַראַן אַזויפֿיל צערט-לעכקײַט! די אונטערערד-אַרבעט און די אָפֿטע צעשיידונגען האָבן אײַנגעהיט אין אונדז די געפֿילן פֿון די ערשטע טעג: ניט איין מאָל, נאָר הונדערטער מאָל האָבן מיר איבערגעלעבט די פֿלאַמיקע מינוטן

---

1 די פֿראַזע האָט פֿוטשיק אָנגעשריבן אין רוסיש: Вот мой дружок боевой! (אַנמ. פֿון דער רעד.)

פונ דעמ ערשטנ קוש. אינ שטענדיק האָבנ אונדזערע הערצער געקלאַפּט אינ איינ ריטמ, אונ מיט איינ אָטעמ האָבנ מיר ביידע געאָטעמט אינ שאָענ פונ פרייד אונ אומרו, פונ אופרעגונג אונ טרויער.

די גאַנצע יאָרנ האָבנ מיר געאַרבעט, העלפנדיק איינער דעמ צווייטנ, ווי כאַווײרימ. אַלע יאָרנ איז זי געווענ מײַנ ערשטער לייענער אונ קריטיקער, אונ מיר פלעגט זײַנ שווער צו שרײַבנ, ווענ איך פלעג ניט פילנ אַפ זיך איר האַרציקנ בליק. אַלע יאָרנ זײַנענ מיר אַקסל-צו-אַקסל געשטאַנענ אינ קאַמפ, — אונ קאַמפ איז געווענ גענוג, — אונ אַלע יאָרנ האָבנ מיר האַנט-בײַ-האַנט געוואַנדערט איבער באַליבטע ערטער. א סאַך לײַדנ האָבנ מיר געהאַט אויסצושטיינ, גענאָסנ אויך א סאַך פריידנ, מיר זײַנענ געווענ רײַך מיטנ רײַכטומ פונ אָרעמעלײַט — מיט אונדזער אינערלעכנ מעהום.

גוסטינאַ? איר ווילט וויסנ, וואָס פאַר א מענטש דאָס איז?

דאָס איז געווענ פאַראַיאָרנ יונ, אינ די טעג פונ באַלאַגערונגס-צושטאַנד. זי האָט מיך דערזענ אינ זעקס וואָכנ אַרומ נאָך אונדזער אַרעסט, נאָך די פײַנלעכע טעג אינ איינצל-קאַמער, ווענ זי האָט שוינ געהאַלטנ, אַז איך בינ טויט. מע האָט זי געהאַט אַרויסגערופנ, קעדיי זי זאָל „ווירקנ" אַפ מיר.

— זעט, רעדט אימ אײַנ, — האָט איר, ביימ מע האָט אונדז געשטעלט אויג-אַפ-אויג, א זאָג געטאָנ דער אָפּטיילונגס-שעפ. — רעדט אימ אײַנ, זאָל ער קומענ צומ סייכל. ער וויל ניט טראַכטנ וועגנ זיך, טאָ זאָל ער א טראַכט טאָנ וועגנ אײַך. איך גיב אײַך צוויי שאָ אַפ צו באַטראַכטנ זיך. אויב ער וועט זיך אַקשענענ, צעשיסנ מיר אײַך ביידנ הײַנט אינ אָוונט.

גוסטינאַ האָט מיך א צערטל געטאָנ מיט איר בליק אונ געזאָגט:

— הער אויספאָרשער, דאָס איז פאַר מיר ניט קיינ סטראַשונעק, וועגנ דעמ בעט איך טאַקע: אויב איר וועט האַרגענענ אימ, האַרגעט אויך מיך.

אזא איז גוסטינא — ליבע און פעסטקייט.

דאָס לעבן קען מען בא אונדז אוועקנעמען, גוסטינא, אָבער אונדזער ערד און אונדזער ליבע וועט בא אונדז ניט אוועקנעמען קיינער.

עך, פרײַנט מײַנע, צי קענט איר זיך פאָרשטעלן, ווי מיר וואָלטן געלעבט, ווען אונדז וואָלט באשערט געווען ווידער זיך צו באגעגענען נאָך אָט די ליידן? ווידער באגעגענען זיך אין א לעבן, באלויכטן פון פרײַהייט און שאפונג! לעבן, ווען ס׳וועט זײַן אלצדינג, וועגן וואָס מיר האָבן געטרוימט, צו וואָס מיר האָבן געשטרעבט, פאר וואָס מיר גייען איצינד שטארבן!

אָבער אויך טויטע, וועלן מיר לעבן אין א טיילכעלע פון אײַער גרויסן גליק, מיר האָבן דאָך ארײַנגעלייגט אין דעם אונדזער לעבן. דערין איז אונדזער פרייד, אָבער שיידן זיך איז פונדעסטוועגן טרויעריק.

מע האָט אונדז ניט דערלויבט ניט געזעגענען זיך, ניט ארומנעמען זיך, ניט איינער דעם אנדערן די האנט א דריק טאָן. אָבער דער טורמע־קאָלעקטיוו, וועלכער פארבינדט פאבקראץ אפילו מיטן צענטער פון שטאָט, האָט איבערגעגעבן יעדערן פון אונדז, וואָס ס׳איז געשען מיטן אנדערן.

דו ווייסט, און איך ווייס, גוסטינא, אז מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל ניט זען. איך הער אָבער פונדערווײַטן דײַן שטים: „צום ווידערזען, מײַן ליבסטער!"

צום ווידערזען, מײַן גוסטינא!

מײַן צוואָע

כ׳האָב ניט פארמאָגט קיין זאך, אויסער א ביבליאָטעק, האָבן די געסטאפּאָווצעס זי פארניכטעט. כ׳האָב אָנגעשריבן א סאך ליטעראריש־קריטישע און פּאָליטישע ארטיקלען, רעפּאָרטיאָרישע און ליטערארישע פארצייכענונגען, טעאטראלע רעצענזיעס. פיל פון זיי האָבן

געלעבט אין טאָג. לאָמיר זיי לאָזן צורו. אנדערע אָבער האָבן א באַדייטונג נאָך הײַנט. איך האָב געהאָפט, אז גוסטינא וועט אלץ ברענגען אין אָרדענונג. איצט איז דערוף פאַראַן ווייניק האָפענונג. דעריבער בעט איך מײַן געטרײַען פרײַנט לאַדא שטאָל צונויפשטעלן פון מײַנע מאַטעריאַלן פינף ביכער:

1. פּאָליטישע אַרטיקלען און פּאָלעמיק.
2. א זאַמלבוך פאַרצייכענונגען וועגן היימלאַנד.
3. א זאַמלבוך פאַרצייכענונגען וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד.
4 און 5. ליטעראַרישע און טעאַטראַלע אַרטיקלען און סקיצעס.

דאָס רובֿ פון זיי זײַנען געדרוקט געווען אין „טוואָרבאַ“ און אין „רודע פּראַוואָ“, אייניקע — אין „קמען“, „פּראַמען“, „פּראָלעט־קולט“, „דאָבאַ“, „סאָציאַליסט“, „אַוואַנגאַרד“ אאַ.

באַם פאַרלעגער גירגאַל (איך האָב אים ליב פאַר דער עמעסער געוואַנטקייט, מיט וועלכער ער האָט אין דער צײַט פון דער אָקופּאַ־ציע אַרויסגעגעבן מײַן „באָזשענע נעמצאָוואַ“) זײַנען פאַראַן אין מאַנוסקריפּט מײַנע עסקיזן וועגן יולי זייער. א טייל עסקיזן וועגן סאַבינען און באַטיצן וועגן יאַן נערודאַ זײַנען באַהאַלטן ערגעץ אינעם הויז, ווו ס'האָבן געוווינט די יעלינעקס, די ווישושילס און די סוכאַנעקס. דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע כאַווײַרים זײַנען איצט טויט.

איך האָב אָנגעהויבן שרײַבן אַ ראָמאַן וועגן אונדזער דאָר. צוויי קאַפּיטלען זײַנען דאָ בא מײַנע עלטערן, די איבעריקע זײַנען, מיסטאַמע, פאַרפאַלן געוואָרן. עטלעכע קסאַוו־יאַדן פון דערציילונגען האָב איך באַמערקט צווישן די פּאַפּירן אין געסטאַפּאָ.

דעם קומענדיקן ליטעראַטור־היסטאָריקער לאָז איך איבער אַ צוואָע — ליבע צו יאַן נערודאַ. דאָס איז אונדזער גרעסטער פּאָעט.

ער האָט געהאט א ווײַטנ בליק אינ דער צוקונפט ארײַנ. ס׳איז נאָכ ניט דערשינענ קיינ איינ קריטישע אויספאָרשונג, אינ וועלכער מע זאָל אימ האָבנ אופגעפאסט אונ אָפגעשאצט לויט זײַנע פארדינסטנ נאָכ. מע האָט אפ אימ ארופגעקלעפט אנ עטיקעטקע פונ א ליבהאָבער פונ דער מאלאָסטראנישער אידיליע אונ ניט געזענ, אז פאר אָט דער „אידילישער" אלטפרענקישער „מאלאָ סטראנא" איז ער געווענ א „שארלאטאנ", אז געבוירנ איז ער אינ פאָרשטאָט בא זמיכאָוו, אינ אנ ארבעטער־צענטער, אונ אפנ מאלאָסטראנישנ בעסוילעמ נאָכ זײַנע „בעסוילעמ-בלומענ" פלעגט ער גײנ דורכ דער רינגהאָפערקע. אָנ דעמ קענ מענ ניט פארשטײנ נערודא פונ די „בעסוילעמ-בלומענ" ביז צומ „1־טנ מײַ 1890 יאָר" [1].

אלע קריטיקער, אפילע א קריטיקער מיט אזא ברייטנ בליק, ווי שאלדא, האלטנ, אז דאָס, וואָס נערודא האָט זיכ באשעפטיקט מיט זשורנאליסטישער טעטיקײט, איז געווענ א שטערונג פאר זײַנ פאָעטי־שער שאפונג. נארישקײטנ! זײַענדיק א זשורנאליסט, איז נערודא בע־קויעכ געווענ אָנשרײַבנ אזעלכע וווּנדערלעכע זאכנ, ווי די „באלאדעס אונ ראָמאנסנ", אָדער די „פרײַטיקדיקע ניגונימ" אונ דעמ גרעסטנ טייל פונ זײַנע „פאָשעטע מאָטיוונ". זשורנאליסטיק שעפט אויס, קאָנ זײַנ, אז זי צעשטויבט דעמ מענטשנ, אָבער זי טאקע דערנענ־טערט דעמ אוטאָר מיטנ לייענער אונ העלפט אימ אינ זײַנ פאָעטישער שאפונג. דאָס לאָזט זיכ באזונדערס זאָגנ וועגנ אזא מערקווירדיקנ זשורנאליסט, ווי נערודא. נערודא וואָלט אָנ א צײַטונג, וואָס לעבט נאָר איינ טאָג, געקאָנט אָנשרײַבנ א סאכ ביכער אונ לידער, אָבער ער וואָלט ניט אָנגעשריבנ קיינ איינ בוכ, וואָס זאָל איבערלעבנ יאָר־הונדערטער, ווי עס וועלנ איבערלעבנ יאָרהונדערטער זײַנע שאפונגענ.

---

1 „מאלאָ סטראנא" — אנ אלטער קליינבירגערלעכער ראיאָנ אינ פראָג. די „בע־סוילעמ־בלומענ" אונ דער „1־טער מײַ 1890 יאָר" — זאמלונגענ פונ נערודאס לידער. די „רינגהאָפערקע" — א זאוואָדיש שטעטל. (אָ נ מ. פ ו נ ד ע ר ר ע ד.)

טאָמער וואָלט עמעצער פארענדיקט מיינע עסקיזן וועגן סאבינענ?
ער האָט דאָס פאַרדינט!

מיט מיינ גאנצער ארבעט וואָלט איך געוואָלט באוואָרענענ א זוניקנ הארבסט מיינע עלטערנ פאר זייער ליבע און אידלמוט. ווי שווער דאָס איז, וואָס איך בינ ניט מיט זיי! דער, וואָס טוט א זאך, שטארבט, אָבער זיינ זאך לעבט ווייטער. אינ דער ווארעמקייט און ליכט, וואָס רינגלענ זיי ארום, וועל איך שטענדיק זיינ מיט זיי. מיינע שוועסטער ליובא און ווערא בעט איך העלפנ דעם פאָטער און דער מוטער צו פארגעסנ דעם פארלוסט אינ אונדזער מישפּאָכע. זיי האָבנ זיך גענוג אָנגעוויינט אפ די זעונגענ מיט אונדז אינעם פעטשעקד פאלאצ. אָבער אינ זיי לעבט אויך פרייד, דערפאר האָב איך זיי ליב, דערפאר האָבנ אויך אנדערע זיי ליב. זיי האָבנ געזייט פרייד, זאָלנ זיי עס טאָג שטענדיק. די כאווייריִמ, וועלכע וועלנ איבערלעבנ אָט די לעצטע שלאכט, און די, וואָס וועלנ קומענ נאָך אונדז, דריק איך פעסט די האנט. פאר מיר און פאר גוסטינאנ. מיר האָבנ אויסגעפּילט אונדזער כויוו.

און נאָכאמאָל כאזער איך איבער, געלעבט האָבנ מיר צוליב פרייד, צוליב פרייד געגאנגענ אינ שלאכט, צוליב פרייד שטארבנ מיר. זאָל דעריבער טרויער קיינמאָל ניט זיינ פארבונדנ מיט אונדזער נאָמענ.

י. פ.

19 מיי 1943.

דעם 22-טנ מיי 1943 יאָר

אלצ איז גרייט. מיינ איכיענ איז שוינ אויסגעפּאָרשט. אלצ איז אוועק גיכער, ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. אפּאָנעמ, זיי איילנ זיך. צוזאמענ מיט מיר ווערנ באשולדיקט לידא פלאכאָווא און מירעק. זיינ פאכדאָנעס האָט אימ ניט געהאָלפנ.

דער אויספאָרשער איז אַזוי קאָרעקט און קאַלט, אַז גאָר פון אָנ־קוקן אים נעמט דורך א ציטער.

גרויסע בלעכלעך מיטן האָקנקרייץ אָפ די אומשלאָגן פון זיינע מונדיר דערקלערן איבערצייגונגען, וועלכע זיינען ניטאָ. די בלעכלעך — דאָס איז בלויז א שילד, וואָס הינטער אים באַהאַלט זיך א נישטיקער טשינאָווניק, וועלכער וויל ווי־ניט־איז דורכלעבן די דאָזיקע יאָרן. מיטן באַשולדיקטן איז ער ניט גוט, ניט שלעכט, ער טוט ניט קיין לאַך און כמורעט זיך ניט אָן. ער איז א טשינאָווניק. אין זיינע אָדערן רינט ניט קיין בלוט, נאָר עפּעס א מין שיטערע יויך.

די פּאַפּירן האָט מען צונויפגעשנורעוועט, געבאַסמעט. יעדער „פאַרברעכן“ איז פאָרמולירט אין א באַזונדער פּאַראַגראַף. זעקס מאָל מעלוכע־פאַראַט, פאַרשווערונג קעגן דער דייטשישער אימפּעריע, צוגרייטונג פון א באַוואָפנטן אופשטאַנד און נאָך ווער ווייסט וואָס. יעדער פּונקט באַזונדער וואָלט שוין געווען אַר־בעלי־דין.

דרייצן כאָדאָשים האָב איך געקעמפט פאַר מיין לעבן און פאַרן לעבן פון די כאַווערים. אי מיט דרייסטקייט אי מיט כיטרעקייט. מיינע פיינט האָבן אריינגעשריבן אין זייער פּראָגראַם די „גאָרדישע כיטרעקייט“. נאָר אין אָט דער פּאַסטקע האָט מען מיך ניט געפּאַקט. מיין שפּיל איז פאַרשפּילט בלויז דערפאַר, וואָס בא זיי אין די הענט איז, כוץ כיטרעקייט, פאַראַן נאָך א האַק.

הייסט עס, א סאָף צום געראַנגל איינס־אָפּ־איינס. אַצינד איז געבליבן וואַרטן. צוויי־דריי וואָכן וועט אַוועק, ביז מע וועט צונויפשטעלן דעם באַשולדיקונגס־אַקט. דערנאָך וועט מען מיך פירן קיין דייטשלאַנד. דער מישפּעט, דער אורטייל און דערנאָך די טליע. אַזאַ איז די פּערספּעקטיוו. הייסט עס, אַז מיר בלייבן נאָך איבער פיר, און עפּשער פינף כאָדאָשים. פאַר אָט דער צייט קען זיך נאָך א סאַך ענדערן. ס'קען זיך ענדערן אַלץ. עס קען... זיצנדיק הינטער גראַטעס, איז שווער צו אורטיילן. אָבער טאָמער דערנענטערט זיך דער פינאַל

דאָרט, הינטער די ווענט פון דער טפיסע, קאָן דאָס אויך דערנענטערן אונדזער סאָף. ווער קען וויסן?

און די האָפענונג פאָלגט נאָך נאָך דער מילכאָמע. טויט גייט אין פאַרמעסט מיט טויט. וואָס וועט קומען גיכער—דער טויט פון פאַשיזם אָדער מײַן אייגענער טויט? ניט בלויז פאַר מיר איינעם שטייט די פראַגע. די דאָזיקע פראַגע פאַרגיבן צענדליקער טויזנטער אַרעסטירטע, מיליאָנען סאָלדאַטן, צענדליקער מיליאָנען מענטשן אין אייראָפּע און אין דער גאַנצער וועלט. בא איינעם איז דאָ מער האָפענונג, בא א צווייטן ווינציקער. נאָר דאָס דוכט זיך בלויז אַזוי. דער פוילנדיקער קאַפּיטאַליזם האָט אָנגעפילט די וועלט מיט גרוילן, און די דאָזיקע גרוילן דראָען יעדן אייניציקן מיט טויט־אומגליק. הונדערטער טויזנטער מענטשן — און וואָסערע מענטשן! — וועלן אומקומען, איידער די, וועלכע וועלן בלײַבן לעבן, וועלן קענען זאָגן: מיר האָבן געזען דעם טויט פון פאַשיזם.

ס׳זײַנען אָנגעקומען די אַנטשיידנדיקע כאַדאָשים, באַלד וועלן קומען אויך די אַנטשיידנדיקע טעג. דאָס וועלן זײַן טעג פון א באַזונדערס פאַרביטערטן געראַנגל. ניט איין מאָל האָב איך געטראַכט, ווי פאַרדראָסיק דאָס איז — זײַן דער לעצטער קאָרבן פון קריג, דער סאָלדאַט, וואָס פאַלט אין דער לעצטער רגע פון דער לעצטער קויל. אָבער עמעצער מוז דאָך פאָרט זײַן דער לעצטער! און ווען איך וואָלט געוווּסט, אַז נאָך מיר וועלן שוין מער קיין קאָרבאָנעס ניט זײַן, וואָלט איך, ניט זאַמענדיק קיין רגע, מיט פרייד אָפּגעגעבן דאָס לעבן.

פאַר דער קורצער צײַט, וואָס מיר וועט נאָך אויסקומען בלײַבן אין פאַנקראַץ, וועל איך שוין ניט באַווײַזן ברענגען מײַן רעפּאָרטאַזש אין דער געהעריקער אָרדענונג. מע מוז זײַן לאַקאָנישער. מע דאַרף ריידן מער וועגן מענטשן, איידער וועגן געשעענישן. מענטשן—דאָס איז דאָס וויכטיקסטע.

איך האָב געהאַט אָנגעהויבן מײַנע פּאָרטרעטן פֿונעם פּאַרפּאָלק יעלינעק, פֿון אָט די פּאַשעטע מענטשן, וואָס איך זײ וואָלט אין א געװײנלעכער צײַט קײנער ניט דערזען קײן העלדן.

בײַסן אַרעסט זײַנען זײ געשטאַנען אײנער לעבן אַנדערן, ער א בלאַסער, זי מיט שווינדזיכטיק פּאַרויטלטע באַקן. אין אירע אויגן האָט א שווינדל געטאָן שרעק, ווען זי האָט דערזען, וויאַזױ די געס־טאַפּאָווצעס האָבן אין עטלעכע מינוט איבערגעקערט אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ אין איר מוסטערהאַפטן דירעלע. זי האָט פּאַמעלעך אויסגע־קערעוועט דעם קאָפּ צום מאַן און א פֿרעג געטאָן:

— פּעפּי 1, וואָס וועט איצט זײַן?

ער איז אַלעמאָל געווען ניט קײן באַרעדעוודיקער, האָט ער גע־ענטפֿערט רויק, מיטן געװײנלעכן טאָן:

— מירן גײן אַף טויט, מאַניאַ.

זי האָט ניט געגעבן קײן געשרײ, ניט געטאָן זיך קײן וואַקל, נאָר אונטער די רערן פֿון די אָנגעשטעלטע רעוואָלווערן, מיט א לײַכטער באַוועגונג, דערלאַנגט אים איר האַנט. דערפֿאַר האָבן זײ בײדע באַקומען די ערשטע קלעפּ איבערן פּנים. מאַריא האָט אָפּגעווישט דאָס פּנים, האָט א ביסל פּאַרכידעשט א קוק געטאָן אַף די אומגע־בעטענע געסט און א זאָג געטאָן אַפֿילע מיט א ביסל הומאָר:

— אַזעלכע שײנע יאַטן, — איר שטים האָט זיך געשטאַרקט, — אַזעלכע שײנע יאַטן... און אַזױנע כײַעס.

זי האָט פּאַר זײ געפֿונען דעם פּאַסיקן נאָמען. אין עטלעכע שאָ אַרום האָט מען זײ אַרויסגעפֿירט פֿונעם קאַבינעט, וווּ ס'איז פּאָרגע־קומען דער „פּאַרהער", א צעמיימעסטע קימאַט ביז כאַלאַשעס. אָבער צווינגען זײ עפּעס צו זאָגן האָבן זײ ניט געקאָנט. ניט דאָס מאָל, ניט שפּעטער.

---

1 פֿאַרצויגן פֿון יאָזעף. (אָנמ. פֿון דער רעד.)

איך ווייס ניט, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די יעלינעקס אין יענע טעג, ווען איך בין אַ פֿאַרכאַלעשטער געלעגן אין קאַמער. איך ווייס נאָר, אַז זיי האָבן די געסטאַפּאָווצעס קיין וואָרט ניט געזאָגט. זיי האָבן געוואָרט אָפּ אָנווייזונגען פֿון מיר. וויפֿל מאָל האָט מען פֿעפֿין געהאַט צוגעבונדן צו דער באַנק און געשלאָגן, געשלאָגן, געשלאָגן...

אָבער ער פֿלעגט ניט ריידן, ביז מיר פֿלעגט זיך ניט איינגעבן געבן אים אַ צייכן מיטן בליק אָדער אַ שעפּטשע טאָן אים, ווען וואָס מע קען ריידן און וויאַזוי מע דאַרף דאָס טאָן, קעדיי צו פֿאַרפּלאָנטערן די אויספֿאָרשונג.

מאַריאַ איז געווען זייער סענטימענטאַל און פֿלעגט גערן לאָזן אַ טרער. אַזאַ האָב איך זי געקענט פֿאַרן אַרעסט. אָבער פֿאַר דער צייט פֿון אַרעסט האָב איך ניט באַמערקט קיין מינדסטע טרערעלע אין אירע אויגן. זי האָט ליב געהאַט איר דירהעלע. באַווײַרים פֿון דער פֿרײַ האָבן, קעדיי איר אָנטאָן פֿאַרגעניגן, מיטגעטיילט, אַז זיי ווייסן, ווער ס'האָט צוגענומען איר מעבל, און אַז זיי האַלטן אין אויג דעם גאַנעוו.

מאַריאַ האָט געענטפֿערט:

— כאַפּט עס דער וואַטנמאַכער, דאָס מעבל. עס לוינט ניט דעריף קיין צייט צו פֿאַרלירן. פֿאַראַן וויכטיקערע זאַכן. אַפֿרי'ער דאַרף מען מאַכן אָרדענונג אין דעם איקער, און דערנאָך, אויב איך וועל דערלעבן, וועל איך אין דער היים שוין אַליין מאַכן אָרדענונג.

ס'איז געקומען אַ טאָג, ווען מע האָט זיי ביידן אַוועקגעפֿירט אין פֿאַרשיידענע זײַטן, וווהין, ווייסט מען ניט. אומזיסט האָב איך געפּרוווט דערוויסן זיך עפּעס וועגן זייער גורל. אין דער געסטאַפּאָ ווערן מענטשן בעלעם אין אַ שׂים שפּור, זיי פֿאַרשווינדן און ווערן צעזייט און צעשפּרייט איבער טויזנטער פֿאַרשיידענע בעסוילעמס. אָבער וואָס פֿאַרא שפּראָצן וועט ברענגען אָט דער שרעקלעכער פֿאַרזיי!

מאַריאַס לעצטער געבאָט איז געווענ:

— אויב איר וועט קענענ, גיט איבער אפ דער פרײַ, אז מע זאָל מיכ ניט באַדויערנ אונ מע זאָל ניט לאָזנ זיכ אָנשרעקנ. איכ האָב געטאָנ דאָס, וואָס עס האָט מיר געהייסנ טאָנ מײַנ ארבעטער־כוויוו, אונ איכ וועל שטאַרבנ, ניט האָבנדיק אימ פאַראַטנ.

זי איז געווענ „סאָכאָקל א דינסט". זי האָט ניט געהאַט באַקומענ קיינ קלאַסישע בילדונג, אונ זי האָט ניט געוווּסט, אז אַמאָל איז שוינ געווענ אויסגעקריצט אפ א פעלדז אינ א בארג־שפאַלט: „וואַנדערער, גיי און גיב איבער די לאַקעדעמאָניער, אז מיר זײַנען אומגעקומען, אויספילנדיק אונדזער כויוו".

דאָס פאָרפאָלק וויסושילס

זיי האָבנ געוווינט אינ דעמ זעלבנ הויז, ווו די יעלינעקס. א טיר לעבנ א טיר. אונ געהייסנ האָבנ זיי אויכ יאָזעפ אונ מאַריאַ. זיי זײַנענ געווענ א ביסל עלטער פונ זייערע שכנימ.

יאָזעפ האָט פאַרנומענ א קליינע שטעלע אפ דער אײַזנבאַנ.

אינ דער ערשטער וועלט־מילכאָמע האָט מענ אימ, דעמלט א לאַנגנ זיבעצניאָריקנ יאַט, געהאַט גענומענ פאַר א זעלנער. אינ עטלעכע וואָכנ אַרומ האָט ער זיכ אומגעקערט פונ פראָנט מיט א צעדרויבלטער קני אונ איז אפ שטענדיק פאַרבליבנ א קאַליקע.

ער האָט זיכ באַקאַנט מיט מאַריאַנ אינ לאַזאַרעט, ווו זי איז גע־ווענ א וואַרטערנ. מאַריאַ איז געווענ עלטער פונ אימ מיט אכט יאָר; נאָכ פאַרנ קריג האָט זי זיכ געהאַט פאַנאַנדערגעגאַנגענ מיטנ מאַנ, מיט וועלכנ זי האָט ניט געהאַט קיינ גוט לעבנ. קיינעמ וואָלט גאָר קיינמאָל ניט אײַנגעפאַלנ אז אָט דער לאַנגער וויסושיל, א קליינער אײַזנבאַנ־באַאַמטער, אונ זײַנ „פאַני" זאָלנ קענענ זיכ באַטייליקנ אינ עפּעס א פאַרבאָטענער זאַכ.

אונ אָט האָט מענ אימ ארעסטירט איינגיכנ נאָכ מיר. איכ בינ געוואָרנ זייער אומרויִק, ווענ כ'האָב אימ דערזענ אינ טורמע. זייער פיל וואָלט געווענ אינ סאקאָנע, ווענ ער זאָל אָנהייבנ ריידנ. אָבער ער האָט געשוויגנ. מע האָט אימ געהאט ארעסטירט פאר עטלעכע פלוגבלעטלעכ, וואָס ער האָט געגעבנ א כאווער איבערצולייענענ, אונ פונ אימ האָבנ זיכ די געסטאפּאָווצעס גארניט דערוווּסט.

אינ עטלעכע כאדאָשימ ארומ, ווענ, צוליב אנ אומפאָרזיכטיקייט פונ פאָקאָרני אונ פיקסא, האָט מענ זיכ דערוווּסט, אז גאָנזא טשאָרני האָט געוווינט בא ווישושילס שוועסטער, האָבנ די געסטאפּאָווצעס צוויי טעג צייט „פארהערט" פעפּינ, פרוּווּנדיק געפינענ די שפּורנ פונעמ לעצטנ מאָהיקאנער פונ אונדזער צק. אפנ דריטנ טאָג האָט זיכ פעפּי באוויזנ אינ דער „פירהונדערטקע" אונ האָט זיכ פאָרזיכטיק איינגעמאָסטעט אפנ בענקל — אפ וואונדפלייש זיצנ איז ניט פונ די לייכטע זאכנ. כ'האָב א קוק געטאָנ אפ אימ — אַי פרעגנדיק, אי דערמונטערנדיק. ער האָט זיכ אָפּגערופנ לאקאָניש מיטנ לאָשנ פונ א טוישעוו פונ די פראָגער פאָרשטעט:

— אז ס'וועט הייסנ דער קאָפּ, וועט ניט פונ צונג, ניט פונ הינטנ קיינ וואָרט ניט אראָפּ.

איכ האָב גוט געקענט דאָס דאָזיקע פאָרפאָלק, געוווּסט, ווי זיי האָבנ ליב איינער דעמ אנדערנ, ווי זיי פלעגנ בענקענ, ווענ ס'פלעגט זיכ מאכנ, אז זיי פלעגנ זיכ מוזנ צעשיידנ אפ א פאָר טעג. אונ איצט זיינענ געגאנגענ כאדאָשימ... ווי שווער האָט עס באדארפט זיינ פאר דער איינזאמער פרוי, א פרוי אינ יענעמ עלטער, ווענ איינזאמקייט איז ערגער פונ טויט. וויפל שלאָפלאָזע נעכט אינ איינזאמקייט האָט זי פארבראכט, טראכטנדיק ווי צו העלפנ דעמ מאנ, ווי אויפצושטעלנ צוריק איר פיצעלע אידיליע, אומצוקערנ העמ, וועמענ זי פלעגט רופנ „טאטעלע". אונ זי האָט געפונענ דעמ איינציקנ ריכטיקנ וועג: ווייַטער פירנ זיינ ארבעט, ארבעטנ פאר זיכ אונ פאר אימ.

אינ דער נײַ־יאָר־נאכט פונעמ 1943 יאָר האָט זי געגרייט דעמ טיש פאר צוויייענ. אפ דעמ פלאצ, ווו ער פלעגט געוויינלעכ זיצנ, איז געשטאנענ זײַנ פאָטאָגראפיע. דער זייגער האָט געשלאָגנ צוועלפ, אונ מאריא האָט א קלאפ געטאָנ איר גלעזל אָנ זײַנעמ, האָט אויסגעטרונקענ פאר זײַנ געזונט, פאר דעמ, אז ער זאָל זיכ אומקערנ, אז ער זאָל דערלעבנ ביז דער פרײַהײַט.

אינ א כוידעש ארומ האָט מענ אויכ זי ארעסטירט. א סאכ ארעסטירטע אינ דער „פירהונדערטקע" זײַנענ געוואָרנ שטארק אומרויִק, ווענ זיי האָבנ זיכ דערוווּסט וועגנ מאריאס ארעסט, ווײַל אפ דער פרײַ איז זי געווענ א פארבינדלערנ.

זי האָט אָבער אפ די פארהערנ קיינ איינ וואָרט ניט אויסגעזאָגט.

מע האָט זי ניט געשלאָגנ. זי איז געווענ צו שוואכ אונ וואָלט אויסגעגאנגענ בא זיי אונטערנ שטעקנ. פאר איר האָבנ זיי צוגעטראכט אנ ערגערע פײַניקונג.

מיט עטלעכע טעג פאר איר ארעסט האָט מענ פעפינ פארטריבנ קיינ פוילנ אפ צוואנגס־ארבעט. אונ אפ די פארהערנ פלעגט מענ איר זאָגנ:

— דאָס לעבנ דאָרט, ווייסט איר דאָכ, איז א שווערס. אפילע פאר געזונטע. אונ אײַער מאנ איז א קאליקע. ער וועט ניט אויסהאלטנ. ער וועט אוועקשטארבנ ערגעצ־ווו, אונ איר וועט אימ מער ניט זענ. אונ קיינ אנדער מאנ וועט איר דאָכ שוינ ניט געפינענ? טאָ האָט זשע סיכל, דערציילט, וואָס איר ווייסט, אונ מיר וועלנ אימ מייקעפ אומקערנ.

ער וועט אוועקשטארבנ ערגעצ־ווו... אָרעמער פעפי! אונ ווער ווייסט, מיט א וואָסער טויט... מײַנ שוועסטער האָט מענ געהארגעט, מײַנ מאנ הארגעט מענ, כ'וועל בלײַבנ אליינ, גאָר אליינ. איינינקע־אליינ ביזנ סאמע טויט... אָבער כ'וואָלט דאָכ געקאָנט אימ ראטעווענ, מע וואָלט אימ מיר אומגעקערט... נאָר פאר אזא פרײַז? ניינ, דאָס

וואָלט שוינ מער ניט געווענ איכ, דאָס וואָלט שוינ מער ניט געווענ מײַנ טאַטעלע.

זי האָט ניט ארויסגעגעבנ גאָרניט און איז אומגעקומענ ערגעצ אינ איינער פונ די אומצאָליקע עטאַפ־פּאַרטיעס. און איבעריכנ איז גע־קומענ די ידיעה, אַז פּעפּי איז אויכ געשטאָרבנ אינ פּוילנ.

לידאַ

בעשאַס איכ בינ דאָס ערשטע מאָל געקומענ צו די באַקסנ, איז אינ דער היימ געווענ נאָר יאַשעק און א קליינ באַשעפעניש מיט זשוואַ־ווע אויגנ, וואָס גערופנ האָט מענ עס לידאַ. זי האָט אויסגעזענ נאָכ קימאַט א מיידעלע. א נײַגיריקע, האָט זי קיינ אויג ניט אראָפּגעלאָזט פונ מײַנ באָרד, און מע האָט באַשײַמפערלעכ געזענ, אַז איר טוט שטאַרק האַנאָע, וואָס איכ שטוב איז צוגעקומענ א נײַע פּאַרווײַלונג, וואָס קענ זי באַשעפטיקנ א שטיקל צײַט.

איינגיכנ האָבנ מיר זיכ באַפרײַנדעט. ס'האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אַז דעמ דאָזיקנ מיידעלע דאַרפ באַלד ווערנ נײַנצנ יאָר, אַז זי איז יאַשעקס א שוועגערנ, אַז איר פאַמיליע פלאַכאָווא — פּאַסט זיכ זייער ווינציק צו איר [1], און אַז מער פונ אַלצ אינ דער וועלט אינטערעסירנ זי ליבהאָבערישע ספּעקטאַקלענ.

איכ בינ געוואָרנ דער אָנפאַרטרויטער פונ אירע סודעס, און דער־פונ האָב איכ מיט באַדויערונג געדרונגענ, אַז כ'בינ שוינ א מאַנצבל אינ די יאָרנ. זי פלעגט מיר אָנפאַרטרויענ אַלע אירע יונגע פריידנ און זאָרגנ, און ווענ זי פלעגט זיכ צעאַמפּערנ וועגנ עפּעס מיט דער שוועסטער אָדער מיטנ שוואָגער, פלעגט זי אָנקומענ צו מיר, ווי צו א בוירער.

---

1 פלאַכאַ איז דער טײַטש אפ טשעכיש: א שרעקעוודיקע. (אָנמ. פונ דער רעד).

זי איז געווען היציק, ווי א יונג מיידל, און געקעכלט, ווי א קליין קינד.

לידא איז געווען מײַן באגלייטערן, ווען נאָך אַנדערהאַלבן יאָר צײַט אָפּזיצן פארשפארט אויס קאָנספּיראַטיווע טעמים, בין איך צום ערשטן מאָל ארויסגעגאנגען פון שטוב זיך דורכשפּאַצירן. אן עלטערער צוהינקעדיקער הער וואַרפט זיך ווייניקער אין די אויגן, ווען ער גייט ניט אליין, נאָר מיט זײַן טאָכטער. אומקוקנדיק זיך וועט מען גיכער אַפּ איר איידער אַפּ אים. לידא איז געגאנגען מיט מיר אויך אפן צווייטן שפּאַציר, דערנאָך אַפּ דער ערשטער אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג, דער־נאָך אַפּ דער ערשטער יאַווקע...

און אזוי־ארום איז זי ביסלעכווײַז געוואָרן מײַן פאַרבינדלערן.

לידא האָט אלץ געמאַכט זייער גערן, ניט אינטערעסירנדיק זיך באַ־זונדערס, וואָס דאָס באַטײַט און צו וואָס מע דאַרף עס האָבן. דאָס איז געווען עפּעס א נײַע זאַך, אן אינטערעסאַנטע, אַזוינס, וואָס ניט יעדער קען טאָן, עפּעס אויסטערלישס. און דאָס איז פאַר איר געווען גענוג.

קאָלזמאַן זי האָט ניט גענומען קיין אָנטייל אין קיין שום ערנס־טער זאַך, האָב איך איר ווינציק־וואָס פאַרטרויט. אין פאַל פון אַן ארעסט וואָלט איר ניט־וויסן געווען פאַר איר א בעסערע שוץ, אויך דער געדאַנק, אַז זי איז אין עפּעס „שולדיק“.

אָבער לידא איז אלץ טיפער ארײַן אין דער ארבעט. מע האָט איר שוין געקאָנט געבן א ביסל אן ערנסטערע שליכעס, יעדער ארײַנכאַפּן זיך צו די יעלינעקס און זיי מיטיילן עפּעס א קלייניקייט. ס'איז שוין צײַט געווען, זי זאָל וויסן, צוליב וואָס מיר ארבעטן. און איך האָב איר אָנגעהויבן דערקלערן. דאָס זײַנען געווען לעקציעס, טאַקע עמעסע רעגולערע לעקציעס. לידא האָט זיך געלערנט פלײַסיק און מיט כיישעק. אויסגעזען האָט זי ווי פריִער, א מיידעלע, א פריילעכס, א לײַכטזיניקס און א קאַפּעלע א צעלאָזנס, אָבער אין דער עמעסן איז זי שוין געווען גאָר אן אנדערע. זי האָט געטראַכט. און איז געוואַקסן.

אַף דער אונטערערדישער אַרבעט האָט זיך לידאַ באַקאַנט מיט מירעקן. ער האָט שוין דורכגעמאַכט אַ געוויסע דערפֿאַרונג פֿון אונטערערד און פֿלעגט קענען וועגן דעם אינטערעסאַנט דערציילן. דאָס האָט לידאַן אימפּאָנירט. זי האָט ניט געקענט, ווער מירעק איז אין דער עמעסן, נאָר איך האָב דאָך עס אויך ניט דערזען. ווי די מייסע זאָל ניט זיין, נאָר זיין לעפּאָנעמדיקע אידיישקייט און זיין אָנטייל אין דער אונטערערד האָבן איר אימפּאָנירט. ער איז איר געוואָרן נעענטער פֿון אַנדערע באַקאַנטע יונגעלייט.

לידאַ איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג. אָנהייב 1942 יאָר האָט זי אומאַנטשלאָסן, מיט האַרץ-קלאַפּעניש אָנגעהויבן ריידן וועגן אַרייַנטרעטן אין פּאַרטיי. קיינמאָל האָב איך זי ניט געזען אַזוי פֿאַרשעמט. ביז איצט האָט זי זיך צו קיין שום זאַך ניט באַצויגן מיט אַזאַ ערנסט. איך האָב נאָך אַלץ ניט געקאָנט פֿויעלן באַ זיך, נאָך אַלץ געגרייט זי און אויסגעפּרווט. אין פֿעוורואַל 1942 האָט מען זי אויפֿגענומען אין פּאַרטיי דירעקט דורכן צענטראַל-קאָמיטעט. שפּעט באַנאַכט זיינען מיר געגאַנגען צוריק אַהיים. געוויינטלעך אַ באַרעדעוודיקע, האָט לידאַ איצט געשוויגן. אין פֿעלד, ניט ווייַט פֿון דער היים, איז זי מיטאַמאָל געבליבן שטיין און שטיל, גאָר שטיל, אַזוי, אַז מע האָט געקאָנט הערן דאָס שאָרכען פֿון די שנייעלעך, האָט זי געזאָגט:

— איך וויים, אַז דאָס איז געווען דער וויכטיקסטער טאָג אין מיין לעבן. מער געהער איך ניט זיך אַליין. איך זאָג צו, אַז כ'וועל ניט אונטערפֿירן, וואָס עס זאָל ניט געשען.

געשען איז אַ סאַך. און לידאַ האָט ניט אונטערגעפֿירט.

זי פֿלעגט אָנהאַלטן די פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿאַרבינדונג צווישן די מיטגלידער פֿון צענטראַל-קאָמיטעט. איר פֿלעגט מען אָנטרויען די געפֿערלעכסטע שליחעסן — ווידער אויפֿצושטעלן פֿאַרלאָרענע פֿאַרבינדונגען און וואָרענען מענטשן, וואָס זיינען אין געפֿאַר. ווען אַ יאַווקע פֿלעגט דראָען אַן אומפֿאַרמיידלעכער דורכפֿאַל, פֿלעגט אַהין

גייען לידאַ און זיך דורכשלייכן אומבאַמערקט. טאָג פֿלעגט זי דאָס, פּונקט ווי פֿריִער: זיכער, מיט פֿריילעכער זאָרגלאָזיקייט, אונטער וועלכער ס'איז געווען פֿאַרהוילט דער באַוווסטזיין פֿון איר פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט.

מע האָט זי אַרעסטירט אין אַ כּוידעש אַרום נאָך אונדז. מירעקס באַוויזן האָבן צוגעצויגן צו איר די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די געסטאַפּאָווצעס. ס'איז ניט שווער אָנגעקומען פּעסטצושטעלן, אַז זי האָט געהאָלפֿן דער שוועסטער און דעם שוואָגער פֿאַרשווינדן און אַריבערצוגיין אין אונטערערד. לידאַ האָט וויליונגעריש אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ און מיט טעמפּעראַמענט אָנגעהויבן שפּילן די ראָליע פֿון אַ לייכטזיניק מיידעלע, וואָס האָט אַפֿילע קיין מינדסטע האַסאָגע ניט וועגן עפּעס פֿאַרוואָרטע איניאָנים און וועגן די פּאָלגן, וואָס זיינען דערמיט פֿאַרבונדן.

זי האָט געוווסט אַ סך און האָט גאָרניט אַרויסגעגעבן. נאָך מער: זי האָט ניט אויפֿגעהערט צו אַרבעטן אַפֿילע אין טפֿיסע. ס'האָט זיך געענדערט די סוויווע, ס'האָבן זיך געענדערט די אַרבעטס־מעטאָדן, ס'האָבן זיך געענדערט די אויפֿגעבונגען. ס'איז אָבער פֿאַרבליבן דער כּויעך פֿון אַ פּאַרטיי־מיטגליד: קיינמאָל ניט פֿאַרלירן דעם מוט. אַלע אויפֿגעבונגען האָט זי אויסגעפֿילט מעסיראָס־נעפֿעשדיק, גיך און פּינקטלעך. האָט מען באַדאַרפֿט זיך אַרויספּלאָנטערן פֿון אַ שווערער לאַגע און ראַטעווען עמעצן אויף דער פֿריי, פֿלעגט לידאַ מיט אַן אומשולדיקער מינע נעמען אויף זיך יענעמס „שולד". אין פֿאַנקראַץ איז זי געוואָרן אַ קאָרידאָר־וועכטערין, און צענדליקער לאַבלוטן אומבאַקאַנטע מענטשן האָבן איר צו פֿאַרדאַנקען, וואָס זיי האָבן אויסגעמיטן אַרעסט. נאָך אין אַ יאָר אַרום האָט אַ צעטעלע, צופֿעליק איבערגעכאַפּט פֿון די טורמע־היטער, געמאַכט אַ סאָף צו לידאַס „קאַריערע".

איצט וועט לידאַ פֿאָרן מיט אונדז אינאיינעם קיין דייטשלאַנד זיך שטעלן צום געריכט. זי איז די איינציקע פֿון אונדזער גרופּע, וואָס

האָט, עפּשער, א האָפענונג צו דערלעבנ ביז די טעג פונ פרײַהײַט. װענ מיר, עלטערע, װעלנ שױנ מער ניט לעבנ, זעט, אז זי זאָל ניט גײנ פארלאָרנ פאר דער פארטײ. זי איז יונג. זי באדארפ זיכ א סאכ לערנענ. לערנט זי, היט זי, זי זאָל ניט בלײַבנ שטײנ אפ אײנ אָרט. פירט אָנ מיט איר. לאָזט זי ניט זיכ איבערנעמענ אָדער בארויִקנ זיכ מיטנ דערגרײכטנ. זי האָט באװיזנ, װער זי איז, אינ דער שװערסטער צײַט. אויסגעהאלטנ די פײַער-פּראָבע, האָט זי באװיזנ, אז זי איז געמאכט פונ פעסטנ מעטאל.

מײַנ געסטאפּאָװעצ

דאָס איז שױנ ניט קײנ מענטש, דאָס איז א פיגורל, פונדעסטװעגנ האָט עס א שטיקל אינטערעס אונ איז א ביסל גרעסער אײדער די אנ-דערע.

װענ מיט א יאָר צענ צוריק, זיצנדיק אינעם קאפע „פלאָרא“ אפ די װינאָגראדנ, פלעגט איר זיכ קלײַבנ א קלאפ טאָנ מיט דער מאטבײע אָנ טיש אונ א רופ טאָנ „פאני װרכני[1]! באקומט!“, פלעגט לעבנ אײַכ אויסװאקסנ א הויכער דארער מענטש אינ שװארצנ. געררוישלאָז, װי א װאסער-זשוק, פלעגט ער דורכשװימענ צװישנ די טישלעכ, אונ אינ אײנ אויגנבליק מאכנ דעמ כעשבנ. ער האָט געהאט שנעלע אונ שטילע באװעגונגענ פונ א רויב-כײַע אונ װי בא א רויב-כײַע פלינקע אויגנ, װאָס פלעגנ באמערקנ אלצדינג. ער פלעגט אלײנ אָנװײַזנ די קעלנערס: „דריטער טיש — אײנ קאװע מיט מילכ“, „לינקס באמ פענצטער — א פאָרשפײַז אונ „לידאָװע נאָװיני“. די געסט האָבנ אימ געהאלטנ פאר א גוטנ אָפיציאנט, אונ זײַנע ארבעטס-קאָלעגנ — פאר א װוילנ יאט.

---

1 װרכני — עלטערער אָפיציאנט. (אָנמ. פונ דער רעד.)

דעמאָלט האָב איך אים נאָך ניט געקענט, ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן. ווי געהעריק באַקאַנט האָבן מיר זיך א סאַך שפּעטער, בײַ די יעלינעקס, ווען ער האָט, אָנשטאָט א בלײַפעדער, געהאַלטן אין האַנט א רעוואָלווער און, אָנווײַזנדיק אַף מיר, געזאָגט:

— אָט דער אינטערעסירט מיך מער פֿון אַלע.

דעם עמעס גערעדט, האָבן מיר ביידע שפּעטער אַרויסגעוויזן אינטערעס איינער צום אַנדערן.

ער איז געווען שוין גאָר ניט קיין נאַר, און אין פֿאַרגלײַך מיט די איבעריקע געסטאַפּאָווצעס האָט ער פֿאַרמאָגט די מײַלע, וואָס ער איז געווען א מייווין אַף מענטשן. אין דער קרימינאַל-פּאָליציי וואָלט אַזאַ, ווי ער, בעלי־סאָפּעק, געקאָנט מאַכן א קאַריערע. גאַנאָווים און מערדער, דעקלאַסירטע פּאַרשוינען וואָלטן געווים, אָן קווענקלעניש, זיך פֿאַר אים מוידע־אומיכוואָדע געווען: זיי האָבן דאָך איין זאָרג — ראַטעווען די אייגענע פֿעל.

מיט אַזעלכע פּרימיטיווע עגאָיסטן קומט אָבער אויס דער פּאָליטישער פּאָליציי האָבן צו טאָן זייער זעלטן. אין דער געסטאַפּאָ שטויסט זיך אָן די כיטרעקייט פֿונעם פּאָליציי־מאַן ניט בלויז אָן דער כיטרעקייט פֿונעם אַרעסטירטן. איר שטייט אַקעגן א קראַפֿט און אַן ערעך א גרעסערע: די איבערצײַגונגען פֿונעם אַרעסטירטן, די גרויסקייט פֿונעם קאָלעקטיוו, צו וועלכן ער געהערט. און קעגן דעם קען מען ווינציק-וואָס אויפֿטאָן בלויז מיט כיטרעקייט אַליין אָדער מיט קלעפּ.

קיין פֿעסטע איבערצײַגונגען זײַנען בײַ „מײַן" געסטאַפּאָוועץ, פּונקט ווי בײַ אַלע אַנדערע געסטאַפּאָווצעס, ניט געווען. און אויב ס׳פֿלעגט זיך שוין יאָ מאַכן בײַ וועמען־ניט־איז פֿון זיי איבערצײַגונגען, האָט זיך עס געפּאָרט מיט נאַרישקייט און ניט מיט סייכל, ניט מיט טעאָרעטישער צוגרייטונג און מיט קענטשאַפֿט פֿון מענטשן. און אויב, אינגאַנצן גענומען, האָט די פּראַגער געסטאַפּאָ דאָך געהאַט א געוויסן דערפֿאָלג, איז דאָס בלויז דערפֿאַר, ווײַל אונדזער קאַמף האָט זיך

צו לאַנג פאַרצויגן און איז געווען שטאַרק געענגט אין פּלאַץ. מיר האָבן געהאַט פּראָג, נאָכאַמאָל פּראָג און ווידעראַמאָל פּראָג, וווּ ס'קען זיך אַ האַלבע שטאָט און וווּ דער סוינע קען קאָנצענטרירן אַ גאַנצע משאָטע פּראָוואָקאַטאָרן. און פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך געהאַלטן יאָרן־לאַנג. פאַראַן כאַווייִרים, וואָס לעבן קימאַט פינף יאָר אין אונטערערד, און די געסטאַפּאָ האָט ניט געקאָנט זיך דערקלייבן צו זיי. דאָס איז דערפאַר, ווײַל מיר האָבן זיך אַ סאַך אויסגעלערנט. אָבער אויך דערפאַר, וואָס דער סוינע, כאָטש ער איז שטאַרק און כיטרע, ווייסט ניט קיין אַנדערע מעטאָדן, אויסער פאַרניכטונג.

דרײַ מענטשן האַלט מען אין דער אָפּטיילונג II—A-1 פאַר באַזונדערס גרויזאַמע סאָנים פון די קאָמוניסטן, זיי טראָגן שוואַרץ־ווײַס־רויטע בענדלעך „פאַר פאַרדינסטן אין קאַמף קעגן אינערלעכן פײַנט". דאָס זײַנען פרידריך, זאַנדער און „מײַן" געסטאַפּאָווער, יאָזעף בעם. וועגן נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם רייד זיי ווייניק און ווייסן וועגן אים ניט מער. זיי קעמפן ניט פאַר קיין פּאָליטישער אידיי, נאָר פאַר זיך אַליין. און דערבײַ יעדערער אויף זײַן אייגענעם אויפן.

זאַנדער — איז אַ קרענקלעך נעפעשל, וואָס לײַדט אויף דער גאַל. ער ווייסט בעסער פון די אַנדערע, ווי אויסצונוצן קאָלערליי פּאָליצייִשע מעטאָדן, נאָר נאָך בעסער קלײַבט ער זיך פאַנאַנדער אין פינאַנציעלע אָפּעראַציעס. איינמאָל האָט מען אים אַריבערגעפירט פון פּראָג קיין בערלין, אָבער אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום האָט ער אויסגעקליאַנטשעט, מע זאָל אים צוריק אַריבערפירן אויפן אַלטן אָרט. דאָס דינען אין דער הויפּטשטאָט פון דער דריטער אימפּעריע האָט אים געבראַכט אַ פאַרקלענערונג אין ראַנג... און אַ היפּשן העזיק. בײַ אַ קאָלאָניאַלן באַאַמטן ערגעץ אין די וואַלד־געדיכטענישן פון אַפריקע... אָדער אין פּראָג איז פאַראַן מער מאַכט, איידער אין דער מעטראָפּאָליע, און מערער מעגלעכקייט צו פאַרגרעסערן זײַן קאָנטע אין באַנק. זאַנדער איז פלײַסיק, אָפטמאָל, קעדיי צו דערווײַזן זײַן פלײַס, פירט ער

דעם פאַרהער אַפילע מיטיק־צײַט. דאָס דאַרף ער האָבן, קעדיי דערמיט צו פאַרהוילן די נאָך שטאַרקערע גיריקײַט זײַנע אָפּצולעקן א ביינדל. אַז אָך און ווי איז צו דעם, וואָס פאַלט אַרײַן אין זײַנע הענט, נאָר נאָך ביטערער איז דעם, וועמ ס'פאַרמאָגט אין דער היים א שפּאָר־ביכל אָדער ווערט־פּאַפּירן. דער אייגנטימער פון אָט דעם גוטס מוז אוועק פון דער וועלט אינעם קירצסטן טערמין, ווײַל שפּאָר־ביכלעך און ווערט־פּאַפּירן — דאָס איז זאַנדערס לײַדנשאַפט. מע האַלט אים פאַר דעם סאַמע פעיִקן פון אַלע געסטאַפּאָווצעס... אין דעם פראַט. צום אונטערשייד פון אים, שטעלט פאָר מיט זיך זײַן טשעכישער געהילף און איבערזעצער סמאָלאַ א טיפּ פון א רויבער — א דזשענטלמען: ער נעמט צו דאָס געלט, נאָר ער פּרעטענדירט ניט אָפּן לעבן.

פרידריך — דאָס איז א לאַנגער, א דאַרער, ברוינהויטיקער סוב־יעקט מיט בייזע אויגן און א גאַליקן שמייכל. קיין טשעכאָסלאָוואַקיע איז ער אַראָפּגעקומען נאָך אין 1937 יאָר אַלס אַגענט פון דער געס־טאַפּאָ און האָט זיך באַטייליקט אין די מאָרדונגען פון דײַטשישע אַנטיפאַשיסטן עמיגראַנטן. ער האָט ליב מענטשן, נאָר ווען זיי זײַ־נען טויט. קיין אומשולדיקע זײַנען פאַר פרידריכן ניטאָ. יעדער, וועמ ס'איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פון זײַן קאַבינעט, איז שולדיק. פרידריך האָט ליב מיטצוטיילן די פרויען, אַז זייערע מענער זײַנען געשטאָרבן אינעם קאָנצלאַגער, אָדער אַז מע האָט זיי אויפגעהאַנגען. אַמאָל נעמט ער אַרויס פון א קאַסטן זיבן קלײנע אורנעס און ווײַזט זיי די, וועמען ער האַלט אין פאַרהער.

— אָט די זיבן האָב איך אַליין ליקווידירט, מיט מײַנע אייגענע הענט. דו וועסט זײַן דער אַכטער.

(איצט זײַנען שוין דאָ אַכט אורנעס).

פרידריך האָט ליב צו בלעטערן אַלטע איגיאָנים, און אָנטרעפנ־דיק דאָרט נעמען פון אויפגעהאַנגענע, רעדט ער יעדעס מאָל אַרויס מיט צופרידנקייט: „ליקווידירט! ליקווידירט!"

באַזונדערס האָט ער ליב צו פּײַניקנ פֿרויענ.

זײַנ ליידנשאַפֿט — דאָס איז לוקסוס. טאָמער פֿאַרמאָגט איר א מאַנופֿאַקטור־קראָמ אָדער א שיינ מעבלירטע דירע, וועט דאָס באַדינטיק פֿאַרגיכערנ אײַער טויט. נו, לאָז זײַנ שוינ גענוג וועגנ פֿרידריכנ.

זײַנ געהילף, דער טשעכ נערגער, איז מיט א האַלבנ קאָפּ נידעריקער פֿונ אימ — איינ וווּקס. קיינ אַנדער כילעק איז צווישנ זיי ניטאָ.

בעמ פֿאַרמאָגט ניט קיינ באַזונדערע ליידנשאַפֿט ניט צו געלט, ניט צו טויטע, כאָטש טויטע זײַנענ אפֿ זײַנ קאָנטע פֿאַראַנ ניט ווינציקער אײדער בא זאַנדערנ אָדער באַ פֿרידריכנ. לויט דער טעווע זײַנער איז ער אנ אַוואַנטיוריסט אונ וויל ווערנ א מענטש מיט מענטשנ גלײַכ. אינ געסטאַפּאָ אַרבעט ער שוינ לאַנג: ער איז געווענ אנ אָפֿיציאַנט איבעמ קאַפֿע „נאַפּאָלעאָנ", וווּ ס'פֿלעגנ פֿאָרקומענ די געהיימע באַגע־גענישנ פֿונ בעראַנס 1 אָנהענגער, אונ דאָס, וועגנ וואָס היטלערנ פֿלעגט ניט מיטײלנ בעראַנ, פֿלעגט ראַפּאָרטירנ בעמ. נאָר צי קענ מענ דאָס פֿאַרגלײַכנ מיט דער יאַגד אפֿ מענטשנ, מיט דער מעגלעכקײַט צו האָבנ צו שאַפֿנ איבער זייער לעבנ אונ טויט, אַנטשיידנ דעמ גוירל פֿונ גאַנצע פֿאַמיליעס?

בעמ האָט געשאַפֿנ א ברייט פֿאַרצווײַגטע נעצ פֿונ פּראָוואָקאַטאָרנ ער איז א יעגער מיט א קאָלאָסאַלער טשאַטע יאַגד־הינט. אונ ער פֿאַרנעמט זיכ מיט יאַגד. אָפֿט פֿאָשעט אויס ליבע צו דער עצעמ יאַגד. פֿאַרהערנ — דאָס איז שוינ א לאַנגווײַליקע באַשעפֿטיקונג. די גרעסטע האַנאָע פֿלעגט ער האָבנ צו אַרעסטירנ אונ נאָכצושפּירנ נאָכ מענטשנ, וואָס וואַרטנ אפֿ זײַנ באַשלוס.

---

1 א געוועזענער דעפּוטאַט פֿונעם טשעכישנ פּאַרלאַמענט, דער פּרעמיער פֿונ דער מאַריאָנעטנ־רעגירונג „פּראָטעקטאָראַט", א פֿאַשיסט. (אָ נ מ. פֿ ו נ ד ע ר ר ע ד.)

אײנמאָל האָט ער אין פּראָג אַרעסטירט העכער צוויי הונדערט שאָפערן און קאָנדוקטאָרן פון טראַמווייען, אויטאָבוסן און טראָלײבוסן און האָט זיי געטריבן איבער די רעלסן. ער האָט אָפּגעשטעלט דעם טראַנספּאָרט און געשטערט דער גאַנצן באַוועגונג. דאָס איז געווען פאַר אים דער גרעסטער פאַרגעניגן. דערנאָך האָט ער הונדערט פופציק מאָל באַפרייט און זיך באַרימט, אַז אין הונדערט פופציק משפּחות וועט מען זאָגן, אַז ער איז אַ „גוטער".

בעם פלעגט געווינטלעך פירן מאַסעווע, אָבער, לויט זייער באַטייט, קליינע פּאָליטישע אינציאָנים. איך בין אַרײַנגעפאַלן צו אים אַלפּי צופאַל און בין בײַ אים געווען אַן אויסנאַם.

— דו ביסט מײַן גרעסטער איניען, — פלעגט ער מיר אָפט זאָגן און פלעגט זיך שטאַרק איבערנעמען מיט דעם, וואָס מײַן איניען האָט זיך בכלל גערעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע. מעגלעך, אַז אָט דער אומשטאַנד האָט טאַקע פאַרלענגערט מײַן לעבן.

מיר זײַנען ניט מיד געוואָרן לײַגן איינער דעם צווייטן, נאָר דאָס איז ניט געווען קיין ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. איך האָב טאָמיד געוווסט, ווען ער זאָגט אַ ליגן, און ער וועגן מיר—בלויז ווען־ניט־ווען. נאָך דעם, ווי דער ליגן פלעגט ווערן קלאָר פאַר ביידן, פלעגן מיר ביידע, פּונקט ווי ס'וואָלט געווען אָפּגעמאַכט צווישן אונדז, אַריבערגיין צו אַ צווייטער פראַגע. איך מיין, אַז פאַר אים איז ניט אַזוי וויכטיק געווען פעסטצושטעלן די פאַקטן, ווי „גוט מאַכן" זײַן „גרעסטן איניען".

דעם שטעקן און די קייטן האָט ער ניט געהאַלטן פאַר דעם איינציקן אויפווירקונגס־מיטל. בכלל, פלעגט ער ליבערשט אײַנריידן אָדער סטראַשען, אָפּהענגיק הערפון, וואָזוי ער פלעגט אָפּשאַצן „זײַן" מענטשן. מיך האָט ער קיינמאָל ניט געשלאָגן, כוץ, עפּשער, דער ערשטער נאַכט, אָבער אָפט פלעגט ער צו דעם האָזיקן צוועק מיך איבערגעבן צו עמעצן אַן אַנדערן אין די הענט.

ער איז, בעלי־ספֿק, געווען אינטערעסאַנטער און קאָמפּליצירטער פֿון די איבעריקע געסטאַפּאָווצעס. ער האָט פֿאַרמאָגט א רײַכערע פֿאַנ־טאַזיע, און ער האָט געקענט זיך מיט איר באַנוצן. אַמאָל פֿלעגט ער מיך אַרויספֿירן אין שטאָט אַרײַן, און מיר פֿלעגן זיצן אין א קליינעם רעסטאָראַן אין א גאָרטן און קוקן אַפֿן מענטשן־שטראָם, וואָס פֿלעגט פֿליסן פֿאַרבײַ אונדז.

— אָט ביסטו אַרעסטירט, — פֿלעגט בעם פֿילאָזאָפֿירן, — נו, און טו א קוק, האָט זיך דען עפּעס געענדערט? מענטשן גייען אום, ווי פֿריִער, לאַכן, האָווען, און אַלץ גייט זיך מיט זײַן סיידער, פּונקט ווי דו וואָלסט גאָרניט געווען אַף דער וועלט. צווישן אָט די פֿאַרבײַגייער זײַנען פֿאַראַן אויך דײַנע לייענער. עפּשער מיינסטו, אַז בײַ זיי איז צוליב דיר צוגעקומען כאָטש איין קנייטשעלע אַפֿן פּאָנעם?

איינמאָל נאָך א פֿאַרהער, וואָס האָט געדויערט עטלעכע שעה צײַט, האָט ער מיך אין אָוונט אַרײַנגעזעצט אין אַן אויטאָ און אַוועקגעפֿירט איבער גאַנץ פּראָג צו די גראַדטשאַנעס.

— איך ווייס, דו האָסט ליב פּראָג. טו א קוק אַף איר. ניט שוין זשע גלוסט זיך דיר ניט אומקערן אַהער? ווי שיין זי איז! און זי וועט בלײַבן אַזאַ, ווען דו וועסט שוין ניט זײַן...

ער האָט גוט געקענט די מלאָכע פֿון וועקן דעם יעיצער־האָרע. אינעם זומערדיקן אָוונט, ווען עס האָט זיך שוין געשפּירט דער אָטעם פֿון נאָענטן האַרבסט, איז פּראָג, פּונקט ווי ווײַנטרויבן, וואָס האַלטן אין צײַטיק ווערן, געווען פֿאַרהילט אין א בלוילעכן נעפּל. זי האָט פֿאַרשיקערט, אַזוי ווי ווײַן; עס האָט זיך געגלוסט קוקן אַף איר, קוקן אָן א סאָף... איך האָב געענטפֿערט:

— און זי וועט ווערן נאָך הערלעכער, ווען איר וועט מער ניט זײַן.

ער האָט א שמייכל געטאָן, ניט בייז, נאָר עפּעס אָנגעכמורעט, און געזאָגט:

— ביסט א ציניקער.

שפעטער פלעגט ער ניט איינ מאָל דערמאָנענ אָנ דעמ שמועס אינ יענעמ אָוונט.

— ווענ מיר וועלנ מער ניט זײַנ... הייסט עס, דו גלייבסט נאָכ אַלצ ניט אינ אונדזער זיג?

ער פלעגט שטעלנ אָט די פראגע, ווײַל ער האָט אַליינ ניט גע־גלייבט. אונ ער האָט מיט קאָפּ זיכ צוגעהערט איינמאָל צו דעמ, וואָס איכ האָב דערציילט וועגנ דער קראפט אונ אומבאזיגלעכקײַט פונ סאָ־וועטנ-פארבאנד. דאָס איז געווענ, אגעוו, איינער פונ מײַנע לעצטע פארהערנ.

שלייקעס

בא דער טיר פונ דער אנטקעגנדיקער קאמער הענגענ שלייקעס. געווינלעכע מאנצבלשע שלייקעס. א זאכ, וואָס כ'האָב קיינמאָל ניט ליב געהאט. איצט כאפ איכ מיט פרייד א קוק אפ זיי יעדעס מאָל, ווענ ס'עפנט זיכ אונדזער טיר. אינ אָט די שלייקעס איז פאראנ א ברעקע־לע האָפענונג.

ווענ דו פאלסט ארײַנ אינ טורמע, ווו מע ווערט דיכ, מעגלעכ, אינגיכנ מיימעסנ ביז טויט, נעמט מענ קוידעמקאָל צו בא דיר דעמ שניפס, דעמ פאס אונ די שלייקעס, קעדיי דו זאָלסט זיכ ניט קענענ אופהענגענ (כאָטש מע קאָנ זיכ אויכ געצייכנט אופהענגענ מיט דער הילפ פונ א לײַלעכ). די דאָזיקע טויט-געצײַג ליגנ אינ דער טורמע־קאנצעליאריע, ביז א וועלכע-ניט-איז נעמעזידע פונ געסטאפּאָ וועט ניט באשליסנ, אז מע דארפ דיכ שיקנ אפ צוואנגס־ארבעט, אינ א קאָנצלאגער אָדער אפ דער טליע. דעמלט ברענגט מענ דיכ צו פירנ אינ קאנצעליאריע אונ מיט זייער אנ ערנסטער מינע גיט מענ דיר ארויס דײַנ שניפס אונ די שלייקעס. אָבער אינ קאמער מיטנעמענ

די זאכן טאָר מען ניט. מע הענגט זיי אופ אין קאָרידאָר לעבן טיר אָדער אפ די פּאַרענטשעס אַנטקעגן. דאָרט הענגען זיי, ביז מע שיקט זיך אַוועק, אַלס אַ באַשײַמפּערלעכער סימען, אַז איינער פון די קאַ־מער-אײַנוווינער גרייט זיך אין אַ ווײַטן וועג אַרײַן.

די שלייקעס בײַ דער אַנטקעגנדיקער טיר האָבן זיך באַוויזן גראָד אין יענעם טאָג, ווען איך האָב זיך געהאַט דערוווּסט וועגן גוסטינאַס גורל. דעם באַוווּער פון דער אַנטקעגנדיקער קאַמער שיקט מען אַפּ צוואַנגס-אַרבעט מיט דער זעלבער פּאַרטיע, וואָס גוסטאַן. דער טראַנספּאָרט איז נאָך ניט אַוועק. ער האָט זיך אומגעריכט פאַרהאַלטן, מע זאָגט — דערפאַר, ווײַל דאָס אָרט, וווּהין ער האָט באַדאַרפט גיין, איז צעבאָמבירט געוואָרן אַזוי, אַז ס'איז דאָרט גאָרניט איבערגעבליבן. (דאָס איז שוין ניט שלעכט.) ווען דער טראַנספּאָרט וועט אַוועק, ווייסט קיינער ניט. עפשער הײַנט אין אָוונט, עפשער מאָרגן, עפשער אין אַ וואָך אָדער אין צוויי אַרום. די שלייקעס אַנטקעגן הענגען נאָך אַלץ. און איך ווייס: קאָלזמאַן זיי זײַנען דאָ, איז גוסטינאַ אין פּראָג. דערי־בער כאַפּ איך אַלעמאָל אַ קוק אַפּ די שלייקעס פרייִלעך און גוטברו־דעריש, ווי אַפּ גוסטינאַס פרײַנט. זי האָט שוין געוווּנען איין טאָג, צוויי, דרײַ... ווער ווייסט, וואָס דאָס קאָן געבן? עפשער וועט גראָד אָט דער איבעריקער טאָג פאַרשלעפעניש זי ראַטעווען?

אַלע לעבן מיר דאָ דערמיט. הײַנט, מיט אַ כוידעש צוריק, מיט אַ יאָר צוריק האָבן מיר געטראַכט און טראַכטן נאָר וועגן מאָרגנדיקן טאָג, אין אים איז אונדזער האָפענונג. דײַן גורל איז באַשלאָסן, איבערמאָרגן הענגט מען דיך אוף... נאָר, עך, מאַלע וואָס מאָרגן קען געשען! נאָר דערלעבן ביז מאָרגן, מאָרגן קאָן זיך אַלץ איבערבײַטן, אַלץ אַרום איז אַזוי ניט שטאַנדהאַפטיק און... ווער ווייסט, וואָס מאָרגן קאָן פּאַסירן.

ס'קומט מאָרגן, און נאָך, און נאָך מאָרגנס, טויזנטער מענטשן קומען אום, פאַר טויזנטער איז שוין ניטאָ מער קיין „מאָרגן“, אָבער

די, וואָס זייַנען געבליבנ גאנצ, לעבנ מיט דער איינציקער האָפענונג — מאָרגנ, ווער ווייסט, וואָס ס'וועט זייַנ מאָרגנ...

אזא מינ שטימונג פארורזאכט די אומוואַרשייַנלעכסטע קלאַנגענ, יעדע וואָכ לאָזט זיכ הערנ א פרישער אולטרא-אָפּטימיסטישער פראָג־נאָז וועגנ סאָפ פונ דער מילכאָמע, אלע כאפנ גערנ אונטער די פרייַ־דיקע ווערסיע, מע גיט זי איבער פונ מויל צו מויל, אונ איבער דער טפיסע פארשפרייט זיכ א נייַע סענסאציע, וועלכער ס'גלוסט זיכ אזוי גלייבנ. איכ קעמפ קעגנ דעמ, איכ רייַס אראָפּ דעמ שלייער פונ אזוינע אומבאגרינדעטע האָפענונגענ, — זיי שטארקנ ניט, נאָר שוואכנ אָפּ די מענטשנ, — ווייַל אָפּטימיזמ דארפ זיכ דערנערנ ניט מיט ליגנ, נאָר מיט עמעס, מיטנ פאָרויסזענ דעמ זיכערנ זיג, אָבער פונדעסטוועגנ לעבט אויכ אינ מיר די האָפענונג, אז איינער א טאָג קענ ווערנ דער אנטשיידנדיקער, אז אינ איבעריקער טאָג, וואָס מיר וועט געלינגענ אויסצוקעמפנ, וועט מיכ אריבערטראָגנ איבערנ ראנד פונ טויט, וואָס הענגט איבער מיר, צומ לעבנ, פונ וועלכנ עס ווילט זיכ אזוי ניט אָפּ־זאָגנ.

אזוי ווינציק טעג אינ מענטשלעכנ לעבנ, אונ דאָ ווילט זיכ נאָכ, זיי זאָלנ פליִענ גיכער, גיכער, גיכער... די צייַט, וואָס פליסט אזוי גע־שווינד אונ אומבאמערקט, וואָס דערנעענטערט אונ אָנ שומ אָפּהאלט צו דער עלטער, ווערט איצט אונזער פרייַנט. צי איז דאָס ניט מאָדנע?

דער מאָרגנדיקער טאָג איז געוואָרנ א נעכטיקער. דער איבער־מאָרגנדיקער איז געוואָרנ א הייַנטיקער אונ איז אויכ אוועק אינ פאר־גאנגענהייַט.

די שליקעס בא דער טיר הענגענ נאָכ אלצ.

קאַפּיטל VI

דער באַלאַגערונגס־צושטאַנד אינ 1942 יאָר

27־טער מײַ 1943 יאָר

אָט וואָס עס איז געווענ פּונקט מיט א יאָר צוריק.

פונ פאַרהער האָט מענ מיכ אראָפּגעפירט אינ „קינאָ". אזא איז געווענ יעדנ טאָג דער מאַרשרוט אינעמ פּעטשעק־פּאַלאַצ: צוועלפ אזייגער באַטאָג אראָפּצו — אפ מיטיק, ווענ מע פלעגט ברענגענ פונ פּאַנקראַצ, אונ נאָכ מיטיק — צוריק אפנ פערטנ שטאָק אינ דער „פירהונדערטקע". נאָר אינ יענעמ טאָג זײַנענ מיר מער ארופצו ניט געקומענ.

מיר זיצנ אונ עסנ. אפ די בענק איז ענג, די אַרעסטירטע אַרבעטנ ענערגיש מיט די ציינ אונ מיט די לעפלענ. אלצ זעט אויס צו זײַנ גאַנצ מענטשלעכ. אָבער ווענ ס'וואָלטנ פּלוצעמ פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ סקעלעטנ די אלע, וואָס וועלנ זײַנ טויט מאָרגנ, וואָלט דאָס קלינ־גענ פונ די לעפלענ אָנ די ליימענע קיילימ דערטרונקענ געוואָרנ אינעמ טרעשטשענ פונ די ביינער אונ אינעמ טרוקענעמ געקנאַק פונ די קינבאַקנ. אָבער קיינער ווייסט ניט, וואָס עס קענ געשענ. אלע עסנ גיריק, מע האָפט אונטערצוהאַלטנ דאָס לעבנ נאָכ אפ וואָכנ, כאָדאָשימ, יאָרנ.

עס האָט זיכ געדוכט, עס איז א שיינער וועטער, און פּלוצעם האָט א ריס געטאָנ א שטורעם-ווינט — און ווידער איז אַלצ שטיל. אָבער לויט די פּענעמער פונ די אופזעער קענ מענ זיכ אָנשטויסנ, אז עפּעס איז געשענ. און אינ עטלעכע מינוט ארום—נאָכ א קלאָרערער סימענ: מע רופט אונדז ארויס און מע שטעלט אונדז אויס אפּ אָפּצושיקנ קיינ פּאנקראַצ. נאָכ מיטיק! א זאכ, וואָס האָט נאָכ קיינמאָל ניט פּאסירט. שטעלט זיכ פאָר, אז בא אייכ איז געשוואָלנ דער קאָפּ פונ פראגנ, וואָס מע קאָנ אפּ זיי קיינ ענטפער ניט געבנ, און מע לאָזט אייכ א גאנצנ האלבנ טאָג צורו, — צי איז דאָס ניט קיינ בעסעד פונ זיינ ליבנ נאָמענ? אזוי האָט זיכ אונדז אויסגעדוכט. אָבער געווענ איז עס ניט אזוי.

אינ קאָרידאָר טרעפנ מיר דעם גענעראַל עליאַש [1]. בא אים איז אנ אומרויִק אויסזענ; כאָטש ארום האָבנ זיכ געהאלטנ אינ איינ ארום-דרייענ די אופזעער, האָט ער דאָכ באוויזנ מיר א שעפּטשע טאָנ:

— באלאַגערונגס-צושטאנד.

אנ ארעסטירטער האָט אינ זיינ רעשוס אפּ איבערצוגעבנ די סאמע וויכטיקסטע נייעס — בלויז טיילנ פונ סעקונדעס. עליאשנ גיט זיכ שוינ ניט איינ צו ענטפערנ אפּ מיינ פרעגנדיקנ בליק.

די אופזעער אינ פּאנקראַצ כידעשנ זיכ, וואָס מיר האָבנ זיכ אזוי פרי אומגעקערט. דער, וואָס פירט מיכ אינ קאמער, רופט ארויס בא מיר מער צוטרוי, ווי די אנדערע. איכ ווייס ניט, וואָס ער שטעלט מיט זיכ פאָר, נאָר איכ טייל זיכ מיט אים מיט דער נייעס. ער שאָקלט מיטנ קאָפּ אפּ ניינ. ער ווייסט פונ קיינ זאכ ניט. מיסטאמע האָב איכ שלעכט געהערט. מעגלעכ. דאָס בארויִקט מיכ.

אינ אָוונט אָבער קומט ער און כאפּט זיכ אריינ אינ קאמער.

---

1 א געוויסע צייט — דער הויפּט פונ דער מאריאָנעטנ-רעגירונג פונעם פּראָטעקטאָראַט. אינ 1942 האָבנ אים די דייטשנ אופגעהאנגענ. (אָנמ. פונ דער רעד.)

— איר זײַט געווענ גערעכט. אנ אטענטאט אפ הײדריכנ [1]. שווער פארוווּנדעט. אינ פראָג איז באלאגערונגס-צושטאנד.

אפ מאָרגנ פארנ אוועקשיקנ אפנ פארהער שטעלט מענ אונדז אויס אינעמ אונטערשטנ קאָרידאָר. מיט אונדז איז הײַנט דער כאווער וויקטאָר סינעק, דער לעצטער לעבנ געבליבענער מיטגליד פונעמ צענטראל-קאָמיטעט פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי, וועלכער איז ארעסטירט געוואָרנ אינ פעווראל 1941. דער שליסל-היטער, א לאנגער עסעסאָווער, פאָכעט פאר זײַנ נאָז מיט א בלעטל פאפיר, ווו ס'איז מיט גרויסע אויסיעס אָפגעדרוקט: „Eutlassungsвefehl“ [2]

דער עסעסאָווער שטשירעט די ציינ:

— אָט זעסטו, זשיד, האָסט זיכ דערוואַרט. א פאסיר-שײַנ אפ יענער וועלט! וועסט ארויס, אונ... כיק!

אונ א מאכ טוענדיק מיטנ פינגער איבערנ האלדז, ווײַזט ער וויקטאָרנ, ווי ס'וועט ארָאָפפליענ זײַנ קאָפּ. בײַסנ באלאגערונגס-צושטאנד אינ 1941 איז דער ערשטער געקעפּט געוואָרנ אָטאָ סינעק. וויקטאָר, זײַנער א ברודער, איז דער ערשטער קאָרבנ פונעמ באלאגערונגס-צושטאנד פונ 1942. אימ פירט מענ קיינ מאוטהאוזענ. אפ צעשיסנ, ווי זיי דריקנ זיכ אײדל אויס.

דער וועג פונ פאנקראַץ צומ פעטשעק-פאלאַץ אונ צוריק ווערט א גענעמ פאר די געפאנגענע. די עסעסאָווצעס זײַנענ „זיכ נויקעמ פאר הײדריכנ". דער אווטאָ איז נאָכ ניט דורכגעפאָרנ קיינ קילאָמעטער, אונ מער ווי בא א צענדליק ארעסטירטע זײַנענ שוינ די פענעמער צעשלאָגנ ביז בלוט.

מיט מיר צו פאָרנ איז קעדײַ — מײַנ לאנגע באָרד ווענדט אָפ די אופמערקזאמקײַט פונ די עסעסאָווצעס, אונ זיי ווייסנ שוינ אליינ

---

1 דער היטלערישער „פראָטעקטאָר" אינ טשעכיע אונ מאָראוויע (אָ נ מ. פ ו נ ד ע ר ר ע ד.)

2 ארויסגאנג-שײַנ (דײַטש).

ניט וואָס אויסצוטראַכטן אַפּ צו מאַכן זיך לוסטיק איבער מיר. האַלטן זיך פאַר מײַן באָרד, ווי פאַר אַ רימען, — דאָס איז איינס פון זייערע בעסטע פאַרגעניגנס. פאַר מיר איז עס ניט קיין שלעכטע צוגרייטונג צו די פאַרהערן, וועלכע אַנטשפּרעכן דער נײַער סיטואַציע און פאַרענדיקן זיך שטענדיק מיט דער זעלבער וואָרענונג:

— וועסט ניט קומען צום סײַכל מאָרגן, צעשיסן מיר דיך.

מיך שרעקט דאָס אַפּ קיין האָר ניט. ניטאָ קיין איין אָוונט, מע זאָל ניט הערן, ווי אונטן, אין קאָרידאָר, רופט מען אויס פאַמיליעס פון אַרעסטירטע. פופציק, הונדערט, צוויי הונדערט מענטשן, געשמידטע אין קייטן, לאָדט מען זיי אַפּ לאַסט־אויטאָס, ווי בעהיימעס צו דער שכיטע, און מע פירט זיי הינטערן שטאָט אַפּ מאַסעווער צעשיסונג. און וואָס באַשטייט די שולד פון די דאָזיקע מענטשן? קווידעמקאָל אין דעם, וואָס זיי זײַנען אין קיין זאַך ניט שולדיק. מע האָט זיי אַרעסטירט צוליב עפּעס אַ נישטיקער סיבע. קיין שום ערנסטע זאַכן ווייסן זיי ניט, ס'איז ניטאָ וועגן וואָס זיי אויסצופרעגן, און דערבער טאַקע טויגן זיי גאַנץ גוט פאַר אַן עקזעקוציע. אַ סאַטיריש לידל, וואָס איינער כאַווער האָט איבערגעלייענט פאַר זײַן אַנדערע, האָבן געבראַכט אין טורמע אַלע צען, מיט צוויי כאַדאָשים אײדער עס איז פאָרגעקומען דער אַטענטאַט. איצינד קעפּט מען זיי — פאַר... לויבן טעראָריסטישע אַקטן. מיט אַ האַלב יאָר צוריק האָט מען אַרעסטירט אַ פרוי, וואָס מ'איז כוישעד געווען אין פאַרשפּרייטן פלוגבלעטל. זי איז זיך אין קיין זאַך ניט מוידע געווען. איצט נעמט מען אירע שוועסטער און ברידער, די מענער פון די שוועסטער און די פרויען פון די ברידער, און זיי אַלעמען האַרגעט מען, ווײַל אויסראָטן גאַנצע פאַמיליעס — דאָס איז איינער פון די לאָזונגען פונעם באַלאַגערונגס־צושטאַנד. אַ קליינער פּאָטשט־באַאַמטער, אַרעסטירט אַלפּי טאָעס, שטייט אונטן בײַ דער וואַנט און וואַרט, מע זאָל אים אַרויסלאָזן אַפּ דער פרײַ. ער הערט זײַן נאָמען און ענטפערט אַפּן אַרויסרוף. מע

פארייניקט אימ צו דער קאָלאָנע פארמישפעטע, מע פירט אימ ארויס הינטער דער שטאָט און מע שיסט אימ. אפ מאָרגנ שטעלט זיכ ארויס, אז מע האָט געדארפט שיסנ אנ אנדערנ מיט דער זעלבער פאמיליע. דעמלט שיסט מענ אויכ דעמ אנדערנ, און אלצ איז אינ אָרדענונג. לוינט דענ צו פארלירנ צײַט און פעסטשטעלנ די פערזענלעכקײַט פונ א מענטשנ, ווענ מע גייט טייטנ? צו וואָס דארפ מענ דאָס, ווענ די אופגאבע איז — פארטיליקנ א גאנצ פאָלק?

שפעט אינ אָוונט קער איכ זיכ אומ פונעמ פארהער. אונטנ בא דער וואנט שטייט וולאדיסלאוו וואנטשורא, צופוסנס בא אימ א קליינ פעקל זאכנ. איכ וויימ גוט, וואָס דאָס באטײַט. ער ווייסט דאָס אויכ. מיר דריקנ אייגער דעמ אנדערנ די האנט.

ווענ איכ בינ ארופ אויבנ, האָב איכ פונ קאָרידאָר געזענ, ווי ער שטייט, א ביסל אָנגענייגט דעמ קאָפ, און קוקט ערגעצ וויַיט... ווײַ־טער פונעמ לעבנ. אינ א האלבער שעה ארומ רופט מענ אימ ארויס...

אינ עטלעכע טעג ארומ שטייט בא דער זעלבער וואנט מילאָש קראסני, ארעסטירט נאָכ פאראיאָרנ אינ אָקטיאבער, א העלדישער קעמפער פונ דער רעוואָליוציע, וועמענ עס האָבנ ניט אײַנגעבראָכנ ניט די פײַניקונגענ, ניט דער איינצל־ארעסט. ער רעדט עפעס צומ קאָנוואָיר, אומגעדרייט צו אימ איבערנ אקסל. דערזעט מיכ, טוט מי־לאָש א שמייכל, א געזעגענונגס־ווונק און רעדט ווײַטער:

— ס'וועט אײַכ קיינ זאכ ניט העלפנ. ניט וויניק אונדזערע וועלנ אומקומענ, אָבער צעקלאפנ וועט מענ אײַכ.

און נאָכ א באטאָג. מיר שטייענ אונטנ אינ פעטשעקרפאלאצ און ווארטנ אפ מיטיק. מע ברענגט צו פירנ עליאשנ. אונטערנ אָרעמ בא אימ איז א צײַטונג, ער ווײַזט אָנ אפ איר מיט א שמייכל: ער האָט נאָרוואָס איבערגעלייענט, אז ער איז געווענ פארבונדנ מיט די אָרגא־ניזאטאָרנ פונעמ אטענטאט.

— פלאפלערײַ! — זאָגט ער קורצ און נעמט זיכ צומ עסנ.

ער וויצלט זיך וועגנ דעמ אויך אינ אָוונט, ווענ מיר קערנ זיך אומ אינ פאנקראצ. און אינ א שאָ ארומ פירט מענ אימ ארויס פונ קאמער און הערנאָך הינטערנ שטאָט.

די בערג בארמינענס וואקסנ. מע ציילט שוינ ניט אינ די צענד-ליקער און ניט אינ די הונדערטער, נאָר אינ די טויזנטער. דער רייעכ פונ פריש בלוט רייצט די נאָזלעכער בא די צווייפיסיקע כײַעס. זיי „ארבעטנ" פונ אינ דער פרי ביז שפּעט אינ דער נאכט, זיי „ארבעטנ" אויך אומ זונטיק. איצט גייענ זיי אלע ארומ אינ מונדירנ, דאָס איז זייער יאָמטעוו, דער טריומפ פונ פארניכטונג. זיי שיקנ אפ טויט ארבעטער, לערער, פויערימ, שרײַבער, באאמטע; זיי הארגענענ מענער, פרויענ, קינדער; זיי פארטיליקנ גאנצע פאמיליעס, פארניכטנ און פארברענענ גאנצע דערפער. דער בלייענער טויט גייט ארומ, ווי א פעסט, איבערנ גאנצנ לאנד און שאנעוועט קיינעמ ניט.

און וואָס טוט דער מענטש אינמיטנ פונ אָט דעמ גרויל?

ער לעבט.

סע גלייבט זיכ ניט. אָבער ער לעבט פאָרט, ער עסט, שלאָפט, ליבט, ארבעט, טראכט וועגנ טויזנטער זאכנ, וואָס פאָרנ זיכ גאָרניט מיטנ טויט. אינ די טיפענישנ פונ זײַנ נעשאָמע שפּירט ער מיסטאמע א דריקנדיקע לאסט. ער טראָגט זי אָבער, ניט בייגנדיק זיכ, ניט אראָפּפאלנדיק בא זיכ.

אינ סאמע ברענ פונ פאשיסטישנ טעראָר האָט מיכ „מײַנ" געס-טאפּאָוועצ אָפּגעפירט אינ כראניק. דער יונ-אָוונט האָט געשמעקט מיט לינדנ-ביימער און מיט אָפּבליִענדיקע אקאציעס. ס'איז געווענ זונטיק. דער שאָסיי, וואָס פירט צומ ענד-אָפּשטעל פונ טראמוויי, האָט ניט גע-קאָנט ארײַננעמענ אינ זיכ דעמ אײַלנדיקנ שטראָמ מענטשנ, וואָס קערנ זיכ אומ אינ שטאָט ארײַנ פונ שפּאציר. זיי האָבנ געטומלט, פרײלעכע, גליקלעכ אײַנגעמידטע פונ דער זונ, פונעמ וואסער, פונ די קושנ פונ זייערע געליבטע; דעמ טויט, וואָס לויערט אפ זיי יעדע רע-

גע, קלײַבט אויס יעדעס מאָל נײַע קאָרבאָנעס, האָב איך פאר זייערע פענעמער ניט געזען. פונקט ווי קראָליקעס, האָבן זיי געהאוועט און געשפרונגען, פריילעכע און קאָמישע. אקוראט ווי קראָליקעס! ווען זאָלסט א כאפ טאָן און ארויסשלעפן איינעם פון זיי, — וועלן די איי־בעריקע זיך צונויפשטופן אין איין קנויל ערגעץ אין א ווינקעלע, און אין א ווײַלע ארום, דערלאנגסט א קוק, זיי טומלען זיך שוין אפסנײַ, ווידער האווען זיי און קוועלן אָן פונעם לעבן.

פון דער טפיסע, וואָס איז אָפגעצאמט פון דער וועלט מיט א הוי־כער וואנט, בין איך איינעם רוישיקן מענטשלעכן שטראָם ארײַנגעפאלן אזוי אומגעריכט, אז טכילעס איז מיר געוואָרן ביטער אפן הארצן, ווען איך האָב דערזען אָט דאָס זאָרגלאָזע גליק.

אָבער איך בין געווען אומגערעכט, אבסאָליוט אומגערעכט.

ווײַל דאָס לעבן, וואָס איך האָב דערזען, איז דאָך סאָפקאָלסאָף געווען פונקט דאָס זעלבע, ווי בא אונדז אין טורמע: א לעבן אונטער א שווערן דרוק, א לעבן, וואָס מע סטארעט זיך עס דערשטיקן און פארניכטן אין איין אָרט, און דאָס רײַסט זיך אדורך מיט טויזנטער שפראָצונגען אין א צווייט אָרט, א לעבן, וואָס איז שטארקער פארן טויט. טאָ וואָס זשע איז פאראן דערין ביטערס?

און צי זײַנען דען מיר, די אײַנוווינער פון די קאמערן, וואָס לעבן אין דער אומיטלבארסטער שכיינעס מיטן טויט, געמאכט פון אן אנדער טייג?

אמאָל פלעגט טרעפן, אז אונטערוועגס צום פארהער פלעגט די וואך זיך אופירן מער־ווייניקער פריידלעך. דורכן פענצטערל האָב איך געקענט זען גאסן, וויטרינעס פון מאגאזינען, פרויען. איינמאָל האָב איך א טראכט געטאָן: אויב כ'וועל אפן וועג דערזען נײַן פאָר שיינע פיסלעך, איז דאָס א סימן, אז כ'וועל זיך אומקערן פון פארהער א לעבעדיקער. און איך האָב געציילט, באטראכט, פארגליכן, אופ־מערקזאם שטודירט די ליניעס פון די פיס, באגײַסטיקט אָדער ניט בא־

גיטיקט, מיט אנ עכטנ אזארט אונ גאָר ניט דערפאר, ווײַל דערפונ איז געווענ אָפּהענגיק מײַנ לעבנ.

געוויינלעכ פלעג איכ זיכ אומקערנ אינ קאמער שפעט. דער טאַטעשי פּעשעק פלעגט שוינ אָנהויבנ מוירע האָבנ, אז כ'וועל זיכ אינגאנצנ ניט אומקערנ. ער פלעגט מיכ ארומנעמענ, איכ פלעג קורצ דערציילנ די לעצטע נײַעס, מיטיילנ, וועמענ נאָכ מע האָט געשאָסנ נעכטנ, דערנאָכ פלעגנ מיר מיט אפּעטיט אופעסנ די וועטשערע פונ עקלדיקע טרוקענע גריבס, פלעגנ אָנהייבנ זינגענ א פרייילעכע ליד אָדער מיט אקשאָנעס ביז דול ווערנ שפּילנ אינ בייגדלעכ. דאפּקע אינ יענע אָוונטיקע שאָענ, ווענ א ליארדע רעגנ האָט די טיר פונ אונדזער קאמער זיכ געקאָנט אנ עפנ טאָנ אונ דער שאָליעכ פונ טויט האָט געקאָנט א קאָמאנדעווע טאָג אייגעם פונ אונדז:

— אראָפּ אפּ אונטנ! מיט די זאכנ! איינס אונ צוויי!

אונדז פלעגט מענ אָבער ניט אויסרופנ. מיר זײַנענ געבליבנ גאנצ אינ אָט דער שרעקלעכער צײַט. אצינד, דערמאָנענדיק זיכ אָנ איר, כידעשנ מיר זיכ אפּ זיכ אליינ. ווי וואונדערבאר דער מענטש איז באַשאפנ, אז ער קענ אריבערטראָגנ דאָס סאמע אומדערטרעגלעכע!

די דאָזיקע מינוטנ האָבנ געמוזט, פארשטייט זיכ, לאָזנ אינ אונדז טיפע שפורנ. מיסטאמע ליגט דאָס אלצ פארבאהאלטנ אינ א װעלכנ ניט־איז קנייטש אינעמ מויעכ, ווי א צונויפגעוויקלטע קינאָ־סטענגע, וועלכע וואָלט אָנגעהויבנ מיט א ווילדער שנעלקײַט זיכ פאנאנדערוויקלענ אינ אייִנעמ א טאָג פונ ווירקלעכנ לעבנ, אויב מיר וואָלטנ דערלעבט ביז אָט דעמ טאָג. עפשער וואָלטנ מיר אָבער דערזענ אפּנ עקראַנ נאָר אנ אומגעהייערנ, אינגאנצנ אינ גריבס אײַנגעטונקענעמ בעסוילעמ, ווו ס'זײַנענ פארזייט טײַערסטע זוימענ.

די טײַערסטע זוימענ, וואָס וועלנ אופגיינ!

קאַפּיטל VII

מענטשן און מאַריאָנעטקעס !!

(פאַנקראַץ)

די טורמע פירט צוויי לעבנס. איין לעבן קומט פאָר אין פאַר־שפאַרטע קאַמערן, עס איז זאָרגזאַם איזאָלירט פון דער גאַנצער וועלט און איז פונדעסטוועגן פאַרבונדן מיט איר אויפן ענגסטן אופן, אַף וויפל דאָס איז שייעך די פּאָליטישע אַרעסטירטע. דאָס צווייטע לעבן פליסט פון יענער זײַט קאַמערן, אין די לאַנגע קאָרידאָרן, ענגע און פינצטערע; דאָס איז אַ וועלט, אַ פאַרשלאָסענע אין זיך, אַ פאַרצווי־גטע אין אַ מונדיר, אַ וועלט, וואָס איז איזאָלירט מער איידער יענע, וועלכע איז פאַרשפאַרט אין די קאַמערן, — אַ וועלט פון אַ שלאַג מאַריאָנעטקעס און געצוילטע מענטשלעכע באַשעפענישן. אָט וועגן דער וועלט וויל איך טאַקע דערציילן.

די דאָזיקע וועלט פאַרמאָגט זיך איר אייגענע פיזיאָלאָגיע. און איר אייגענע געשיכטע. אַנדערש וואָלט איך זי ניט געקאָנט דערקענען טיפער. איך וואָלט געקענט בלויז די דעקאָראַציע, וואָס איז געווענדט צו אונדז, בלויז איר אויבערפלאַך, וואָס לויטן אויסזען איז זי פעסט און גאַנץ און דריקט מיט איר אײַזערנעם יאָך אַף די אײַנוווינער פון די קאַמערן. אַזוי איז עס געווען מיט אַ יאָר, אַפילו מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק. איצט איז די אויבערפלאַך באַדעקט מיט שפּאַלטן, און דורך

די שפאלטן זעען זיך ארויס פענעמער — נישטיקע, פארזאָרגטע, קאָ־
מישע, מיט איין וואָרט, די סאמע פארשיידענע, אָבער זיי דריקן
שטענדיק אויס דעם מעהוס זייערן. דער רעזשים פון אונטערדריקונג
האָט ארופגעלייגט זיין שטעמפל אויך אף די באוווינער פון אָט דער
פינצטערער וועלט, אויסטיילנדיק אלץ, וואָס איז כאָטש א קאפעלע
העלער פונעם אלגעמיינעם פאָן. אייניקע טיילן זיך אויס קוים צו
באמערקן, אנדערע, בא נעענטערער באקאנטשאפט, מערער; אויך
צווישן זיי זיינען פאראן פארשיידענע טיפן. מע קען געפינען אפילע
עמעסע מענטשן. אף צו העלפן אנדערע האָבן זיי ניט געווארט, ביז
זיי אליין וועלן אריינפאלן אין א צאָרע.

די טורמע איז ניט קיין איבעריקס פריילעכער אנשטאלט. אָבער
די וועלט מיכוץ די קאמערן איז מאָרעשכוירעדיקער איידער די, וואָס
אין די קאמערן. אין די קאמערן לעבט א קאָלעקטיוו, און נאָך וואָס
פאר א קאָלעקטיוו! אזעלכע קאָלעקטיוון קומען אוף אפן פראָנט, ווען
מענטשן דראָעט א שטענדיקע געפאר, ווען הייגט ראטעוועט א כא־
ווער דיין לעבן, און מאָרגן ראטעוועסטו אים. באם עקזיסטירנדיקן
רעזשים קען צווישן די אופזעער די דייטשן קיין פריינטשאפט ניט
געמאָלט זיין. ס'איז אויסגעשלאָסן. זיי לעבן אין אן אטמאָספער פון
פאראט, פון נאָכשפירונג, פון מעסירעס. יעדער איינער היט זיך פאר
זיינע דינסטקאָלעגן, וועמען ער רופט אָן אָפיציעל „קאמעראדען“;
די בעסטע צווישן זיי, די, וואָס קענען ניט און ווילן ניט באגיין זיך אָן
פריינט, זוכן פריינט... אין די קאמערן.

מיר האָבן א לאנגע צייט ניט געוווּסט די נעמען פון די אופזעער.
דאָס האָט אָבער ניט געהאט קיין באדייטונג. צווישן זיך פלעגן מיר
זיי אָנרופן מיט צונעמענישן, וואָס מיר אָדער די, וואָס זיינען
געזעסן פאר אונדז, האָבן זיי געגעבן און וואָס גייען איבער בעיערו־
שע. פאראן אזעלכע, וואָס האָבן אזויפיל צונעמענישן, וויפיל ס'איז דאָ
קאמערן אין טורמע; דאָס זיינען דינסטלייט, „ניט פליישיקס, ניט

מילכיקס" — דאָ גיט ער א הויסאָפּע צום ווארעמעס, דאָרט פּאָרט ער ארײַנ אינ באָק ארײַנ; סײַ דאָס סײַ יענץ זײַנענ צופעליקע פאקטנ, פונדעסטוועגנ פארבלײַבנ זיי אָפּ לאנג אינ זיקאָרנ בא דער קאמער און שאפנ אנ אײַנזײַטיקע פאָרשטעלונג און אנ אײַנזײַטיקע צונעמעניש. אנדערע באקומענ אנ אלציינע צונעמעניש אינ אלע קאמערנ. בא אזוי־נע איז דער כאראקטער קלאָר אויסגעדריקט. דאָס אָדער יענץ. אינ א גוטער אָדער אינ א שלעכטער זײַט.

קוקט זיך צו צו די טיפּנ! קוקט זיך צו צו די פיגורלעך! ווײַל מע האָט דאָך זיי צונויפגענומענ ניט צופעליק. דאָס איז דאָך א טייל פונ דער פּאָליטישער ארמיי פונעם נאציזם. אויסדערוויילטע. די זײַלנ פונעם רעזשים. דער אָנשפּאר פונ דער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג...

„דער סאמאריטער"

א הויכער פּעמפּיק רעדט מיט א טענאָרל; דער „עסעס־רעזער־וויסט" רייס, א שול־וועכטער פונ קעלנ. ווי אלע, וואָס דינענ אינ דײַטשישע שולנ, האָט ער דורכגעמאכט א קורס פונ ערשטער הילפ און פארבײַט אמאָל דעם טורמע־פעלדשער. ער איז געווענ דער ערשטער פונ די אופיזער, מיט וועמענ כ'האָב זיך דאָ באקאנט. דאָס האָט ער מיך ארײַנגעשלעפּט אינ קאמער, באטראכט די וווּנדנ, ארופגעלייגט קאָמפּרעסנ. ווער ווייסט, עפּשער האָט ער טאקע אײַנגעהיט מיר דאָס לעבנ. אָבער וואָס האָט זיך דערינ אנטפּלעקט: צי דער מענטש צי די סאניטארע קורסנ? דאָס ווייס איך ניט. אָבער אינ אים פלעגט זיך אנטפּלעקנ א פארברעכער נאציסט, ווענ ער פלעגט אויסהאקנ ציינ ארעסטירטע ייִדנ און צווינגענ זיי אראָפּשלינגענ א פולנ לעפל זאלצ אָדער זאמד אלס אנ אוניווערסאלנ מיטל קעגנ אלע קראנקייטנ.

„דער מילנער"

א גוטמוטיקער יאט, א פלוידערזאק, אליינ א פורמאנ בא דער בודייאָוויצער ביר־ברויערײַ, מיטנ נאָמענ פאביאנ. ער פלעגט אריינגיינ אינ קאמער מיט א ברייטנ שמייכל אפנ פאָנעמ, פלעגט ברענגענ די ארעסטירטע עסנ, האָט זיכ קיינמאָל ניט געשלאָגנ. עס האָט געמוזט אוועק א שטיקל צײַט, איידער מע האָט אָנגעהויבנ גלייבנ, אז ער שטייט שאָענלאנג הינטער דער טיר, הערט אונטער די שמועסנ פונ די ארעסטירטע אונ מאסערט פאר א מינדסטע קלייניקײַט.

קאָקלאר

אויכ אנ ארבעטער אונ אויכ פונ דער בודייאָוויצער ביר־ברויערײַ. דאָ זײַנענ דאָ א סאכ דײַטשישע ארבעטער פונ די סודעטנ. „עס האנדלט זיכ ניט וועגנ דעמ, אינ וואָס עס זעט זײַנ ציל אינעמ געגעבענעמ מאָמענט דער איינצלנער פראָלעטאריער צי אפילע דער גאנצער פראָלעטאריאט, — האָט אמאָל געשריבנ מארקס. — עס האנדלט זיכ אינ דעמ, וואָס איז אזוינס דער פראָלעטאריאט אונ וואָס וועט ער, אנטשפרעכיק דעמ האָזיקנ זײַנ זײַנעמ, היסטאָריש געצווּנגענ זײַנ צו טאָנ". די, וואָס געפינענ זיכ דאָ, ווייסנ בעמעס גאָרניט וועגנ די אויפגאבנ פונ זייער קלאס. אָפגעריסנ פונ אימ, אקעגנגעשטעלט קעגנ אימ, הענגענ זיי אידייִש אינ דער לופטנ אונ וועלנ מיסטאמע הענגענ אויכ אינ בוכשטעבלעכנ זינענ פונעמ וואָרט.

ער איז געקומענ צומ נאציזמ, ריכטנדיק זיכ אפ א לײַכטער לעבנ. עס האָט זיכ אָבער אויסגעלאָזנ, אז ס'איז קאָמפליצירטער, איידער ער האָט זיכ פאָרגעשטעלט. דעמלט האָט ער זיכ אָפגעווינטשט צו לאכנ. ער האָט אויסגעשטעלט אפנ נאציזמ. האָט זיכ גאָר ארויסגעוויזנ, אז ס'איז א פערדל א פעגירע. דעמלט איז ער געוואָרנ גאָר אויסער

זיכ. באנאכט, ארומשפאנענדיק אינ די ווייכע שטעקשיכ איבער די קארידארנ, פלעגט ער איבערלאזנ אפ די פארשטויבטע אבאזשורנ שפורנ פונ זײַנע טריבע געדאנקענ:

— אלצ איז אינ דער פארגאנגענהײַט, — האט ער פאעטיש גע־שריבנ מיטנ פינגער און האט זיכ גענומענ פארטראכטנ וועגנ זעלבסט־מארד.

באטאג כאפנ פונ אימ ארײַנ סײַ די ארעסטירטע סײַ זײַנע דינסט־קאלעגנ, ער שרײַט מיט א קוויטשיק קעלכל, שרײַט, קעדיי ס'זאל ניט זײַנ אזוי שרעקלעכ.

רעסלער

א דארער דראנג, מיט א גראבער באסאווער שטימ, איז ער איינער פונ די וויבציקע, וואס זײַנען פעיק אופריכטיק פאנאנדערלאכנ זיכ. ער איז אנ ארבעטער, א טעקסטילער פונ יאבלאנעצ. ער קומט ארײַנ אינ קאמער און פירט דארט שאענלאנג וויכוחימ.

— ווּאזוי איכ בינ דערצו געקומענ? איכ האב צענ יאר צײַט ניט געארבעט, ווי ס'געהער צו זײַנ. און מיט צוואנציק קראנ א וואכ אפ א גאנצער פאמיליע — פארשטייסט אלײנ, — וואס פאר א לעבנ איז עס? און דא קומענ זיי און זאגנ: מירנ דיר געבנ ארבעט, קומ צו אונדז. בינ איכ אוועק. מײַלע, ארבעט האט מענ מיר געגעבנ. מיר און אלע אנדערע. כ'בינ זאט. כ'האב א דאכ איבערנ קאפ. מע קענ לעבנ. סאציאליזמ? גיי שוינ, גיי, אזוינס איז ניטא. כ'האב, פאר־שטייט זיכ, פארגעשטעלט זיכ אלצ גאר אנדערש. אבער אזוי איז פונ־דעסטוועגנ בעסער איידער פריער.

— וואס? מילכאמע? קיינ מילכאמע האב איכ ניט געוואלט. כ'האב ניט געוואלט, מענטשנ זאלנ שטארבנ. כ'האב נאר געוואלט אלײנ לעבנ.

— איכ העלפ זיי? וואס זשע בלײַבט מיר איבער צו טאנ? שוינ

זשע קריוודע איכ דאָ עמעצנ? וועל איכ אוועק — וועלנ קומענ אנדערע, ערגערע פונ מיר. דערמיט וועל איכ קיינעמ ניט העלפנ? מיילע, לאָז זיכ ענדיקנ די מילכאָמע, וועל איכ זיכ אומקערנ אפ דער פאבריק...

— ווי מיינסטו, ווער וועט געווינענ דעמ קריג? ניט מיר? הייסט עס, אז איר? אונ וואָס וועט זײַנ מיט אונדז?

— א סאָפ? א שאָד! איכ האָב געמיינט, אז ס'וועט זיכ אויס־לאָזנ אנדערש, — אונ ער גייט ארויס פונ קאמער, שלעפנדיק זײַנע לאנגע פיס.

אינ א האלבער שאָ ארומ קערט ער זיכ אומ מיט א שײַלע, ווי איז עס דאָרט, איינגנטליכ, אלצ אײַנגעאָרדנט אינעמ סאָוועטנ־פארבאנד.

„אָט דאָס"

איינמאָל אינ דער פרי האָבנ מיר געוואַרט אונטנ, אינעמ הויפּט־קאָרידאָר פונ פאנקראצ, אז מע זאָל אונדז אָפּשיקנ אפנ פארהער אינ פעטשעק־פאלאצ. מע פלעגט אונדז שטענדיק שטעלנ מיטנ פּאָנעמ צו דער וואנט, קעדיי מיר זאָלנ ניט זענ, וואָס עס טוט זיכ הינטער אונדז. מיטאמאָל האָט זיכ הינטערנ רוקנ בא אונדז דערהערט אנ אומבאקאנטע שטימ:

— כ'וויל קיינ זאכ ניט זענ, כ'וויל קיינ זאכ ניט הערנ! איר קענט מיכ נאָכ ניט, איר וועט מיכ ערשט דערקענענ!

מיר האָט זיכ פארגלוסט לאכנ. בא דער היגער מושטערײַ זײַנענ די ווערטער פונעמ נארישעוואטנ אויבער־לייטענאנט דוב פונ „שווייקנ" געווענ זייער צומ אָרט. אָבער ביז איצט האָט קיינער ניט געפּויעלט בא זיכ ארויסצורייד זיי אפ א קאָל, אז אלע זאָלנ הערנ. א שטויס מיצאד א מער געניטנ שאָמער האָט מיכ אָפּגעהאלטנ פונ געלעכטער, פארהיט מיכ פונ א טאָעס אונ האָט מיר געגעבנ צו פארשטיינ, אז די

ווערטער זײַנען, אַפּאָניעם, געזאָגט געוואָרן גאָר ערנסט. דאָס איז ניט געווען קיין שפּאַס. לאַכלותן ניט.

און אַרויסגערעדט האָט עס אַ קלײנער נעפּעש אין אַן עסעסישער אוניפֿאָרם, אַ נעפּעש, וואָס האָט וועגן שווייקן קיין מינדסטע האָסאַגע ניט. דער דאָזיקער נעפּעש האָט ציטירט דעם אָבער־לייטענאַנט דוב, ווײַל דאָס איז געווען אַ גײַסטיקער קאָרעוו זײַנער. דער נעפּעש פֿלעגט זיך אָפּרופֿן אַף דער פֿאַמיליע וויטאַן און האָט אַמאָל געדינט אַלס וויצע־פֿעלדפֿעבל אין דער טשעכאָסלאָוואַקישער אַרמיי. דער נעפּעש האָט געזאָגט אַן עמעס. מיר האָבן אים טאַקע אין דער עמעסן דער־קענט און גערעדט וועגן אים ניט אַנדערש, ווי אין דריטן מין: „אָט דאָס". דעם עמעס גערעדט, האָט זיך אונדזער פֿאַנטאַזיע שוין געהאַט אויסגעשעפּט, זוכנדיק אַ טרעפֿלעכע צונעמעניש פֿאַר אָט דעם גע־מיש פֿון נישטיקייט, טעמפּקייט, מושטערײַ און אַכזאָריעס, וואָס פֿון זיי זײַנען באַשטאַנען די ווינקלשטיינער פֿונעם פֿאַנקראַצער רעזשים.

„אַ כאַזערל ביזן עק", — זאָגט אַ טשעכיש גלײַכווערטל וועגן אַזוינע קלײנע און פֿאַריסענע קאַריעריסטלעך; און דאָס טרעפֿט זיי אין סאַמע פּינטל. וויפֿל גײַסטיקע נישטיקייט דאַרף מען פֿאַרמאָגן, קעדיי צו אויסעסן זיך דאָס האַרץ צוליבן קלײנעם וווקס! און וויטאַן עסט זיך אויף לעבעדיקערהייט און איז זיך נוקעם דערפֿאַר אָן אַלע, וואָס שטייען העכער פֿון אים פֿיזיש אָדער גײַסטיק, דאָס הייסט אַב־סאָליוט אָן אַלעמען.

ער שלאָגט ניט קיינעם. דערצו איז ער אַ צו גרויסער פּאַכדן. דערפֿאַר אָבער שפּיאָנירט ער. וויפֿל אַרעסטירטע האָבן באַצאָלט מיטן געזונט און מיטן לעבן צוליב וויטאַנס מעסירעס, — ס'איז דאָך ווײַט ניט אַלצייִנס, מיט וואָס פֿאַר אַ כאַראַקטעריסטיק מע וועט זיך אָפּשיקן פֿון פֿאַנקראַץ אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער, אָדער צי מע וועט זיך בכלל אָפּשיקן.

ער איז זייער קאָמיש. ווען ער איז אַלײן אין קאָרידאָר, גייט ער

אַרום זייער פײַערלעך און כאַליד און שטעלט זיך פֿאַר, אַז ער איז מי־יעדייע וואָס פֿאַר אַ סראַרע. אָבער ווי נאָר ער באַגעגנט עמעצן, פֿילט ער טייקעף אַ באַדערפֿעניש צוגעבן זיך אַ ביסל ווּקס. אויב ער פֿרעגט אײַך וועגן עפּעס, זעצט ער זיך אומבאַדינגט אַרויף אַפּ די פּאַרענטשעס און איז קאַפּאַבל אָפּזיצן אין אַזאַ אומבאַקוועמער פּאָזע אַ גאַנצע שעה, ווײַל אַזוי איז ער העכער פֿון אײַך אַפּ אַ גאַנצן קאָפּ. אויב ער איז דאָ דערבײַ, ווי מע גאָלט די געפֿאַנגענע, שטעלט ער זיך אַוועק אַפּ אַ טרעפּל אָדער קריכט אַרויף אַפּ אַ באַנק, און פֿון דאָרטן רעדט ער אַרויס זײַן שטענדיקן שפּרוך:

— כ'וויל קיין זאַך ניט זען, כ'וויל קיין זאַך ניט הערן! איר קענט מיך ניט...

אין דער פֿרי, בײַסן שפּאַציר, שפּאַנט ער אַרום איבערן גראָז, וואָס מאַכט אים העכער אַפּ צען סאַנטימעטער. ווען ער שטעלט זיך אַרײַן אין די קאַמערן, בלאָזט ער פֿון זיך, פּונקט ווי אַ פֿאַרשוין פֿון קיניגלעכן ייִכעס, און קריכט טייקעף אַרויף אַפּ אַ טאַבורעט, כּדי דורכצופֿירן דעם אַפּעל פֿון אַן אייבערשטן יאַרום.

ער איז זייער קאָמיש, אָבער ווי יעדער שוטה, וואָס פֿאַרמאָגט מאַכט און וואָס פֿון אים הענגען אָפּ מענטשלעכע לעבנס, איז ער נאָך דערצו זייער געפֿערלעך. מאַכמעס זײַן באַגרענעצטקײַט קען ער מאַכן פֿון אַ פֿליג אַ העלפֿאַנד. ער ווייסט קיין זאַך ניט, כּוץ די היסכײַוועס פֿון אַ קייט־הונט, און דעריבער זעט ער אײַן אין יעטווידער מינהסטן „כעט“. וואָס רירט אָן דעם אײַנגעשטעלטן סײַדער, עפּעס גוואַלדיק וויכטיקס, וואָס אַנטשפּרעכט דער גרויסער באַדײַטונג פֿון זײַן מיסיע. ער טראַכט אויס קאָלעריי כאַטאָים און פֿאַרברעכנס קעגן דער אײַנגעשטעלטער דיסציפּלין, כּדי רויק אײַנצושלאָפֿן מיטן געדאַנק, אַז ער האָט אויך אַ שטיקל באַדײַטונג. און ווער וועט עס דאָ גיין קאָנטראָלירן, וויפֿל עמעס ס'איז פֿאַראַן אין זײַנע מעסירעס?

סמעטאָנס

א מעכטיקער גופ, א טעמפּ פּאָנעם, א פוסטער בליק — פונקט **ווי פאר אונדזערע אויגנ וואָלט אופגעלעבט גראָס' א קאריקאטור** אפ די נאציסטישע כעוורע-לײַט. ער האָט געמאָלט בעהיימעס ער־געצ בײַ דער ליטווישער גרענעצ, אָבער, א מאָדנע זאַכ, אָט דער וואונדערלעכ־גוטער באַלכײַ האָט אפ אימ קײנ האָר ניט געווירקט צומ גוטנ. בײַ נאַטשאַלסטווע האָט ער א שעמ ווי א פאַרקערפּערונג פונ „דײַטשישער טוגנד": ער איז אַנטשלאָסנ, פעסט, נעמט ניט קײנ באַ־באַר (אײנער פונ די ווינציקע, וואָס רײַסט ניט ארויס דעמ ביסנ בײַ די קאָרידאָר־וועכטער), אָבער...

עפּעס א דײַטשישער געלערנטער, כ'געדענק ניט גענוי ווער, האָט אמאָל אויסגעפאָרשט דעמ אינטעלעקט פונ כײַעס, צײלנדיק די צאָל „ווערטער", וואָס זײ קענענ פאַרשטײנ. דערבײַ האָט ער, דוכט זיכ, געהאַט פעסטגעשטעלט, אַז דעמ סאַמע נידעריקנ אינטעלעקט פאַר־מאָגט א קאַצ, וואָס קענ פאַרשטײנ נאָר הונדערט אכט אונ צוואַנציק „ווערטער". איז אָט די קאַצ איז א געני אינ פאַרגלײַכ מיט סמעטאָנסנ, **פונ וועמענ די פאנקראצער טורמע האָט געהערט בלויז פיר ווערטער:**

Pass вloss auf, mensch! [1]

אימ פלעגט אויסקומענ צוויי־דרײַ מאָל א וואָכ איבערגעבנ זײַנ דעזשורסטווע, יעדעס מאָל פלעגט ער שרעקלעכ סאָפּענ, אונ פונ־דעסטוועגנ פלעגט זיכ עס טאָמיד אויסלאָזנ פּאַסקודנע. אײנמאָל האָט זיכ דער טורמע־אופזעער צעבײזערט אפ אימ, לעמײַ זײַנענ פאַרמאַכט די פענצטער, אונ האָט באַפוילנ זײ עפענענ. דער באַרג פלײש האָט א ווײַלע צעטומלט געדרײט זיכ אפ די קורצע פיס, טעמפּ געגלאָצט מיט די אויגנ צומ דיל, די ליפּנ האָבנ זיכ קאָנוווּלסיוו געקרימט, אומזיסט געסטאַרעט זיכ איבערצוכאַזערנ דאָס, וואָס עס האָבנ גע־

1 היט זיכ, דו! (דײַטש.)

הערט די אויערנ... אונ מיטאמאָל האָט דער בארג פלייש זיכ צע־רעוועט, ווי א סירענע; אינ אַלע קאָרידאָרנ האָט זיכ אויפגעהויבנ א מעהומע, קיינער האָט קיינ זאַכ ניט געקאָנט פאַרשטיינ. די פענצטער האָט מענ טאַקע ניט אויפגעעפנט, אָבער בא צוויי אַרעסטירטע, וואָס זײַנענ צופעליק אונטערגעקומענ סמעטאַנסנ אונטער דער האַנט, האָט גענומענ גיינ בלוט פונ דער נאָז. אונ אויסוועג איז געפונענ געוואָרנ.

א געווײנלעכער אויסוועג. שלאָגנ, שלאָגנ בא יעדער געלעגנהייט. אונ אז מע דאַרפ, איז טאַקע אפ טויט, — דאָס האָט ער פאַרשטאַנענ. אונ נאָר דאָס. אייַנמאָל איז ער אַרײַנ אינ אַנ אַלגעמיינער קאַמער אונ האָט א זעצ געטאָנ איינעם אַנ אַרעסטירטנ; יענער, א קראַנקער מענטש, איז געפאַלנ אפ דער ערד אינ קאַנוווּלסיעס; דעמלט האָבנ אַלע איבעריקע געמוזט אַראָפּזעצנ זיכ אונ אויפהייבנ זיכ אינ טאַקט מיט זײַנע קאַנוווּלסיעס, ביז דער קראַנקער איז ניט געבליבנ ליגנ שטיל. אונ סמעטאַנס, מיט די הענט פידנאָקעמ, האָט מיט אַנ אידיאָטיש שמייכעלע זיכ צוגעקוקט אונ אָנגעקוואָלנ: ווי קונציק ער האָט עס געלייזט אַזא קאָמפּליצירטע סיטואַציע.

א פרימיטיווע בריע, וואָס האָט פונ אַלעמ, וואָס מע האָט אימ געלערנט, פאַרגעדענקט בלויז איינס: מע מעג שלאָגנ!

אונ פונדעסטוועגנ אַפילע אינ אַזא מינ בריע האָט עפּעס ווי אָנגעבראָכנ זיכ. געשענ איז עס אומגעפער מיט א כוידעש צוריק. אינ דער טורמע־קאַנצעלאַריע זײַנענ געזעסנ אינצווייענ סמעטאַנס אונ ק. ק. האָט דערציילט וועגנ דער פּאָליטישער לאַגע. לאַנג איז אויסגעקומענ צו רייִדנ, ביז סמעטאַנס האָט כאָטש א ביסל אָנגעהויבנ פאַרנאַנדערצוקלײַבנ זיכ אינ דער פראַגע. ער איז אויפגעשטאַנענ, האָט אויפגעעפנט די טיר פונ דער קאַנצעלאַריע, האָט אויפמערקזאַמ באַטראַכט דעמ קאָרידאָר; אומעטומ איז שטיל, ס'איז נאַכט, די טיפסע שלאָפט. ער האָט צוגעמאַכט אונ זאָרגזאַמ פאַרשפּאַרט הינטער זיכ די טיר, דערנאָכ פאַמעלעכ זיכ אַראָפּגעלאָזט אפנ שטול:

— אז־זוי טראַכסטו?..

ער האָט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט ביידע הענט. אַפּ דעם שוואַכינקנ געשאָמעלע אינ דעמ מעכטיקנ גופ האָט זיכ אַרופגעוואַלגערט א מאַסע, איבער די קויכעס. ער איז לאַנג געזעסנ אינ דער זעלבער פּאָזע. דערנאָכ האָט ער אופגעהויבנ דעם קאָפּ אונ א זאָג געטאָנ פאַרומערט:

— וויַזט אויס, אז־זוי. מיר וועלנ שוינ ניט געווינענ...

שוינ א כוידעש צייַט הערט ניט פאַנקראַצ מער סמעטאַנס קריי־געריש געוואַלדנ. אונ די נייַע געפאַנגענע ווייסנ ניט, ווי שווער ס׳איז זייַנ האַנט.

דער אופזוער

קלייַנוווּקסיק, טאָמיד עלעגאַנט אָנגעטאָנ, — אינ ציווילנ, צי אינ דער אוניפאָרמ פונ אַנ אונטער־שטורעמפירער, — אויסערלעכ אָנ־שטענדיק, צופרידנ מיט זיכ אַליינ, האָט האָלט הינט, יאַגד אונ פרויענ. דאָס איז איינ זייַט פונ זייַנ צווייאַקישנ מעהוס, א זייַט, וואָס גייט אונדז ניט אָנ.

די צווייטע זייַט (אונ אלס אזא קענ אימ פאַנקראַצ) — א גראָבער נעפעש, אָנ א הארצ, א טיפּישער אופגעקומענער נאַציסטישער אמהאָ־רעצ, גרייט אומצוברענגענ א ליאַדע וועמענ, אבי נאָר אַליינ בלייַבנ גאַנצ. זייַנ פאַמיליע איז סאָפּא (טאָמער איז ניטיק זי צו פאַרריי־ביקנ), שטאַמענ שטאַמט ער פונ פוילנ. מע זאָגט, ער האָט זיכ גע־לערנט שמידערייַ, נאָר אָט דער בעקאַוועדיקער פאַכ האָט אָפּ אימ ניט איבערגעלאָזט קיינ מינדסטנ שפּור. באַ די היטלעריסטנ דינט ער שוינ לאַנג, אונ פאַר זייַנע פאַרדינסטנ אלס פּאַרוואַל־אַגיטאַטאָר האָט ער באַקומענ זייַנ איצטיקע שטעלע. ער קלאַמערט זיכ אָנ איר מיט אַלע קויכעס אונ שאַנעוועט קיינעמ ניט: ניט קיינ אַרעסטירטע, ניט קיינ באַאַמטע, ניט קיינ קינדער, ניט קיינ אַלטע לייַט. די פאַנקראַ־

צער נאציסטן זיינען ניט שטארק באפריינדעט צווישן זיך, אָבער סאָפּא האָט אין דעם פראנט געשלאָגן א רעקאָרד. דער איינציקער מענטש, וועמען ער שעצט, אפּאָניעם, און ווער ס'איז אמאָל זוכע צו כאפּן מיט אים א שמועס, — דאָס איז דער טורמע־פעלדשער, דער פּאָ־ליציי־פעלדפעבל וויסנער. נאָר, דוכט זיך, אז וויסנער האָט דערפון קנאפּ האנאָע.

סאָפּא באמערקט בלויז זיך אליין. ווייל דאָס ליגט אים פערזענ־לעך, האָט ער געזען צו באקומען אָט די שטעלע זיינע; ווייל דאָס ליגט אים פערזענלעך, וועט ער בלייבן טריי דעם נאציזם ביז דער לעצטער מינוט. א סוואָרע, אז ער איינער טראכט ניט וועגן עפּעס אן אויסוועג. ער פארשטייט, אז קיין אויסוועג איז ניטאָ. דער קראך פונעם נאציזם באטייט אויך זיין קראך, א סאָף צו זיין וווילזיין, א סאָף צו זיין פרעכטיקער דירע און צו זיין עלעגאנטן אויסזען (אגעוו, מיעסט ער זיך ניט מיט די מאלבושים פון דערמאָרדעטע טשעכן).

א סאָף! יאָ.

דער טורמע־פעלדשער

דער פּאָליציי־פעלדפעבל וויסנער — דאָס איז א פיגורל אן אייגנארטיקס. צומאָל קאָן זיך דוכטן, אז ער פאסט זיך גאָר ניט צו פאנקראץ, און אן אנדערש מאָל קאָן מען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן פאנקראץ אָן וויסנערן. דעמלט וועגן וויסנער איז ניט אין אפּטייק, שפּאנט ער ארום איבער די קאָרידאָרן מיט הריבנע ניט־זיכערע טריט־לעך, טיינעט צו זיך אליין און קוקט זיך יעדע ריגע אום אף אלע זייטן. ער זעט אויס פּונקט ווי א צופעליקער באזוכער פון דער טור־מע, וואָס וואָלט וועלן דאָ באקומען וואָס מערער איינדרוקן. אָבער ער קען פּונקט אזוי גיך און שטיל ארייננשטעקן דעם שליסל אין שלאָס־לאָך און אופעפענען די טיר אין קאמער ארייַן, ווי דער סאמע גענוי־

טער טורעמוועכטער. ער פֿאַרמאָגט אַ ביסל הומאָר, וואָס דער־לויבט אים רײדן אַזױנע זאַכן, װעלכע זײַנען פֿול מיט אָנצוהערענישן, און דערבײַ אַזוי, אַז באַם וואָרט וועסטו אים ניט כאַפּן. ער ווייסט ווי צו צוגיין צו מענטשן, אָבער צו זיך לאָזט ער קיינעם ניט צו. ער מאַסערט ניט, כאָטש באַמערקן באַמערקט ער אַ סך. אָט גייט ער, אַ שטייגער, אַרײַן אין אַ קאַמער, פֿול מיט רויך, טוט הויך אַ שמאַרע מיט דער נאָז:

— הם, — און טוט אַ טשמאָקע מיט דער צונג, — רייכערן אין די קאַמערן, — ווידער אַ טשמאָקע מיט דער צונג, — איז שטרענג פֿאַרבאָטן.

אָבער נאַטשאַלסטווע וועט ער ניט מאַסערן. בײַ אים איז טאָמיד אַן אומגליקלעכע, פֿאַרקרימטע פּנים, ווי ער וואָלט געהאַט פֿון עמעצן אַגמאַס־נעפֿעש. ער וויל בעפֿיירעש ניט זײַן קיין שוטעף צום נאַ־ציסטישן רעזשים, וועלכן ער דינט און וועמענס קאָרבאָנעס ער גיט יעדן טאָג מעדיצינישע הילף. ער גלייבט ניט ניט אין דעם דאָזיקן רעזשים און ניט אין זײַן האַפֿט, פּונקט ווי ער האָט פֿריִער דערין ניט געגלייבט. דעריבער האָט ער ניט אַראָפּגעבראַכט קיין פּראָג זײַן פֿאַ־מיליע פֿון ברעסלאַו, כאָטש זעלטן וואָסער דײַטש וואָלט דורכלאָזן אַ געלעגנהייט מאַכן אַ לעבן מיט דער גאַנצער מישפּאָכע אַפֿן כעשבן פֿון אָקופּירטן לאַנד.

ער האָט אָבער אויך קיין שום שײַכעס ניט צו יענע מענטשן, וועלכע פֿירן אַ קאַמף קעגן דער „נײַער אָרדענונג"; ער איז זיי פֿרעמד.

ער האָט מיך געהיילט זאָרגזאַם און געוויסנהאַפֿטיק. אַזוי איז ער זיך נויהעג קימאַט שטענדיק. ער קען דערווידערן קעגן אָפּשיקן צום פֿאַרהער אַן אַרעסטירטן, וועלכער איז אָפּגעשוואַכט פֿון די פּײַניקונ־גען. מעגלעך, אַז דאָס טוט ער, קעדיי יויצע זײַן פֿאַרן געוויסן. נאָר אַמאָל גיט ער ניט קיין הילף דאָרט, וווּ זי איז אומבאַדינגט נייטיק. אַוואַדע אויס מוירע.

דאָס איז אַ באַלעבעסל, אַנ איינזאַמס, וואָס עס פּייניקט אימ די שרעק אי פֿאַר דער קעגנוואַרט אי פֿאַר דער צוקונפֿט. ער זוכט אַנ אויס־וועג און געפֿינט ניט. דאָס איז ניט קיינ שטשור. דאָס איז בלויז אַ פּיצל מייזעלע אינ אַ פּאַסטקע.

אינ אַ פּאַסטקע, פֿונוואַנענ ס'איז אוממעגלעכ זיכ אַרויסצודראַפּענ.

„פּלינק"

דאָס איז ניט פּאָשעט קיינ מאַריאָנעטקע. אָבער אויכ ניט קיינ מענטש. ניט אַהינ און ניט אַהער. ער פֿאַרשטייט ניט, אַז ער וואָלט געקאָנט ווערנ אַ מענטש.

איינגעטלעכ, זיינענ דאָ פֿאַראַנ צוויי אַזוינע. דאָס זיינענ פּאָשעטע מענטשנ; טכילעס, צעררודערט פֿונ די גרוילנ, וואָס האָבנ זיי אַרומגע־רינגלט, זיינענ זיי, ווי געפּלעפֿט געוואָרנ, דערנאָכ האָט זיכ זיי געוואָל־דיק פֿאַרגלוסט פֿונדאַנענ אַפּצוזיינ. נאָר זיי זיינענ ניט זעלבשטענדיק און דעריבער זוכנ זיי, גיכער אינסטינקטיוו, איידער באַוווסטזיניק, הילפֿ און אָנפֿירונג, וואָס זאָלנ זיי אַרויספֿירנ אַפֿ אַ גלייכנ וועג; זיי העלפֿנ אונדז, ווייל זיי וואַרטנ אַפֿ הילפֿ פֿונ אונדז.

אָט די צוויי זיינענ די איינציקע פֿונ אַלע פּאַנקראַצער דינטשנ, וואָס זיינענ געוועזנ אָפּנ פֿראָנט. דאָס זיינענ:

האַנאַוער — אַ שניידער פֿונ יונגווייז, ניט לאַנג אומגעקערט זיכ פֿונ נעמ מיזרעכ־פֿראָנט, — ער האָט זיכ בעקיוון אָפּגעפֿרוירנ די פֿיס. „ווער דאַרף זי האָבנ, די מילכאָמע, — פֿילאָסאָפֿירט ער אַ ביסל אַפֿ שווייקס אויפֿנ. — כ'האָב דאָרט ניט וואָס צו טאָנ".

העפֿער — אַ לוסטיקער שוסטער פֿונ באַטיס פֿאַבריק, האָט דורכ־געמאַכט די קאַמפּאַניע אינ פֿראַנקרייכ און האָט געוואָרפֿנ די מילי־טער־דינסט, כאָטש מע האָט אימ צוגעזאָגט אַ העכערנ ראַנג. „איי־

ס'עכ, Scheisse![1] ווערט א שמעק טאבעק!" — האָט ער גע-זאָגט אונ א מאכ געטאָנ מיט דער האנט, פונקט ווי ער מאכט איצט יעדנ טאָג אוועק מיט דער האנט אלע אומאָנגענעמלעכקייטנ, וואָס זיי-נענ בא אים פאראנ א היפש ביסל.

בא ביידנ[2] דער זעלבער גורל אונ די זעלבע שטימונגענ, אָבער העפער איז געוואָגטער אונ באדאכטער. קימאט אינ אלע קאמערנ רופט מענ אים „פלינק".

בייס ער דעזשורעט, איז עס פאר די קאמערנ עמעסער אָפרו. טו, וואָס דײַנ האַרצ גלוסט. טאָמער זידלט ער זיכ, גיט ער א פינטל מיט איינ אויג, דאָס באדײַט, אז מיט דער זידלערײַ איז ער אויסנ ניט אונדז, נאָר די נאטשאלסטווע, וואָס זיצט אונטנ אונ וואָס ער דארפ איר באווײַזנ זײַנ שטרענגקײַט. אגעוו, איז זײַנ טירכע אומזיסט: נאטשאלסטווע גלייבט אים ניט, אונ ס'גייט ניט אוועק קיינ וואָכ, ער זאָל ניט באשטראָפט ווערנ.

— אויס'עכ, Scheisse! — טוט ער א מאכ מיט דער האנט אונ טוט זיכ ווײַטער זינגענ. אונ ביכלאל, איז ער גיכער א לײַכטזיניקער יונגער שוסטער, איידער א טורמע-וועכטער. מע קענ אים פאקנ, ווי ער שפילט אינ מאטבייעס מיט די ארעסטירטע. אמאָל פירט ער ארויס די ארעסטירטע אינ קאָרידאָר ארײַנ אונ מאכט אינ קאמער אנ „אינטערזוכונג". די אונטערזוכונג דויערט עפעס צו לאנג. טאָמער וועט עס אײַכ ווערנ קאָשע, אונ איר וועט ארײַנקומענ אינ קאמער, וועט איר דערזענ, אז ער זיצט זיכ באם טיש, דעם קאָפ אָנ-געשפארט אפ די הענט. ער שלאָפט; ער שלאָפט פעסט אונ רויק; אזוי איז אים גרינגער פונ אלצ אויסצוהיטנ זיכ פונ נאטשאלסטווע, ווײַל די ארעסטירטע וועלנ שוינ וואָרענענ, טאָמער דראָעט א געפאר. אונ שלאָפנ מוז זיכ גלוסטנ, וויבאלד אינ די פרײַע שאָענ גייט אים

1 בוכשטעבלעכ: „טינעפ"; פיגורעל: „אפ קאפּאָרעס". (דײַטש.)

ניט אײנ קײנ שלאָפ: פאראנ א מײדל, װאָס קײנ בעסערס קענ גאָר ניט געמאָלט זײנ...

צי װעט זיגנ דער נאציזמ?

— איס'עכ, Scheisse! קענ דענ אױסהאלטנ אזא באלאגאנ?

ער האלט זיכ ניט פאר קײנ נאציסט. שױנ פאר דעמ אלײנ פארדינט ער אופמערקזאמקײט. נאָכ מער, ער װיל ניט זײנ מיט זײ. אונ ער איז ניט מיט זײ. מע דארפ איבערגעבנ א צעטעלע אינ א צװײטער אָפטײלונג? פארלאָזט זיכ שױנ אָפ „פלינקנ". מע דארפ עפּעס מיטײלנ אָפ דער פרײ? טאָ בעט „פלינקנ". מע דארפ זיכ מיט װעמענ־ניט־איז דורכרײדנ אױג־אָפ־אױג, אונטערהאלטנ אזא, װאָס װאקלט זיכ, אונ דאטעװענ אזױארומ נאָכ מענטשנ פונ א דורכפאל? װעט „פלינק" אײנ אָפפירנ צו אימ אינ קאמער ארײנ אונ װעט האלטנ װאכ מיט א מינע פונ א קונדעס, װאָס פרײט זיכ איבער א געראָטנ שפּיצל. ס'קומט אָפט אױס צו װארענענ אימ, ער זאָל זײנ געהיטער. ער פארשטײט ניט קײנ געפאר. ער באנעמט ניט דעמ גאנצנ באטײט פונ דעמ, װאָס ער טוט. דאָס העלפט אימ צו טאָנ מערער. נאָר דאָס שטערט זײנ װוקס.

דאָס איז נאָכ ניט קײנ מענטש. דאָכ אָבער אנ איבערגאנג צו א מענטש.

„קאָלינ"

דאָס איז פארגעקומענ אײנמאָל אינ אָװנט בײסנ באלאגערונגס־צושטאנד. דער אופזעער אינ דער עסעס־אוניפאָרמ, װעלכער האָט מיכ ארײנגעלאָזנ אינ קאמער ארײנ, האָט באזוכט מײנע קעשענעס בלױז לעפאנעמ.

שטילערהײט האָט ער א פרעג געטאָנ:

— װי האלט עס מיט אײכ?

— כ'וויים ניט. מ'האָט געזאָגט, אז מאָרגנ וועט מענ מיכ שיסנ.

— דאָס האָט אײַכ דערשראָקנ?

— איכ בינ דערצו גרייט.

מיט א געוויינטנ זשעסט האָט ער גיכ באטאפּט די פּאָלעס פונ מײַנ רעקל.

— ס'קענ זײַנ, אז אזוי וועלנ זיי טאַקע טאָנ. עפּשער, ניט מאָרגנ, שפּעטער, עפּשער אינגאנצנ ניט... נאָר אינ אזויטע צײַטנ... איז בעסער, אז מ'איז גרייט...

א ווײַלע האָט ער געשוויגנ.

— עפּשער... איר וואָלט ניט געוואָלט עפּעס איבערגעבנ אפ דער פרײַ? צי עפּעס אָנשרײַבנ? ס'וועט צוניץ קומענ, אויב ניט איצט, איז אינ דער צוקונפט; וויאזוי זײַט איר אהער אריינגעפאלנ, צי האָט אײַכ עמעצער אמאָל ניט פאראטנ, וויאזוי ווער האָט זיכ אויפגעפירט — ס'זאָל צוזאמענ מיט אײַכ ניט פארפאלנ גיינ דאָס, וואָס איר ווייסט...

צי איכ וויל אָנשרײַבנ? ער האָט געטראָפנ מײַנ סאמע פלאמיקנ פארלאנג.

אינ א מינוט ארומ האָט ער געבראכט פּאפּיר אונ א בלײַער. איכ האָב עס גוט פארבאהאלטנ, מע זאָל ניט געפינענ בײַ אונ אונטערזוכונג. אונ דערנאָכ... זיכ ניט צוגערירט דערצו.

עפּעס צו גוט, מע זאָל קענענ פארטרויענ. צו גוט: אינ אזא צײַט אינ טויטנ־הויז, אינ עטלעכע וואָכנ ארומ נאָכנ ארעסט טרעפנ א מענטשנ אינ דער אוניפאָרמ פונעמ סוינע, וואָס מע קאָנ זיכ פונ אימ ריכטנ נאָר אפ זידלערײַ אונ קלעפּ, אונ ער זאָל זײַנ א פרײַנט, וואָס שטרעקט דיר אויס א האנט, קעדיי דו זאָלסט ניט פארלוירנ גיינ אָנ א שפּור, קעדיי העלפנ דיר איבערצוגעבנ פאר דער צוקונפט דאָס, וואָס דו האָסט געזענ, אפ א רעגע ווידער אויפלעבנ דיכ פאר די, וואָס וועלנ בלײַבנ לעבנ נאָכ דיר. אונ גראָד איצט! אינ די קאָרי־

דאָרנ האָט מענ געהאַלטנ אינ איינ אויסשרייַענ די פאַמיליעס פונ פאַרורטיילטע צו טויט, בלוט־שיקערע עסעסאָווצעס האָבנ ווילד זיכ געזידלט, דער האַלדז פלעגט זיכ צונויפדריקנ פאַר גרויל באַ די, וואָס האָבנ ניט געקענט שרייַענ. גראָד איצט, אינ אַזאַ צייַט, האָט מענ טרויענ ניט געטאָרט. דאָס האָט ניט געקאָנט זייַנ קיינ עמעס, דאָס איז געווענ אַ פאַסטקע. וויפל רויִקייט דאַרפ פאַרמאָגנ אַ מענטש, קעדיי אינ אַזאַ מאָמענט, לויט אייגענעמ ווילנ, דערלאַנגענ דיר אַ האַנט! אונ וויפל מוט דערצו!

ס'איז אַוועק באַ אַ כוידעש. דעמ באַלאַגערונגס־צושטאַנד האָט מענ אָפּגעשאַפנ, די זידלערייַ איז שטילער געוואָרנ, יענע שרעקלעכע מינוטנ זייַנענ שוינ געווענ ניט מער ווי געדעכעניש. ווידער איז גע־ווענ אָוונט, ווידער האָב איכ זיכ אומגעקערט פונ אַ פאַרהער, אונ ווידעראַמאָל איז דער זעלבער אופזעער געשטאַנענ פאַר דער קאַמער.

— דוכט זיכ, איר זייַט אַרויסגעקראָכנ. מע דאַרפ האָפנ, — אונ ער האָט פאַרשעריש אַ קוק געטאָנ אָפּ מיר, — ניט „אויסגעגליטשט“ זיכ?

איכ האָב פאַרשטאַנענ די פראַגע. זי האָט מיכ טיפ באַליידיקט. אָבער זי האָט מיכ מער ווי וואָס־ניט־איז אַנדערש איבערצייַגט אינ דער ערלעכקייַט פונ אָט דעמ מענטשנ. אַזוי האָט געקאָנט פרעגנ נאָר דער, ווער עס האָט אַנ אינערלעכ רעכט דערויפ. פונ דעמאָלט אָנ האָב איכ אָנגעהויבנ צו טרויענ אימ. דאָס איז געווענ אונדזערער אַ מענטש.

אויפנ ערשטנ קוק — אַ מאָדנע געשטאַלט. ער פלעגט אַרומגייִנ איבער די קאָרידאָרנ אַנ איינזאַמער, אַ רויִקער, אַ פאַרשלאָסענער אינ זיכ, אַ געהיטער, אַ וואַכזאַמער. קיינער האָט ניט געהערט, ער זאָל זיכ זידלענ. קיינער האָט ניט געזענ, ער זאָל עמעצנ שלאָגנ.

— הערט, לאָזט מיר אַראָפּ אַ פּאַטש פאַר סמעטאַנסנ אינ

די אויגנ, — האָט אים געגעבנ אַ כאַווער פונ דער דערבײַיִקער קאַ־מער, — לאָז ער כאַטש איינ מאָל אײַכ זענ בא דער אַרבעט.

ער האָט אַ שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ אָפּ ניינ:

— מע דאַרפ ניט.

כ'האָב קיינמאָל ניט געהערט, ער זאָל ריידנ דײַטש. פונ אַלצ האָט מענ געקענט דרינגענ, אַז ער איז ניט אַזאַ ווי אַלע. האַגאַם ס'איז שווער געווענ צו פאַרשטיינ — פאַרוואָס. די אופזעער האָבנ אויכ געפילט עפּעס ניט־געווייכלעכס, אָבער זיי האָבנ זיכ דעריינ קיינ דינ־וועכעשבנ ניט אָפּגעגעבנ.

ער באַווײַזט זיכ אומעטום, וווּ ס'איז נייטיק. ער ברענגט אַרײַנ באַרויִקונג דאָרט, וווּ ס'הייבט זיכ אָנ אַ פּאַניק, ער דערמוטיקט דאָרט, וווּ מע לאָזט אַראָפּ די קעפּ, ער שטעלט ווידער אופ אַ פאַרבינדונג, אויב דער אָפּגעריסענער פאָדעמ דראָעט מיט סאַקאָנע מענטשנ אָפּ דער פרײַ. ער צעבײַזט זיכ ניט אָפּ קליינגעלט. ער אַרבעט סיסטע־מאַטיש. אונ די אַרבעט זײַנע איז פונ אַ גרויסנ מאַסשטאַב.

ער איז ניט געוואָרנ אַזאַ, נאָר איז געווענ אַזאַ פונ סאַמע אָנהייב אָנ. אַלצ דורכגעטראַכט, איז ער אַוועק דינענ צו די נאַציסטנ.

אַדאָלפ קאַלינסקי, אַנ אופזעער — אַ טשעכ פונ מאָראַוויע, פונ אַנ אַלטער טשעכישער פאַמיליע, — האָט זיכ אויסגעגעבנ פאַר אַ דײַטש, קעדיי צו קענענ ווערנ אַנ אופזעער אינ דער טשעכישער טפיסע אינ גראַדעצ קראַלאָוו אונ דערנאָכ אינ פאַנקראַצ. ניט ווייניק אופ־געבראַכט קעגנ אים זײַנענ, מיסטאָמע, געווענ זײַנע פרײַנט אונ באַ־קאַנטע...

מיט אַ פיר יאָר שפּעטער האָט דער טורמע־שעפ, אַ דײַטש, גע־כאַפּט פאַר זײַנ נאָז מיט די פויסטנ אונ מיט אַ היפּשער פאַרשפּע־טיקונג געסטראַשעט אים:

— איכ וועל פונ אײַכ אַרויסהאַקנ דעמ טשעכישנ גײַסט!

ער האָט אַ טאָעס געהאַט. דאָס איז געווענ ניט בלויז טשעכישער

נײַסט. אים וואָלט אויסגעקומען אַרויסצוהאַקן פֿון אים אויך דעם מענטשן. דעם מענטשן, וואָס איז באַוווּסטזיניק און פֿרײַוויליק געגאַנגען אַפֿן בײַטיקן פּלאַץ, קעדיי צו קעמפֿן און צו העלפֿן אין קאַמף און וואָס די קעסיידעריקע סאַקאָנע האָט אים בלויז פֿאַרהאַרטעוועט.

„אונדזערע"

ווען מע וואָלט אונדז דעם עלפֿטן פֿעברואַר 1943 יאָר אין דער פֿרי צו פֿרישטיק אַרײַנגעבראַכט קאַקאַאָ אַנשטאָט דער געוויינלעכער שוואַרצער פּליסקײַט, געמאַכט פֿון וואַרעם וואַסער, וואָלטן מיר זיך ניט געכידעשט איבער אַזאַ נעס. ווײַל אין דער פֿרי האָט פֿאַרבײַ דער טיר פֿון אונדזער קאַמער אַ שווינדל געטאָן אַ מונדיר פֿון טשעכישער פּאָליצײַ.

בלויז פֿאַרבײַגעשווינדלט. ס'האָבן אַ שפּאַן געטאָן אַ פּאָר שוואַרצע הויזן אין הויכע שטיוול, ס'האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ האַנט אין אַ טונקל־בלויען אַרבל און האָט פֿאַרקלאַפּט די טיר, — די זעונג איז נעלעם געוואָרן. זי איז געווען אַזוי מאָמענטאַל, אַז שוין אין אַ פֿערטל שעה אַרום וואָלטן מיר גרייט געווען גלייבן, אַז ס'האָט זיך אונדז נאָר אויסגעדוכט.

אַ טשעכישער פּאָליציאַנט אין פּאַנקראַץ! וואָס פֿאַראַ אויספֿירן וואָלט מען געקענט דערפֿון מאַכן!

מיר האָבן זיי געמאַכט אין צוויי שעה אַרום. די טיר פֿון דער קאַמער האָט זיך געעפֿנט, אַ טשעכיש פּאָליציי־היטל האָט זיך אַרײַנגעדרוקט אינעווייניק, און פֿון אַ ברייט שמייכלענדיק מויל איז הויך אַרויסגעפֿלויגן:

— Freistunde [1]

---

1 אָפּרו. (דײַטש)

אצינד האָבנ מיר שוינ מער ניט געקאָנט צווייפלענ. צווישנ די גרוי־גרינע עסעסישע מונדירנ האָבנ זיכ אינ די קאָרידאָרנ באַוויזנ עטלעכע טונקעלע פלעקנ, וועלכע האָבנ זיכ אונדז דײַטלעכ געוואָרפנ אינ די אויגנ: טשעכישע פּאָליציי.

וואָס באַדײַט דאָס? ווי וועלנ זיי זיכ אויפפירנ? ווי זיי זאָלנ זיכ ניט אויפפירנ, שוינ דער פאַקט גופע, וואָס זיי זײַנענ דאָ, רעדט אַלײנ פאַר זיכ. ווי ניט פעסט מוז שוינ זײַנ דער רעזשים, אויב אינ זײַנ אונזאָריעסדיקנ פאַרניכטונגס־אַפּאַראַט, וואָס איז זייער אײַנציקער אָנ־שפאַר, קומט אויס די היטלעריסטנ צוצולאָזנ מענטשנ פונ יענער נאַ־ציאָנאַליטעט, וועלכע זיי ווילנ פאַרניכטנ! וואָס פאַר א מוירעדיקער מאַנגל אינ מענטשנ קער בא זיי זײַנ, אויב זיי זײַנענ געצוווּנגענ אָפּ־צושוואַכנ זייער לעצטע פעסטונג, אבי צו געפינענ עטלעכע צווייטראַנ־גיקע אויספילער. טאָ וויפל זשע נאָכ צײַט קלײַבנ זיי זיכ אײַנצוהאַלטנ?

פאַרשטייט זיכ, אַז זיי וועלנ ספּעציעל צוקלײַבנ מענטשנ. מעגלעכ, אַז די דאָזיקע מענטשנ וועלנ זײַנ נאָכ ערגער ווי די דײַטשנ, וואָס די געוווינהײַט האָט זיי שוינ פאַרטומפּט אונ דאָס ניט גלייבנ אינ ניצאָכנ צעפרעסט זיי, אָבער דער פאַקט אַלײנ, וואָס ס'האָבנ זיכ באַוויזנ טשעכנ — איז א זיכערער סימנ פונ א סאָפ.

אזוי האָבנ מיר געדרונגענ.

די לאַגע איז אָבער געווענ א סאַכ ערנסטער, ווי מיר האָבנ זיכ פאָרגעשטעלט אינ די ערשטע מינוטנ. די מײַסע איז, וואָס דער נאַציס־טישער רעזשים האָט שוינ ניט געהאַט בעיאַד אויסצוקלײַבנ אונ האָט אפילע ניט געהאַט פונ וואָס צו קלײַבנ.

דעם עלפטנ פעווראַל האָבנ מיר צום ערשטנ מאָל דערזענ טשעכישע מונדירנ.

אַפּ מאָרגנ האָבנ מיר אָנגעהויבנ צו באַקענענ זיכ אויכ מיט די מענטשנ.

ער איז אַרײַנגעקומענ, האָט באַקוקט די קאַמער, האָט זיכ א טאַפּ־

משע געטאָנ פאַרטראַכט באַמ שולעל, דערנאָכ, — פונקט ווי א ציגעלע, וואָס דערלאַנגט מיטאמאָל פונ א שטורמישנ ענערגיע־צופלומ א שפּרונג אונטער אפ אַלע פיר פיסלעכ — האָט ער פּלוצעמ געפּויעלט באַ זיכ אונ געזאָגט:

— נו, איז ווי לעבט זיכ, פאַנאַווע?

מיר האָבנ, לאַכנדיק, אימ אָפּגעענטפערט. ער האָט זיכ אויכ צע־לאַכט, דערנאָכ א ביסל פאַרשעמט א זאָג געטאָנ:

— האָט אפ אונדז קיינ פאַריבל ניט. כ'וואָלט מענ אונדז שוינ בעסער אוועקגעשיקט ערגעצ־ווו, אונ אָט האָט מענ גאָר אונדז אוועק־געשטעלט היטנ אייכ... מיילע, וואָס קענ מענ טאָנ... ווער קענ וויסנ... עפּשער איז דאָס צומ בעסערנ...

ער האָט זיכ דערפרייט, ווענ ער האָט דערהערט, וואָס מיר טראַכטנ וועגנ דעמ אונ ווי אונדזער קאָמער באַציט זיכ צו אימ. בעקיצער, מיר זײַנענ געוואָרנ פרײַנט פונ דער ערשטער מינוט אָנ. דאָס איז געווענ וויטעק, א פּאָשעטער גוטמוטיקער יאַט, דאָס האָט ער טאַקע פאַרבײַגע־שווינדלט פאַר אונדז העמ עלפטנ אינ דער פרי.

דער צווייטער, טומא, אנ עמעסער טיפּ פונ אנ אַלטנ טשעכישנ טורמע־וועכטער! א ביסל גראָבלעכ, א שרײַער, אָבער אינ פלונ א ווויי־לער יאַט; אזוינע פלעגט מענ אמאָל אינ די טורמעס רופנ „פּעטערל“. ער האָט ניט פאַרשטאַנענ די מעשונעדיקײַט פונ זײַנ לאַגע, פאַרקערט, ער האָט גלײַכ גענומענ זיכ אופירנ, ווי באַ זיכ אינ דער היימ, באַגלייט די רייד מיט געפעפערטע כאָכמעס; ער האָט מער געשטערט די אָרדענונג, איידער זי אונטערגעהאַלטנ: דאָ טוט ער א וואָרפ אַרײַנ אינ קאָמער א שטיק ברויט, דאָרט — עטלעכע פּאַפּיראָסנ, דאָ הייבט ער זיכ גאָר אָנ ווילצלענ (אָבער נאָר ניט וועגנ פּאָליטיק). געטאָנ האָט ער דאָס אָפנ. אזא איז געווענ זײַנ פאָרשטעלונג וועגנ די פליכטנ פונ אנ אופזעער, אונ ער האָט עס ניט באַהאַלטנ. נאָכנ ערשטנ אויסרייד איז ער געוואָרנ פאָרזיכטיקער, נאָר ער האָט זיכ ניט געביטנ. געבליבנ ווי

פריער א „פעטערל“. כ׳וואָלט באַ זיך ניט געפּויעלט אים בעטנ וועגנ עפּעס ערנסטעס. אָבער איג זײַנ קעגנוואָרט פלעגט זיך לײַכט אָטעמענ.

דער דריטער פלעגט ארומגייג איבערנ קאָרידאָר אָנגעכמורעט, פלעגט שווײַגנ אונ אפ קיינעם ניט קוקנ. אפ די פּאָרזיכטיקע פרווונ זיך באַקענענ א ביסעלע נענטער האָט ער ניט רעאַגירט.

— פונ דעם וועט קיינ טאכלעס ניט זײַנ, — האָט געזאָגט דער טאַטעשי נאָכדעם, ווי ער האָט זיך געהאט צו אים צוגעקוקט באַ א וואָכ צײַט. — דער סאמע הארטער נוס צווישנ אלע.

— אָדער דער סאמע ביטרער, — האָב איך ארויסגעזאָגט מײַנ השערע, מער סתם אזוי, אבי צו דערווידערנ, ווײַל דאָס לעבנ אינ קאַמער פאַרגייט אינ אייביקנ אמפּערנ זיך וועגנ קלייניקײַטנ.

אינ א צוויי וואָכנ ארום האָט זיך מיר איינמאָל אויסגעדוכט, אז דער שווײַגער האָט עפּעס מאָדנע א ווונק געטאָנ צו מיר מיט איינ אויג. איך האָב געענטפערט מיט דער זעלבער ניט־געהיטער טנועה, וואָס האָט אינ טורמע טויזנטערליי באַדײַטונגענ. אָבער אָנ שום רעזולטאַט. שויג זשע האָב איך א טאָעס געהאט?

אונ אינ א כוידעש ארום איז אלצ קלאָר געוואָרנ. דאָס איז געווענ פונקט אזוי אומגעריכט, ווי דאָס ארויספליענ פונ א זומער־פייגעלע, וואָס פאַרלאָזט זײַנ לעלע. די אומבאוועגלעכע גרויע לעלע האָט געפּלאצט, אונ ס׳האָט זיך באַוויזנ א לעבעדיקע באַשעפעניש. דאָס איז געווענ ניט קיינ זומער־פייגעלע. דאָס איז געווענ א מענטש.

— דו שטעלסט דערנקמעלער, — פלעגט ליב האָבנ זאָגנ דער טאַטעשי וועגנ איניקע פונ מײַנע כאראקטעריסטיקעס.

יאָ, איך וויל ניט, ס׳זאָלנ פאַרגעסנ ווערנ כאוויירים, וואָס זײַנענ אומגעקומענ, קעמפנדיק ערלעכ אונ מוטיק אפ דער פרײַ אָדער אינ טפיסע. אונ כ׳וויל אויכ ניט, מע זאָל פאַרגעסנ אינ יענע לעבנ געבליבענע, וועלכע האָבנ אונדז ערלעכ אונ מוטיק געהאָלפנ אינ די שווערס־

טע באַדינגונגענ. איכ וויל, אַז פֿונעמ כווישעב פֿונ די פֿאַנקראַצער קאָרידאָרנ זאָלנ אַרויס אַפֿ דער ליכטיקער שײַנ אָזוינע געשטאַלטנ, ווי קאָלינסקי אָדער אָט דער טשעכישער אופֿזעער. ניט קעדײַ זיי צו ליבנ. נאָר ווי אַ בײַשפּיל פֿאַר אַנדערע. די פֿליכט צו זײַנ אַ מענטש וועט זיכ ניט ענדיקנ צוזאַמענ מיט דער איצטיקער מילכאָמע, אונ קעדײַ אויסצופֿילנ די דאָזיקע פֿליכט, וועט זיכ פֿאָדערנ אַ העראָיִש האַרצ, ביז אַלע מענטשנ וועלנ ווערנ מענטשנ.

אינ פֿלוג איז דער צופֿאַל, וואָס איז געשענ מיט יאַראָסלאַוו האָרא, אַ גאַנצ געוויינלעכער. ס'איז אָבער אַ גאַנצע געשיכטע פֿונ אַ מענטשנ.

ראָדניצקאָ, אַ פֿאַרוואָרפֿנ ווינקעלע פֿונ טשעכאָסלאָוואַקיע. אַ שײַנער, טרויעריקער אונ אָרעמער קאַנט. דער פֿאָטער — אַנ אַרבע־טער אַפֿ אַ גלאָז־הוטע. אַ שווער לעבנ. אויסצערנדיקע אַרבעט, ווענ זי איז פֿאַראַנ, אונ נויט, ווענ ס'קומט אָנ די אַרבעטסלאָזיקײַט, וואָס איז געווענ אָנ אָפּטער גאַסט אינ אָט די מעקוימעס; אַזאַ לעבנ איז איינס פֿונ די ביידע: אָדער עס שטעלט אַוועק אַפֿ די קני, אָדער עס הייבט אופֿ אינ דער הייכ, אַרויסרופֿנדיק אינ האַרצנ דעמ דאָרשט נאָכ אַ בעסערער וועלט, דעמ גלויבנ אינ איר אונ די גרייטקײַט פֿאַר איר צו קעמפֿנ. דער פֿאָטער האָט אויסגעקליבנ דאָס צווייטע. ער איז געוואָרנ אַ קאָמוניסט.

דער יונגער יאַרדאַ באַטייליקט זיכ צוזאַמענ מיט אַ קאָלאָנע וועלאָסיפּעדיסטנ אינ אַנ ערשטמײַיִקער דעמאָנסטראַציע, אונ אַ רויט סטענגעלע איז אַרײַנגעפֿלאָכטנ צווישנ די רעדער־שפּיצעס פֿונ זײַנ וועלאָסיפּעד. אָט דאָס סטענגעלע פֿאַרלאָזט אימ מער ניט. אַלײנ ניט וויסנדיק דערפֿונ, היט ער עס אינ דער נעשאָמע, סײַ ווענ ער אַרבעט אַלס לערנ־יינגל אונ טאָקער אינ אַ וואַרשטאַט סײַ דערנאָכ אַפֿ שקאָ־דאַס זאַוואָד.

קריזיס, אַרבעטסלאָזיקײַט, מילכאָמע, זוכעניש פֿונ אַרבעט, פּאָ־ליצײַ־דינסט. איכ ווייס ניט, וואָס ס'איז אינ דער צײַט פֿאַרגעקומענ

אינ זײַנ נעשאָמע מיטנ רויטנ סטענגעלע. עפּשער איז עס געווענ צו־
נויפגעוויקלט, צונויפגעלייגט, עפּשער האַלב פאַרגעסנ, אָבער ניט פאַר־
לוירנ. אײנ שיינעמ טאָג האָט מענ אימ באַשטימט אַפ דינסט אינ פאַנ־
קראַץ. ער איז געקומענ אַהער ניט פרײַוויליק, ווי קאַלינסקי, מיט אַ
קלאָרנ ציל. אָבער ער האָט פאַרשטאַנענ זײַנ אויפגאַבע, ווי נאָר ער האָט
צומ ערשטנ מאָל אַ קוק געטאָנ אינ קאַמער אַרײַנ. דאָס סטענגעלע האָט
זיכ פאַנאַנדערגעוויקלט.

ער שפּירט אויס דאָס שלאַכטפעלד. ער שאַצט אָפּ זײַנע קויכעס.
זײַנ פּאָנעמ כמורעט זיכ, ער טראַכט פאַראַקשנט פונ וואָס אונ וויאַזוי
בעסער אָנצוהייבנ. ער איז ניט קיינ פּראָפעסיאָנעלער פּאָליטיקער. ער
איז אַ פּאַשעטער זונ פונ פאָלק. אָבער בײַ אימ אינ זיקאָרנ ליגט דעמ
פאָטערס דערפאַרונג. ער פאַרמאָגט אַ געזונטע נאַטור, אינ אימ וואַקסט
אַלצ אָנ די אַנטשלאָסנקײַט. אונ ער אַנטשליסט זיכ. פונ דער גרויער
לעלע פּיקט זיכ אויס אַ מענטש.

דער האָזיקער מענטש האָט פאַרמאָגט אַ זויבערע נעשאָמע; ער
איז האַרציק, באַשיידנ אונ געוואַגט. ער איז פעיִק צו גיינ אַפ אַלצ, וואָס
ס'וועט זיכ פונ אימ נאָר פאָדערנ. עס פאָדערט זיכ אי גרויס אי קליינס.
אונ ער טוט אי גרויס אי קליינס. ער אַרבעט אָנ פּאָזע, ניט געצײַלט,
באַראַכט, אָנ פּאַראַדאָנעס. ער שטעלט זיכ גאָר ניט פאָר, אַז עס קענ
זײַנ אַנדערש. אינ אימ רעדט אַ קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו. אַזוי
דאַרפ זײַנ — איז וואָס איז דאָ שײַעכ צו ריידנ?

אונ דאָס איז, אייגנטלעכ, אַלצ. דאָס איז די גאַנצע געשיכטע פונ
אַ מענטשנ, וואָס שוינ איצט קאָנ מענ פאַרשרײַבנ אַפ זײַנ כעשבנ
עטלעכע גראַטעוועטע מענטשלעכע לעבנס. די מענטשנ לעבנ אונ
אַרבעטנ אַפ דער פרײַ, ווײַל עמעצ אינ פאַנקראַצ האָט אויסגעפילט
זײַנ פליכט פונ אַ מענטשנ. ער קענ זיי ניט, זיי קענענ אימ ניט, פּונקט
ווי זיי קענענ ניט קאַלינסקינ. מיר וואָלט זיכ וועלנ, מע זאָל ביידע
דערקענענ, לאָז זײַנ אַפילע מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, ביידע האָבנ גיכ

געפֿונען איינער דעם צווייטן דאָ. און דאָס האָט פֿאַרגרעסערט זייערע מעגלעכקייטן.

פֿאַרגעדענקט זיי, ווי אַ בײַשפּיל פֿון מענטשן, בא וועמען דער קאָפּ איז אַף אַן אָרט, און ניט בלויז דער קאָפּ, נאָר אויך דאָס האַרץ.

פּעטערל סקאָרעפּאַ

אויב איר וואָלט זיי דערזען אַלע דרײַ אינאיינעם, וואָלט איר געהאַט פֿאַר זיך אַ לעבעדיקע פֿאַרקערפּערונג פֿון עמעסער ברודערשאַפֿט: דער אויפֿזעער קאָלינסקי — אינעם גרוי־גרינעם עסעסישן מונדיר, האָרע — אינעם טונקעלן טשעכישן פּאָליציייִשן מונדיר, דאָס פּעטערל סקאָרעפּאַ — אין דער העלער, כאָטש ניט שטאַרק פֿריילעכער אוניפֿאָרם פֿון אַ קאָרידאָר־וועכטער אין טורמע. דערזען זיי אַלע צוזאַמען קען מען זייער זעלטן. מאַקע דערפֿאַר, ווײַל זיי זײַנען פֿאָרזיכטיק.

לויט דער טורמע־אינסטרוקציע איז דערלויבט אויסצוניצן באַם אויפֿראַמען די קאָרידאָרן און באַם פֿאַנאַנדערטראָגן דאָס עסן „נאָר באַזונדערס באַגלייבטע און דיסציפּלינירטע אַרעסטאַנטן, וועלכע דאַרפֿן זאָרגזאַם איזאָלירט ווערן פֿון די איבעריקע”. דאָס איז דאָס געזעץ. אַ טויטגעבאָרענער פּאַראַגראַף. אַזוינע קאָרידאָר־וועכטער זײַנען ניטאָ און זײַנען קיינמאָל ניט געווען. און באַזונדערס אין די פּײַניקונגס־קאַמערן פֿון דער געסטאַפּאָ. פֿאַרקערט, די קאָרידאָר־וועכטער דאָ — דאָס איז דער אויסשפּיר־אַטריאַד פֿונעם קאָלעקטיוו פֿון די אַרעסטירטע, אַן אַטריאַד, וואָס ווערט אַרויסגעשיקט פֿון די קאַמערן, קעדיי צו זײַן נעענטער צו דער פֿרײַ, קעדיי דער קאָלעקטיוו זאָל קענען לעבן און פֿאַרייניקן זײַנע מיטגלידער. וויפֿל קאָרידאָר־וועכטער האָבן באַצאָלט מיטן לעבן מאַכמעס אַ ניט געלונגענע אויסגעפֿילטער שליכעס אָדער אַן איבערגעכאַפּטן צעטעלע! אָבער דאָס געזעץ פֿונעם קאָלעקטיוו ווערט אָן ראַכמאָנעס פֿאָדערן, אַז יענע, וועלכע וועלן פֿאַרנעמען

זייער אָרט, זאָלנ פירנ ווײַטער אָט די געפערלעכע ארבעט. צי וועט איר זיכ נעמענ פאר איר געוואגט, צי וועט איר ציטערנ, — אלצײנס, וועט איר זיכ פונ איר ניט ארויסדרייענ. פאכדאָנעס קאָנ בלויז קאליע מאכנ אָדער אומברענגענ, ווי אינ יעדער אונטערערדישער ארבעט.

אונ די אונטערערדישע ארבעט איז דאָ דאָפּלט געפערלעכ: זי ווערט געפירט אונטערנ סאמע נאָז בא די, וואָס שטרעבנ צו דערשטיקנ די אונטערערד, פאר די אויגנ בא די אופזעער, אינ ערטער, וואָס זיי, די אופזעער, באשטימענ, אינ סעקונדנ, וואָס הענגענ אָפּ פונ זיי, אינ באדינגונגענ, וואָס ווערנ געשאפנ פונ זיי. דאָ איז ניט גענוג דאָס, וואָס איר האָט זיכ אויסגעלערנט אפ דער פרײַ. אונ פאָדערנ פאָדערט זיכ פונ אײַכ ניט ווינציקער.

פאראנ מײַסטערס פונ אונטערערדישער ארבעט אפ דער פרײַ. אונ פונקט אזוינע מײַסטערס זײַנענ פאראנ צווישנ די קאָרידאָר־וועכטער. פעטערל סקאָרעפּא איז אנ עמעסער מײַסטער פונ זײַנ פאכ. ער איז באשיידנ, אָנ פרעטענזיעס, אפנ ערשטנ קוק ניט־ספריטנע, אָבער אינ דער עמעסנ פלינק, אפ כידושים. די אופזעער קאָנענ זיכ גאָרניט אָפּלויבנ פונ אים: „גאנצע טעג—בא דער ארבעט, קיינ זיכערערנ מענטשנ קענ מענ גאָר ניט געפינענ. ער טראכט נאָר וועגנ זײַנ ארבעט, אים קענ מענ ניט ארײַנפירנ פונ גלײַכנ וועג, ער וועט זיכ מיט קיינ פארבאָטענע זאכנ ניט פארנעמענ, קאָרידאָר־וועכטער, נעמט אלע פונ אים א בײַשפּיל!“

יאָ, נעמט אלע פונ אים א בײַשפּיל, קאָרידאָר־וועכטער! ער איז אינ דער עמעסנ טאקע א מוסטערהאפטער קאָרידאָר־וועכטער, אזוי ווי מיר, ארעסטירטע, פארשטייענ עס. דאָס איז דער סאמע זיכערער אונ דער סאמע פלינקער אויספירער פונעמ טורמע־קאָלעקטיוו.

ער קענ די אײַנוווינער פונ אלע קאמערנ אונ דערווייסט זיכ טייקעפ אלצ, וואָס מע דארפ, וועגנ יעדנ נײַעמ ארעסטאנט: פארוואָס איז

ער אריינגעפאלן אהער, ווער איז דורכגעפאלן צוזאמען מיט אים, ווי האלט ער זיך און ווי האלטן זיי זיך. ער שטודירט פארשיידענע „צור־פאלן" און סטארעט זיך פאנאנדערקלייבן אין זיי. דאס אלץ איז אים וויכטיק צו וויסן, קעדיי צו געבן אן אייצע אדער ווי געהעריק אויס־צופילן א שליכעס.

ער קען די סאנים. ער טאפט גוט דורך יעדן אופזעער, באמערקט זיינע געוווינהייטן, זיינע שוואכע און שטארקע זייטן, דערגייט, מיט וואס יעדער איינער פון זיי איז באזונדערס געפערלעך, וויאזוי מע קען אים אמבעסטן אויסנוצן, איינשלעפערן זיין אופמערקזאמקייט, פירן אין באד ארייַן. א סאך כאראקטעריסטיקעס, וואס איך גיב דא, האב איך גענומען פון דעם, וואס פעטערל סקארעפא האט דערציילט. ער קען אלע אופזעער און קען אויספירלעך אויסמאלן יעדן פון זיי. דאס איז נייטיק, אויב ער וויל אומגעשטערט ארומשמייען איבער די קארידארן און פירן ווי געהעריק די ארבעט.

און פריער פון אלץ געדענקט ער זיין כויוו. דאס איז א קאמור־ניסט, וואס ווייסט, אז ס'איז ניטא אזא ארט, וווּ ער זאל זיך דער־וועגן ניט צו זיין קיין מיטגליד פון דער פארטיי, צונויפלייגן די הענט און אופהערן זיין טעטיקייט. כ'וואלט אפילו געזאגט, אז דאפקע דא, אין די באדינגונגען פון גרעסטער סאקאנע און אבזאָריעסדיקסטן טער־ראר, האט ער געפונען זיין ריכטיק ארט. דא איז ער אויסגעוואקסן.

ער איז עלאסטיש. נייע סיטואציעס קומען אוף יעדן טאג און יעדע שעה און פאדערן נייע מעטאדן. ער געפינט זיי טייקעף־אומוי־יאד. בלויז געציילטע סעקונדן האט ער אין זיין רעשוס. ער קלאפט אין טיר פון קאמער, הערט אויס די אפריער צוגעגרייטע שליכעס און גיט זי איבער קורץ און גענוי אף יענעם עק קארידאר פריער, איידער די נייע וואכטע דעזשורנע באוויזט זיך אופהייבן אפן צווייטן שטאק. ער איז געהיט און גיט זיך שטענדיק גיך אן אייצע. הונדערטער צע־טעלעך זייגען אדורך דורך זיינע הענט, און קיין איינציקס האט מען

ניט אריבערגעכאפט, קיינ כשאד קעגנ אים איז קיינמאָל ניט אופ־געקומענ.

ער ווייסט, וואָס וועמענ עס קוועטשט, ווו ס'איז נייטיק הילפ, ווו ס'זײַנענ נייטיק גענויע ידיעות וועגנ דער לאגע אפ דער פרײַ, ווו זײַנ עכט פּאָטערלעכער בליק וועט צוגעבנ קויכעס א מענטשנ, ווער עס גיט זיכ אונטער פּאַרצווייפלונג, ווו אנ איבעריק שטיקל ברויט אָדער א לעפל זופּ וועט העלפנ אריבערטראָגנ דעמ שווערסטנ אריבערגאַנג צו דער טורמע־שפּײַז. ער ווייסט דאָס אלצ, ער ווייסט דאָס אהאַנק זײַנ פײַנעמ כוש אונ רײַכער דערפאַרונג, ער ווייסט, אונ ער טוט.

דאָס איז א שטאַרקער אונ אומדערשראָקענער קעמפער. א פעסטע אונ גאַנצע נאַטור. אזא איז פעטערל סקאָרעפּא.

מיר וואָלט זיכ וועלנ, אז דער, וואָס וועט אמאָל איבערלייענענ די האַזיקע שורעס, זאָל געפינענ אינעמ אָנגעמאָלטנ פּאָרטרעט ניט נאָר דאָס פעטערל סקאָרעפּא, נאָר אויכ דעמ מערקווירדיקנ טיפּ פונ די „הויז־ארבעטער", ד. ה. „דינסטלײַט פונ צווישנ די ארעסטירטע", וואָס האָבנ געוווּסט, וויאזוי פונ זער ארבעט, אפ וועלכער ס'האָבנ זיי אוועקגעשטעלט די אונטערדריקער, צו מאַכנ אנ ארבעט לעטוי־וואס די אונטערדריקטע. פעטערל סקאָרעפּא איז דער איינציקער אינ זײַנ מינ, אָבער ס'זײַנענ געווענ אויכ אנדערע „דינסט־לײַט" — ניט געראָטנ איינער אפנ צווייטנ, אָבער ניט ווייניקער מערקווירדיקע. געווענ אי אינ פּאָסקראַצ אי אינעמ פּעטשעק־פּאַלאַצ. כ'האָב געוואָלט געבנ אייניקע שטריכנ פונ זייערע פּאָרטרעטנ, נאָר, צומ באַדויערנ, זײַנענ בא מיר געבליבנ נאָר עטלעכע שאָ — צו ווייניק אפילע פאַר א „ליד, אינ וועלכער עס זינגט זיכ גיכ וועגנ דעמ, וואָס אינ לעבנ קומט פאָר גאָר פּאַמעלעכ".

אָט זײַנענ כאָטשבי עטלעכע נעמענ, עטלעכע בײַשפּילנ, דאָס זײַ־נענ ווײַט ניט אלע, וואָס האָבנ מיט רעכט פאַרדינט, מע זאָל זיי ניט פאַרגעסנ.

דאָקטער מילאָש נעדוועד — א טײַערער, זעלטענער כאווער, וואָס האָט פאר זײַנ טאָגטעגלעכער הילפ די געפאנגענע באַצאָלט מיטנ לעבנ אינ אָסווענצים.

ארנאָשט לאָרענצ, בא וועמענ מע האָט אופגעהאנגענ די פרײ־דערפאר, וואָס ער האָט זיכ אָפגעזאָגט ארויסצוגעבנ כאוויירימ, אונ וועלכער איז אינ א יאָר ארומ אליינ אוועק אפ דער טליע, קעדיי צו ראטעווענ אנדערע „הויז־ארבעטער“ פונ דער „פירהונדערטקע“ אונ איר קאָלעקטיוו.

דער שטענדיק מונטערער, שארפזיניקער וואשעק רעזאק, די שווני־געוודיקע, מעסיראס־נעפעשדיקע אנקא וויקאָווא, וועלכע מע האָט אופגעהאנגענ אינ די טעג פונעמ באלאגערונגס־צושטאנד, דער ענער־גישער, טאָמיד פריילעכער, פלינקער, דערפינדערישער „ביבליאָטעקער“ שפריצנער, דאָס שעמעוודיקע יונגע באָכערל ביִלעק...

בלויז בײַשפילנ, בלויז בײַשפילנ. מענטשנ — ווער גרעסער, ווער קלענער. אָבער אלע זײַנענ זיי געווענ מענטשנ אונ ניט קיינ מאריאָ־נעטקעס.

קאַפּיטל VIII

אַ בלעטל געשיכטע

9-טער יוני 1943

אין קאָרידאָר הינטער דער טיר הענגט אַ רימען. מײַן רימען. הייסט עס, מע שיקט מיך אַוועק. באַנאַכט וועט מען מיך אַוועקפֿירן אין דער „אימפּעריע“ צו מישפּעטן און... און אַזוי ווײַטער. פֿונעם פֿענעץ פֿון מײַן לעבן בלײַבט אויף די הונגעריקע צײַט די לעצטע ביסנס. די פֿיר הונדערט עלף טעג אין פּאַנקראַץ זײַנען דורכגעלאָפֿן אומבאַגרײַפֿלעך גיך. וויפֿל זײַנען נאָך געבליבן טעג? ווו וועל איך זיי פֿאַרברענגען? און וויאַזוי?

ווער ווייסט, צי כ'וועל נאָך האָבן אַ מעגלעכקייט צו שרײַבן. איך שרײַב מײַן לעצטע גוואַס־אײדעס. אַ בלעטל געשיכטע, וואָס איך בין, אַפֿנים, איר לעצטער לעבעדיקער אײדעס.

אין פֿעברואַר 1941 האָט מען אַרעסטירט דעם גאַנצן צענטראַל-קאָמיטעט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון טשעכאָסלאָוואַקיע צוזאַמען מיט די פּאַרטרעטער, וואָס זײַנען אײַנגעמערקט געווען, טאָמער טרעפֿט אַ דורכפֿאַל. וויאַזוי ס'האָט געקאָנט פּאַסירן, אַז די פּאַרטיי זאָל באַקומען אַזאַ קלאַפּ, איז דערווײַל נאָך געווען ניט פֿעסטגע-שטעלט. וועגן דעם וועלן, מיסטאָמע, אין דער געהעריקער צײַט

דערציילן די פראגער געסטאפאווצעס, ווען זיי וועלן געשטעלט ווערן פארן געריכט. כ'האב אומזיסט געפרווט זיך סיי דא סיי אינעם פעטשעקפאלאץ דערגייך דעם טאג, ס'האט דא, פארשטייט זיך, געגאלטן פראוואקאציע, אבער אומפארזיכטיקייט האט אויך אפגעשפילט איר ראל. צוויי יאר דערפאלגרייכע ארבעט האבן א ביסל געהאט איינגעשלעפערט די וואכזאמקייט. די אונטערערדישע ארגאניזאציע איז געוואקסן אין דער ברייט, אין דער ארבעט זיינען אריינגעצויגן געווארן נייע מענטשן, הערונטער אויך די, וועמען די פארטיי וואלט באהאלטן אין רעזערוו. דער אפאראט איז אלץ געוואקסן און איז געווארן אזוי צעוואקסן, אז ס'איז שווער געווען אים צו קאנטראלירן. דער קלאפ איבערן פארטיי־צענטער איז, ווייזט אויס, געווען שוין פון לאנג צוגעגרייט און האט זיך אראפגעלאזן אף אונדז א ביסל פריער, איידער די דייטשן זיינען אנגעפאלן אפן סאוועטן־פארבאנד.

כ'האב זיך מבילעס ניט פארגעשטעלט דעם מאסשטאב פון דער „אפעראציע". כ'האב, ווי געוויינלעך, געווארט אף אונדזער פארבינדער און האב זיך ניט דערווארט. ס'איז אריבער א גאנצער כוידעש, און ס'איז קלאר געווען, אז געשען איז עפעס זייער ערנסטעס, און אז איך האב ניט קיין רעכט מער צו ווארטן. כ'האב אנגעהויבן אליין זוכן א פארבינדונג; אנדערע האבן געטאן דאס זעלבע.

דעם ערשטן האב איך אופגעזוכט גאנזא וויסקאטשילן, וועלכער האט אנגעפירט מיט דער ארבעט אין די צענטראלע ראיאנען פון טשעכאסלאוואקיע. ער איז געווען א מענטש מיט איניציאטיוו און האט צונויפגעזאמלט א ביסל מאטעריאל אף ארויסצוגעבן „רודע פראווא" — מע האט ניט געטארט דערלאזן, אז די פארטיי זאל בלייבן אן א צענטראל־ארגאן.

איך האב אנגעשריבן א לייטארטיקל, נאר מיר האבן באשלאסן, אז דער גאנצער מאטעריאל, מיט וועלכן כ'בין אגעוו ניט געווען

באַקאַנט, זאָל דערשיינען ווי אַן ערשטמייניק פּלוגבלעטל און ניט ווי אַ נומער פֿון „רויטע פּראַוודאַ“, ווײַל אַן אַנדער גרופּע כאַווײַרים האָט שוין אַרויסגעלאָזן אַ צײַטונג, האגאאם פֿון אַ זייער פּרימיטיוון אויסזען.

ס'זײַנען אַוועק באַראַשים פֿון פּאַרטיזאַנישע אַרבעטס־מעטאָדן. כאָטש די פּאַרטיי האָט באַקומען אַ צעשמעטערנדיקן קלאַפּ, נאָר טייטן זי האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. הונדערטער נײַע כאַווײַרים האָבן זיך גענומען פֿאַרן אויספֿילן די ניט־פֿאַרענדיקטע אויפֿגאַבונגען, אָבער אָרט פֿון די אומגעקומענע אָנפֿירער האָבן זיך געשטעלט אַנדערע און האָבן ניט דערלאָזן, אַז די אונטערשטע אָרגאַניזאַציעס זאָלן צעפֿאַלן ווערן אָדער „פֿאַרגליווערט“ ווערן אין פּאַסיווקייט אָבער קיין צענטראַלע אָנפֿירונג איז נאָך אַלץ ניט געווען, און אין די פּאַרטיזאַנישע מעטאָדן האָט געשטעקט אַ געפֿאַר, אַז אינעם סאַמע וויכטיקן מאָמענט — אינעם מאָמענט פֿונעם דערוואַרטן אָנפֿאַל אויפֿן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד — זאָל זיך אַרויסווײַזן, אַז בײַ אונדז איז ניטאָ קיין איינהייטלעכקייט.

אין די נומערן פֿון „רויטע פּראַוודאַ“, וואָס זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אויך אויף אַ פּאַרטיזאַנישן אופֿן און וועלכע זײַנען צו מיר דערגאַנגען, האָב איך געשפּירט אַ גענײַטע פּאָליטישע האַנט. פֿון אונדזער ערשטמייניקן פּלוגבלעטל, וואָס איז, צום באַדויערן, געווען ניט שטאַרק געראָטן, האָבן אַנדערע כאַווײַרים, פֿון זייער זײַט, אויך דערזען, אַז ס'עקזיסטירט נאָך עמעצער, אויף וועמען מע קאָן אויסרעכענען. און מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן איינער דעם אַנדערן.

מיר האָבן געבלאָנדזשעט, ווי אין אַ געדיכטן וואַלד. מיר פֿלעגן דערהערן אַ שטים און זיך לאָזן אין דער ריכטונג, און אָט רופֿט זי זיך שוין אָפּ גאָר פֿון אַ צווייטער זײַט. די שווערע פֿאַרלוסטן האָבן אויסגעלערנט די פּאַרטיי צו זײַן מער געהיט און וואַכזאַם, און ווען צוויי מענטשן פֿונעם צענטראַלן אַפּאַראַט האָבן געוואָלט אײַנשטעלן

צווישנ זיכ א פאַרבינדונג, האָבנ זיי געמוזט זיכ אַדורכקלײַבנ דורכ א געדיכטעניש פונ פּילצאַליקע קאָנטראָל־ אונ פּאַראָל־באַריערנ, וועלכע ס'האָבנ צעשטעלט סײַ זיי אַלייִנ סײַ די, וואָס פלעגנ דאַרפנ זיי פאַרבינדנ. דאָס איז געווענ נאָכ מער קאָמפּליצירט מאַכמעס דעמ, וואָס איכ האָב ניט געוווּסט, ווער ס'איז יענער, וועמענ איכ זוכ, אונ ער האָט ניט געוווּסט, ווער איכ בינ.

ענדלעכ האָבנ מיר געפונענ א געמיינזאַמענ באַקאַנטנ. דאָס איז געווענ אַנ אויסגעצייכנטער באַווער, דאָקטער מילאָש נעדוועד, וואָס איז טאַקע געוואָרנ אונדזער ערשטער פאַרבינדלער. דאָס איז אָבער געשענ א ביסל צופעליק. אינמיטנ יונ 1941 בינ איכ קראַנק געוואָרנ אונ האָב געשיקט נאָכ אימ לידאַנ. ער איז טייקעפּ געקומענ צו די באַקסנ — אונ דאָ האָבנ מיר טאַקע וועגנ אַלצ אָפּגערעדט. ער גראָד האָט געהאַט דעמ אויפטראָג צו זוכנ יענעמ „אַנדערנ“, אונ ער איז אַפילע ניט כוישעד געווענ, אַז דער „אַנדערער“ — דאָס בינ איכ. פּונקט ווי אַלע באַוויירימ פונ דער גרופּע, וואָס איז מיר געווענ אומבאַקאַנט, איז ער געווענ זיכער, אַז איכ בינ אַרעסטירט אונ אַז גיכער פונ אַלצ בינ איכ שוינ ניטאָ אַפ דער וועלט.

דעמ 22 יונ 1941 איז היטלער אָנגעפאַלנ אַפנ סאָוועטנ־פאַר־באַנד. דעמ זעלבנ אָוונט האָב איכ מיט גאַנזאַ אַרויסגעלאָזנ א פלוג־בלעטל, וואָס האָט אויפגעקלערט די באַדײַטונג פונ אָט דער מילכאָמע פאַר אונדז. דעמ 30 יונ איז פאַרגעקומענ מײַנ ערשטע באַגעגעניש מיט דעמ, וועמענ כ'האָב אַזוי לאַנג געזוכט. ער איז געקומענ אַפנ אָרט, וואָס איכ האָב באַשטימט, שוינ ווייסנדיק, מיט וועמענ ער וועט זיכ זענ. אונ איכ האָב נאָכ אַלצ ניט געוווּסט. ס'איז געווענ א זומערדיקע נאַכט, איינעמ אָפענעמ פענצטער האָט זיכ אַרײַנגעגאָסנ דער רייעכ פונ בליענדיקע אַקאַציעס, — די פאַסיקסטע צײַט פאַר באַגעגענישנ פונ פאַרליבטע פּאָרלעכ. מיר האָבנ פאַרהאַנגענ דעמ פענצטער, אָנגעצונדנ ליכט אונ זיכ אַרומגענומענ. דאָס איז געווענ גאַנזאַ זיקאַ.

ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז איך פעוואַל איז אַרעסטירט געוואָרן ניט דער גאַנצער צענטראַל־קאָמיטעט. איינער פון די מיטגלידער פון־נעם קאָמיטעט, זיקא, איז געבליבן גאַנץ. איך בין שוין לאַנג געווען באַקאַנט מיט אים און האָב אים שוין לאַנג ליב געהאַט. אָבער ווי ס׳געהער צו זײַן דערקענט אים האָב איך ערשט איצט, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן צוזאַמען. זײַן קײַלעכדיק פּנים האָט שטענדיק געשמייכלט, און אײַנגאַנצן האָט ער געהאַט אַן אויסזען פון אַ זוויל פּעטערל, דאָס איז אָבער געווען אַ פעסטער מענטש, אַ מעסיראַס־נע־פעשדיקער, אַן אַנטשלאָסענער, וואָס האָט ניט אָנערקענט קיין שום קאָמפּראָמיסן אין פּאַרטיי־אַרבעט. ער האָט ניט געוווּסט און ניט געוואָלט וויסן פאַר זיך פון קיין שום אַנדער זאַך אַחוץ פּאַרטיי־פליכטן. ער פלעגט זיך אָפּזאָגן פון אַלץ, וואָס וואָלט געקאָנט שטערן זיי אויסצופילן. ער האָט ליב געהאַט מענטשן, און מענטשן האָבן אים ליב געהאַט, אָבער ער האָט זיך קיינמאָל ניט אײַנגעקויפט אין ליבע פאַרן פרײַז פון פּרינציפּלאָזער נאָכגיביקייט.

מיר האָבן זיך דערעדט אין צוויי מינוט. און אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך זיך אויך דערוווּסט, ווער ס׳איז דער דריטער מיטגליד פון דער נײַער אָנפירונג, וועלכער האָט זיך פאַרבונדן מיט זיקאַן נאָך אין מײַ. דאָס איז געווען גאַנזאַ טשאַרני, אַ וווּקסיקער, שיינער יאַט, אַ זעלטן גוטער כאַווער; ער האָט מילכאָמע געהאַלטן אין שפּאַניע און האָט זיך אומגעקערט פון דאָרטן מיט דורכגעשאָסענע לונגען — האָט זיך אומגעקערט שוין בײַם דער מילכאָמע, דורך דײַטשלאַנד; ער איז פאַרבליבן אַ שטיקל סאָלדאַט, ער האָט פאַרמאָגט אַ רײַכע דערפאַרונג פון אונטערערדישער אַרבעט און איז געווען אַ טאַלאַנט־פולער און איניציאַטיוופולער טוער.

די כאַדאָשים אָנגעשטרענגטע אַרבעט האָבן אונדז פעסט באַ־העפט. מיר האָבן דערגאַנצט איינער דעם אַנדערן סײַ מיט די כאַראַק־טערן סײַ מיט אונדזערע פעיִקייטן. זיקא — אַן אָרגאַניזאַטאָר, אַ

זאַכלעכער און פּעדאַנטיש פּינקטלעכער, וואָס לאָזט ניט קיינעמ פאַרבלענדנ זיכ די אויגנ; ער פלעגט זאָרגעוודיק דורכקאָנטראָלירנ יעדע מיטיילונג, דערגרונטעווענ זיכ ביזנ סאַמע טאָכ, פלעגט אַלזײַטיק באַטראַכטנ יעדער פאַרשלאָג און מיט דעליקאַטער אײַנגעשפּאַרטקייט נאָכשפּירנ, ווי יעדערער פונ אונדזערע באַשלוסנ ווערט אויסגעפילט. טשאָרני, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די דיווערסיעס און מיט דער צוגרייטונג צומ באַוואָפנטנ קאַמפּ, האָט געדענקט ווי א מיליטערמאַנ. אימ איז פרעמד געווענ יעדער מינ קליינלעכקייט, ער האָט זיכ אויסגעצייכנט מיט ברייטנ מאַסשטאַב, אומדערמידלעכקייט און דערפינדערישקייט; עס האָט אימ שטענדיק געגליקט צו געפינענ נײַע אַרבעטס-פאָרמענ און נײַע מעטאָדנ. און, ענדלעכ, איכ, א אַגיטפּראָפּישטשיק, א זשורנאַליסט, וואָס פאַרלאָזט זיכ אָפט זײַנ כוש, א ביסל א פאַנטאַזיאָר און — פונ גלײַכגעוויכט וועגנ — א סקעפּטיקער.

די פאַרטיילונג פונ די פונקציעס איז, אַגעוו, געווענ גיכער א פאַרטיילונג פונ פליכטנ איידער פונ אַרבעט. יעדנ פונ אונדז פלעגט אויסקומענ זיכ אַרײַנמישנ אינ אַלצ און האַנדלענ זעלבשטענדיק אומעטומ, ווו דאָס האָט געקאָנט זײַנ נייטיק. אַרבעטנ איז געווענ ניט לײַכט. די ווונד, וואָס איז פאַרשאַפט געוואָרנ דער פּאַרטיי אינ פעווראַל, איז נאָכ געווענ פריש און האָט זיכ ניט פאַרהיילט. אַלע פאַרבינדונגענ זײַנענ איבערגעריסנ געוואָרנ, איינציקע אָרגאַניזאַציעס זײַנענ אינגאַנצנ דורכגעפאַלנ, און צו יענע, וואָס זײַנענ פאַרבליבנ, זײַנענ קיינ וועגנ ניט געווענ. גאַנצע אָרגאַניזאַציעס, גאַנצע זאַוואָדנ, און צומאָל אויכ גאַנצע ראַיאָנענ זײַנענ באָראָשימ-לאָזנ געווענ אָפּגעריסנ פונ צענטער, ביז ס'פלעגט זיכ אײַנגעבנ אײַנשטעלנ א פאַרבינדונג. און אונדז איז געבליבנ איינ ברירה — האָפנ, אַז „רודע פּראַוואָ" דערגייט צו זיי און פאַרבײַט מיט זיכ די אָנפירונג. עס זײַנענ ניט געווענ קיינ יאַווקעס, — באַנוצנ זיכ מיט די אַלטע האָבנ מיר ניט געקאָנט אויס מוירע, אַז מע שפּירט זיי אַלצ נאָכ; קיינ געלט איז די

ערשטע צײַט ניט געווען, ס'איז שווער געווען צו קריגן פּראָדוקטן, אין א סך פּראָגן איז אויסגעקומען אָנצוהייבן פון אָנהייב אָן. און דאָס אַלץ — אין יענע טעג, ווען די פּאַרטיי האָט זיך שוין ניט געקענט באַגרענעצן בלויז מיט צוגרייט־אַרבעט, אין די טעג פונעם אָנפאַל אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווען זי האָט באַדאַרפט אַרײַנטרעטן דירעקט אין שלאַכט, אָרגאַניזירן דעם אינערלעכן פראָנט קעגן די אָקופּאַנטן, פירן דעם „קליינעם קריג" אין זייער הינטערלאַנד ניט בלויז מיט אירע אייגענע קויכעס, נאָר אויך מיט די קויכעס פונעם גאַנצן פאָלק.

אין די צוגרייט־יאָרן 1939—1941 איז די פּאַרטיי אַוועק אין טיפער אונטערערד, זי איז געווען פאַרקאָנספּירירט ניט נאָר פון דער דײַטשישער פּאָליציי, נאָר אויך פון די מאַסן. אַצינד, אָפּגייענדיק מיט בלוט, האָט זי באַדאַרפט דערפירן ביז דער גרעסטער שליימעס די קאָנספּיראַציע אין באַצוג צו די אָקופּאַנטן און מאַכן א סאָף צו דער קאָנספּיראַציע אין באַצוג צום פאָלק, אײַנשטעלן א פאַרבינדונג מיט די אומפּאַרטייִשע, ווענדן זיך צום גאַנצן פאָלק, אַרײַנטרעטן אין א בונד מיט יעדן, ווער ס'איז גרייט מילכאָמע צו האַלטן פאַר פרײַהייט, און מיט איר בײַשפּיל פירן אין קאַמף יענע, וואָס וואַקלען זיך נאָך.

אָנהייב סענטיאַבער 1941 זײַנען מיר נאָך ניט אימשטאַנד געווען צו זאָגן, אַז מיר האָבן צוריק אויפגעשטעלט די צענטראַמירטע אָרגאַניזאַציע. דערצו איז נאָך געווען ווײַט. אָבער, אַל־קאָל־פּנים, האָט ווידער עקזיסטירט א פעסט אָרגאַניזירטער קערן, וואָס האָט געקאָנט, כאָטשבי טיילווײַז, אויספילן ערנסטע אויפגאַבן. די אויפלעבונג פון דער פּאַרטיי־טעטיקייט האָט זיך גלײַך געלאָזט פילן. עס איז געוואַקסן דער סאַבאָטאַזש, געוואַקסן איז די צאָל שטרײַקן אין די זאַוואָדן. סאָף סענטיאַבער האָט בערלין אַרויסגעלאָזט אַפּ אונדז היידריכן.

דער ערשטער באַלאַגערונגס־צושטאַנד האָט ניט אײַנגעבראַכן דעם

אָנוואַקסנדיקן אַקטיוון ווידערשטאַנד, נאָר האָט אים אָפּגעשוואַכט און דערלאַנגט דער פּאַרטיי נײַע קלעפּ. דערהײַנט: ס'זײַנען אינגאַנצן צעגראָמירט געוואָרן די פּראָגער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און די יוגנט־אָרגאַניזאַציע, ס'זײַנען אומגעקומען נײַע טוער, זייער וויכטיקע פֿאַר דער פּאַרטיי: יאַן קרייטשי, שטאַנצל, מילאָש קראַסני און אַ סך אַנדערע.

אָבער נאָך יעדן פֿון אָט די קלעפּ האָט מען באַשײַמפּערלעך גע־זען, ווי אומבאַזיגבאַר ס'איז די פּאַרטיי. ס'פֿלעגט פֿאַלן אַ שלאַכט־מאַן, און טאָמער פֿלעגט אים ניט קענען פֿאַרבײַטן איינער, פֿלעגן זיך אַף זײַן אָרט שטעלן צוויי, דרײַ. אינעם נײַעם 1942 יאָר זײַנען מיר שוין אַרײַן מיט אַ פֿעסט געבויטער אָרגאַניזאַציע; עמעס, זי האָט נאָך ניט אַרומגעכאַפּט אַלע אַרבעטס־באַצירקן און האָט נאָך ווײַט ניט דערגרייכט די מאַסשטאַבן פֿון פֿעברואַר 1941, אָבער זי איז שוין בעקוועם געווען אויסצופֿילן די אויפֿגאַבן פֿון דער פּאַרטיי אין די אַנטשיידנדיקע שלאַכטן. געאַרבעט איבערן שאַפֿן זי האָבן מיר אײַנדרײַען. אָבער דער הויפּט־פֿאַרדינסט געהער גאָנזאַ זיקאַן.

וועגן דעם, ווי ס'איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אונדזער פּרעסע, קענען זיכער דערציילן די מאַטעריאַלן, וואָס די כאַוויירים האָבן פֿאַרהיט אין די געהיימע אַרכיוון אַף בוידעמער און אין קעלערס, און ס'איז ניט נייטיק, איך זאָל וועגן דעם רײדן.

אונדזערע צײַטונגען האָבן באַקומען אַ ברייטע פֿאַרשפּרייטונג, מיט גרויס אינטערעס פֿלעגן זיי לייענען ניט בלויז מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי, נאָר אויך אומפּאַרטייִשע; זיי פֿלעגן דערשײַנען אין גרויסע טיראַזשן און זיך דרוקן אין אַ ריי זעלבשטענדיקע, זאָרגפֿעליק איזאָלירטע אומלעגאַלע דרוקערײַען — אַף פֿאַרמערונגס־אַפּאַראַטן און עמעסע דרוק־געשטעלן. אַרויסלאָזן פֿלעגט מען זיי רעגלמעסיק און גיך, ווי דאָס האָבן געפֿאָדערט די אומשטענדן. דעם כאַוועער סטאַלינס באַפֿעל פֿונעם 23־טן פֿעברואַר 1942, אַשטייגער, האָבן די ערשטע

„אַבאָנענטנ“ געלייענט שוינ דעמ 24-טנ פעווראַל אינ אָוונט. אויס-געצייכנט האָבנ געאַרבעט אונדזערע דרוקער, די גרופּע דאָקטוירימ אונ באַזונדערס די גרופּע „פוקס-לאָרענצ“, וועלכע האָט, כוצ דעמ, אַרויסגעלאָזט איר אייגענעמ בולעטענ אונטערנ נאָמענ „די וועלט קעגנ היטלערנ“. אַלדאָס איבעריקע פלעג איכ טאָנ אַליינ, קעדיי צו שאַנעווענ מענטשנ. טאָמער פאַל איכ דורכ, איז געווענ צוגעגרייט א פאַרטרעטער. ער האָט געפירט ווייטער מיינ אַרבעט, ווענ מע האָט מיכ אַרעסטירט, אונ אַרבעט ביז איצט.

מיר האָבנ געשאַפנ א ביז גאָר ניט-קאָמפּליצירטנ אַפּאַראַט, קעדיי יעדער אויפגאַבע זאָל פאָדערנ וואָס ווינציקער מענטשנ. מיר האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט פונ דער לאַנגער קייט פאַרבינדלער. פעווראַל 1941 האָט באַוויזנ, אַז די לאַנגע קייט פאַרבינדלער האָט ניט בלויז ניט געהאָלפנ פאַרהיטנ דעמ פּאַרטיי-אַפּאַראַט, נאָר, פאַרקערט, געשטעלט אימ אינ סאַקאָנע. ס'איז, עמעס, געווענ מער ריזיקע פאַר יעדנ פונ אונדז באַזונדער, אָבער פאַר דער פּאַרטיי אינגאַנצנ גענומענ איז דאָס געווענ א סאַכ זיכערער. אַזאַ דורכפאַל, ווי אינ פעווראַל, האָט זיכ מער ניט געקאָנט איבערכאַזערנ.

אונ דעריבער, ווענ מע האָט מיכ געהאַט אַרעסטירט, האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט, דערגאַנצט מיט איינ נייעמ מיטגליד, רויק גע-קאָנט ווייטער פירנ זיינ אַרבעט. ווייל באַשטאַנד פונ צק האָט אַפילע מיינ נאָענטסטער מיטאַרבעטער ניט געהאַט קיינ מינדסטע האַסאָגע.

גאַנזא זיקאַ האָט מענ אַרעסטירט דעמ 27 מיי 1942 ביינאַכט. דאָס איז ווידעראַמאָל געווענ אַנ אומגליקפאַל. נאָכנ אַטענטאַט אַפ היידריכנ איז דער גאַנצער אַפּאַראַט פונ די אָקופּאַנטנ געווענ אַפ די פיס אונ האָט געמאַכט אָבלאַוועס איבער גאַנצ פּראַג. די געסטאַפּאָווער-צעס זיינענ געקומענ אינ א וווינונג אינ סטרזשעשאָוויצ, ווו ס'האָט אַקוראַט געשטעקט זיקאַ. די דאָקומענטנ זיינענ בײ אימ געווענ אינ אָרדענונג, אונ ער וואָלט, מיסטאָמע, ניט צוגעצויגנ צו זיכ קיינ אויפ-

מערקזאַמקייט. ער האָט אָבער ניט געוואָלט שטעלן אין געפאַר די פאַמיליע, וואָס האָט אים געגעבן אַ נאַכטלעגער, און ער האָט געפּרוּווט אַרויסשפּרינגען דורך אַ פענצטער פון דריטן שטאָק. ער איז געפאַלן, און אין טורמע־שפּיטאָל האָט מען אים געבראַכט מיט אַ געפערלעך צעשעדיקטן רוקנביין. די געסטאַפּאָוועצעס האָבן ניט געוווּסט, ווער ס'איז אַרײַנגעפאַלן צו זיי אין די הענט אַרײַן. ערשט אין אַכצן טעג אַרום האָט מען פעסטגעשטעלט, ווער ער איז, לויט אַ פאָטאָגראַפיע, און אַ גוויסעסדיקן האָט מען אים געבראַכט אינעם פּעטשעק־פּאַלאַץ צום פאַרהער. דאָ האָב איך זיך באַגעגנט מיט אים צום לעצטן מאָל. מיר האָבן דערלאַנגט איינער דעם צווייטן די האַנט. ער האָט צו מיר אַ שמייכל געטאָן מיט זײַן ברייטן גוטן שמייכל און געזאָגט:

— אַ גוטן דיר, יוליוס!

דאָס איז אַלץ, וואָס מע האָט פון אים געהערט. נאָך דעם האָט ער מער קיין וואָרט ניט געזאָגט. נאָך עטלעכע קלעפּ אין פּאָנעם האָט ער פאַרלאָרן דעם באַוווּסטזײַן. און אין עטלעכע שעה אַרום איז ער געשטאָרבן.

איך האָב געוווּסט וועגן זײַן אַרעסט שוין דעם 29 מײַ. אונדזערע טאַפּ־פּינגער האָבן געאַרבעט ראַיעל. מיט זייער הילף האָב איך טיילווײַז קאָאָרדינירט מיט אים מײַנע ווײַטערדיקע שריט. און דערנאָך האָט אונדזער פּלאַן באַגיטיקט אויך גאַנזאַ טשאַרני. דאָס איז געווען די לעצטע באַשטימונג פון אונדזער צק.

גאַנזאַ טשאַרניג האָט מען אַרעסטירט זומער 1942. דאָס איז שוין ניט געווען קיין צופעליקייט. דער דורכפאַל איז געשען איבער דער פאַרברעכערישער שוואַכמוטיקייט פון יאַן פּאָקאָרני, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן די פאַרבינדונג מיט טשאַרניג. פּאָקאָרני האָט זיך אויפגעפירט ניט אַזוי, ווי עס האָט באַדאַרפט זיך אויפירן אַן אָנפירנדיקער פּאַרטיי־טוער. נאָך עטלעכע שעה פאַרהער, פאַרשטייט זיך, גענוג גרויזאַמע, — נאָר אַף וואָס זשע דען האָט ער זיך געקאָנט

ריכטונג? — נאָך עטלעכע שעה פֿריער האָט ער זיך דערשראָקן און האָט אַרויסגעגעבן די דירה, ווו ער פֿלעגט זיך באַגעגענען מיט גאַנזאַ טשאַרניק. פֿונדאַנען האָט דער שפּור געפֿירט צו גאַנזאַן אַליין, און עטלעכע טעג אַרום איז ער אַרײַנגעפֿאַלן אין די לאַפּעס פֿון דער געסטאַפּאָ.

מע האָט אונדז צונויפֿגעפֿירט באַלד, ווי מע האָט אים נאָר גע־בראַכט.

— דו קענסט אים?

— ניין, איך קען אים ניט.

ביידע האָבן מיר געענטפֿערט דאָס זעלבע. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעזאָגט ביכלל צו ענטפֿערן. זײַן אַלטע וווּנד האָט אים באַפֿרײַט פֿון לאַנגע יסורים. ער האָט גיך פֿאַרלאָרן דעם באַוווּסטזײַן. נאָך איידער ס'איז דערגאַנגען צו אַ צווייטן פֿאַרהער, איז ער שוין וועגן אַלץ געווען גענוי אינפֿאָרמירט און האָט ווײַטער געהאַנדלט אין הס־קעם מיט אונדזער באַשלוס.

פֿון אים איז מען גאָרניט געוווירע געוואָרן. מע האָט אים לאַנג געהאַלטן אין טורמע, לאַנג געוואַרט, אַז עמעצנס נײַע גוואַלדס־אײדעס וועט אים צווינגען ריידן. מע האָט זיך ניט דערוואַרט.

די טפֿיסע האָט אים ניט אײַנגעבראָכן. אַ פֿרייליכער, אַ מוטיקער, האָט ער געלערנט אַנדערע צו זען ווײַטערע פּערספּעקטיוון, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז בײַ אים איז פֿאַראַן נאָר איין פּערספּעקטיוו — דער טויט.

פֿון פּאַנקראַץ האָט מען אים פּלוצעם אַוועקגעפֿירט סאָף אַפּריל 1943. וווּהין — ווייסט מען ניט. אַזאַ פּלוצעמדיק אַוועקפֿירן איז געווען אַ שלעכטער סימן. מע קען זיך, אַוודאי, טועה זײַן. נאָר איך רעכן ניט, אַז אונדז זאָל באַשערט זײַן ווידער זיך באַגעגענען.

מיר האָבן זיך שטענדיק גערעכנט מיט דער געפֿאַר פֿון טויט. מיר האָבן געוווּסט: טאָמער פֿאַלן מיר אַרײַן צו דער געסטאַפּאָ אין

די הענט, וועלן מיר קיין לעבעדיקע ניט ארויס. אין העסקעם דערמיט האָבן מיר געהאַנדלט אויך אָט דאָ.

איך מײַן שפּיל איז שוין באַלד געענדיקט — דער סאָף דער־נעענטערט זיך. כ'האָב אים ניט דערשריבן. איך ווייס אים ניט. דאָס איז ניט קיין שפּיל. דאָס איז לעבן.

און אין לעבן זײַנען ניטאָ קיין צושויער.
דער פֿאָרהאַנג הייבט זיך אויף.
מענטשן, כ'האָב אײַך ליב געהאַט! זײַט וואַכזאַם!

9.6.43

Montreal

אינהאלט

זייַט

געשריבן אין דער געסטאפּאָ־טורמע אין פּאנקראַץ פרילינג 1943 יאָר 5
קאפּיטל I. פיר און צוואנציק שאָ 7
קאפּיטל II. גסיסע 16
קאפּיטל III. קאמער נומער 267 26
קאפּיטל IV. די „פירהונדערטקע” 38
קאפּיטל V. מענטשן און מאריאָנעטקעס I 59
קאפּיטל VI. דער באלאגערונגס־צושטאנד אין 1942 יאָר 88
קאפּיטל VII. מענטשן און מאריאָנעטקעס 11 (פּאנ־קראַץ) 96
קאפּיטל VIII. א בלעטל געשיכטע 126

ЮЛИУС ФУЧИК

С ПЕТЛЕЙ НА ШЕЕ

(На еврейском языке)

Редактор *Р. Фиш* Техред. *Ф. Фрумкина*

Сдано в производство 29/IV-48 г. Подписано к печати 27/V-48 г. Б—00227
Печ. л. 5 1/35 Уч.-изд. л. 5,23. Формат бумаги 70x108 1/32. Тир. 5.000 Зак. 83

Типография Госиздательства „Дер Эмес“, Москва, Старопанский пер., 1.